YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv01i38

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 1 Issue 38
October 1919

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 1, Iss. 38)

Keywords
International Ladies’ Garment Workers’ Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments
Justice was the official publication of the International Ladies’ Garment Workers’ Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/29

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט“.
וואודראו ווילסאן.

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, 6).
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפּלאזען.

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן

VOL. I. No. 38. New York, Friday, October 3, 1919. פרייטאג, דעם 3טען אקטאבער, PRICE 3 CENTS

פערטעל יעהרליכער צוזאמענקונפט פון דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד

דעם מאנטאג אין באפאלא, אין סטאטלער האטעל, פאנגען זיך אן די מיטינגען פון דזש. עקזעקוטיוו באארד. די מיטינגען וועלען וואהרשיינליך אנהאלטען איינינע טעג. זעהר וויכטיגע פראגען פאר דער גאנצער אינטערנעשאנאל אויף דער טאגעס ארדנונג.

דאס מאל וועט דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון דער אינטערנעשאנאל לײדיעס גארמענט װאירקערס יוניאן פארזאמלען זיך צו איהר פערטעל־יעהרליכען מיטינג אין באפאלא. דער צוועק פון דעם מיטינג איז דער זעלבער, ווי פון די פריהעריגע: צו נעהמען, זא צו זאגען, סטאק פון אלץ, וואס איז אויפגעטאן געווארען זייט דעם לעצטען מיטינג אין פילאדעלפיא, און אויך בויען ווייטער די צוקונפט פון דער אינטערנעשאנאל.

וואס אנבאטרעפט דאס ביז איצט אויפגעטאנענע, קען מען זאגען אהן דער מינדעסטער איבערטרייבונג, אז נאך קיינמאל אין דער געשיכטע פון דער אינטערנעשאנאל איז ניט אויפגעטאן געווארען אזוי פיעל נייעס און וויכטיגעס אין דעם לעבען פון די מיטגליעדער פון דער אינטערנעשאנאל, וויפיעל אין די לעצטע עטליכע מאנאטען, צוליעב וואס אויך דער מיטינג פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד האט זיך שטארק פארשפעטיגט. דאס מאל איז אלעס געגאנגען מיט אזא איבערראשענדער שנעלקייט און איז געקרוינט געווארען מיט אזעלכע ערפאלגען, אז איצט, ווען מען ווארפט א בליק אויף צוריק, פיהלט מען זיך כמעט ווי ערשטוינט.

דאס סאמע וויכטיגסטע, וואס שטעהט אין סאמע פראנט פון אלץ, וואס איז אויפגעטאן געווארען, איז אהן צווייפעל די איינפיהרונג פון וואך־ארבייט אין די וויכטיגסטע קלאוק־צענטרען אין אמעריקא, און אויך אין פיעלע אנדערע אינדוסטריען פון דער א. ל. ג. וו. יוניאן אין ניו יארק.

דאס איז געווען א רעוואלוציע אין דעם אמת'ען און בעסטען זין פון ווארט. און בעת מיר זעהען שוין איצט גאר פיעלע גרויסע פאלגען פון אט דער ענדערונג, קען אבער ניט זיין דער מינדעסטער צווייפעל, אז וואס ווייטער, דאס שטארקער וועלען זיך ארויסזעהן די גרויסע מעלות פון וואך־ארבייט אין פארגלייך מיט שטיק־ארבייט.

די דאזיגע רעוואלוציע איז געקרוינט געווארען מיט א פאלשטענדיגען נצחון אין ניו יארק, נוארק, באסטאן, באלטימאר, וואוסטער, שיקאגא, מאנטרעאל, לאס אנדזשעלעס און סאן פראנציסקא.

איבעראל איז די וואך ארבייט אנגענומען געווארען צוזאמען מיט א באדייטענדער פארקירצונג פון דער ארבייטסצייט, מיט א 44־שטונדיגער ארבייטס־וואך, מיט א מינימום סקייל און וויידזשעס, אזוי דאס די העכערונג פון דעם ארבייטס־לוין איז א גאנץ היבשע.

עס וועט געוויס זיין פון דער העכסטער וויכטיגקייט צו הערען פון די פארשיעדענע שטעדט, ווי עס ארבייט די נייע סיסטעם.

אין מאנכע שטעדט איז נאך די דאזיגע סיסטעם פון וואך־ארבייט דערוויי ניט איינגעפיהרט, ווי אין סינסינעטי, סט. לואיס, טאלידא, קליוולאנד, טאראנטא און פילאדעלפיא, כאטש אויך דארט האט די אינטערנעשאנאל צו פארצייכנען באדייטענדע ערפאלגען אין אן ער ריכטונג, און די עקזעקוטיווע וועט געוויס ניט פארפעהלען צו פאסען א באשלוס אויף וועגען דעם.

וואס אנבאטרעפט פילאדעלפיא, האבען שוין די דארטיגע קלאוקמאכער געשטימט מיט א גרויסער מאיאריטעט פאר וואך־ארבייט, און עס איז כמעט ווי זיכער, אז דעם נעקסטען סיזאן וועלען די קלאוקמאכער אויך דארט אויפהערען צו זיין שטיק־ארבייטער.

צוזאמען מיט דער וואך־ארבייט, ווי מיר האבען עס שוין פיעל מאל ערקלערט, זיינען ארויסגעוואקסען נייע פראבלעמען פאר די לייזונג פון וועלכע עס פאדערט זיך פיעל איבערלעגונג און א געזונטע אורטיילס־קראפט. דער גענעראל עקזעקוטיוו באארד וועט געוויס זיך נעהמען צו זיי, און וועט זיי לייזען צו דער צופרידענהייט פון דער גאנצער אינטערנעשאנאל.

אויפ'ן לעצטען מיטינג פון גנע. עקז. ב. אין פילאדעלפיא איז באשלאסען געווארען צו זעהן ווי ווייט מעגליך צו טאן נויטיגע ארגאניזאטארישע ארבייט אין דער קאנטרי, אויסער ניו יארק. די ג. ע. ב. איז געקומען צו דער איבערצייגונג, אז די גאנצע ארבייט אין די גרויסע שטעדט, ווי ניו יארק, שיקאגא א. ז. וו. וועט פון קנאפען נוצען זיין, אויב די פארשיעדענע טריידס, וועלכע זיינען אין דעם רשות פון דער א. ל. ג. וו. י., וועלען ניט ארגאניזירט ווערען אין די ארומיגע שטעדטלעך.

דער גנע. עקז. באארד איז זיך געווען פול באוואוסט איבער דער שווערער אויפגאבע, וואס זי האט זיך געשטעלט, אבער דער באשלוס, אז דאס מוז געטאן ווערען, איז געווען דארום דאס פעסטער, און עס וועט זיין העכסט־אינטערעסאנט צו הערען, וואס איז אויפגעטאן געווארען שוין אין דער ריכטונג, און וויפיעל עס בלייבט נאך צו טאן, אום אז מען זאל קענען זאגען, אז די מייסטע אינדוסטריען, וואס זיינען ביז איצט אריין אין דעם צעמעל פון די, וואס געהערען צו דער א. ל. ג. וו. יוניאן, זיינען מעהר אדער וועניגער ארגאניזירט.

צו דער זעלבער צייט זיינען נאך דא פיעלע אינדוסטריען, וואס געהערען מיט רעכט צו דער א. ל. ג. וו. יוניאן, אבער צוליעב דעם, וואס עס זיינען ניט געווען די נויטיגע כחות און מיטלען זיך אלץ ווייטער אויסצושפרייטען, האט מען זיך באגנוגענט מיט דאס, וואס איז געווען צו טאן שוין אין די ארגאניזירטע אינדוסטריען. עס איז אבער קיין גרונד ניטא, ווארום איצט, ווען די אינטערנעשאנאל צואוואקסט זיך אלץ מעהר און מעהר, זאל זי זיך ניט נעהמען צו די אנדערע אינ־

דר. ל. פרידלאנד, עדיוקיישאנאל דירעקטאר פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן

א קאנפערענץ פון אלע ניו יארקער לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס דעם מאנטאג פארנאכט.

דר. לואיס ס. פרידלאנד, פון'ם ענגלישען דעפארטמענט אין ניו יארק סיטי קאלעדזש, איז לעצטע וואך אנגעשטעלט געווארען אלס דירעקטאר פון'ם עדיוקיישאנעל דעפארטמענט פון אונזער אינטערנעשאנעל יוניאן. דר. פרידלאנד איז גוט באקאנט אין די עדיוקיישאנעל קרייזען פון ניו יארק פאר זיין טעטיגקייט אויף דעם געביעט, און אונטער זיין דירעקציאן וועט די אינט. עדיוקיישאנעל ארבייט אנגעפיהרט ווערען דעם קומענדען סיזאן. קירצליך וועלען באקאנט געמאכט ווערען די אלע פלענער פון דער עדיוקיישאנעל ארבייט.

רעדזשיסטריישאן פאר די אלע קלאסען געהען שוין אן. די מיטגליעדער פון אלע אונזערע לאקאלס אין גרויס ניו יארק, וועלכע ווילען זיך באטייליגען אין די קלאסען און לעקטשור קורסען, זאלען זיך גלייך רעדזשיסטרירען אין די אפיסעס פון אונזערע לאקאל יוניאנס.

* * *

די עדיוקיישאנעל קאמיטע פון דער אינטערנעשאנעל רופט א דזשאינט קאנפערענץ פון די עדיוקיישאנעל קאמיטעס פון אלע אינטערנעשאנעל לאקאלס פון גרייטער ניו יארק פאר מאנטאג פארנאכט, דעם 6טען אקטאבער, אין אפיס פון אונזער אינטערנעשאנעל, 31 יוניאן סקווער, רום 1002. דער קאנפערענץ וועט זיך אנפאנגען 6 אוהר, גלייך נאך דער ארבייט.

ביי דיזען קאנפערענץ וועט פארגעלייגט ווערען דער פלאן פון דעם עדיוקיישאנעל קאמיטע פאר דעם נייעם סיזאן און די אנוועזענדע וועלען קענען דיסקוטירען די פראגען. אונזער עדיוקיישאנעל דירעקטאר, דר. ל. פרידלאנד, וועט אנוועזענד זיין ביי דעם קאנפערענץ.

די עקזעקוטיוו קאמיטעס פון די לאקאלס ווערען אויפגעפאדערט צו ערוועהלען א קאמיטע פון 3 פערזאן, און אינסטרואירען די קאמיטעס צו זיין ביי דעם קאנפערענץ.

די סעקרעטערע פון אלע אונזערע ניו יארקער לאקאלס ווערען אויפגעפאדערט צו זעהן, דאס די עדיוקיישאנעל קאמיטעס זאלען ניט פארפעהלען צו קומען צו דעם קאנפערענץ. טאמער זיינען אין מאנכע לאקאלס דיזע קאמיטעס נאך ניט ערוועהלט געווארען, זאלען די סעקרעטערע אפאינטען פארלויפיגע קאמיטעס צו אטענדען די קאנפערענץ, וועלכע קען אויף שפעטער ניט אפגעלעגט ווערען.

זאלען אלע סעקרעטערע דאס נעמען אין אכט.

לײדיס טײלארס פון באלטימאר געווינען זייערע פאדערונגען

אונזער לײדיס טײלארס יוניאן אין באלטימאר, לאקאל 101, האט מיט א פאר וואכען צוריק ארויסגעשטעלט פאדערונגען צו די בעלי בתים. די יוניאן האט צוגעשיקט צו יעדער פירמע א נייעם אגרימענט, מיט נייע פונקטען, ווי וואך־ארבייט, א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און א מינימום סקייל און ווידזשעס און נאך אנדערע קלענערע פונקטען.

די מעהרסטע פירמען, איינזעהענדיג מסתמא אז זיי וועלען די פאדערונגען סיי ווי מוזען נאכגעבען, ווי דאס האבען געטאן די בעלי בתים פון אנדערע שטעדט, האבען דעם אגרימענט אונטערגעשריבען אהנע צו געבען דער יוניאן עקסטרא טראבעל. זיי האבען, נאטירליך, געוואוסט, דאס די ארבייטער זיינען גרייט געווען פאר די פאדערונגען צו סטרייקען, אויב נויטיג. עס זיינען אבער דאך געווען צוויי פירמען, פוטשעל און טשערטקאף, וועלכע האבען זיך צוריקגעהאלטען פון אונטערשרייבען דעם נייעם אגרימענט.

די פירמע פוטשעל האט אבער ענדליך דעם אגרימענט אונטערגעשריבען און ביי דער צווייטער, צוריקגעבליבענער פירמע, טשערטקאף, האט מען ערקלערט א סטרייק. דער סטרייק האט געדויערט בלויז איין וואך צייט און אויך די פירמע האט דעם אגרימענט אונטערגעשריבען. איצט, אלזא, ארבייטען שוין אלע לײדיס טײלארס אין באלטימאר אונטער דעם נייעם אגרימענט, זיי האבען געוואונען אלע זייערע פאדערונגען.

פאר אונזערע לעזער וועט זיין אינטערעסאנט צו וויסען, דאס די אמעריקאן

(שלוס אויף זייט 5)

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט“ נומער 38.

זייט 2. די וואך — נ. בוכוואלד.
זייט 3. בריעף צום רעדאקטאר.
זייט 4. א סאניטארי קאנטראל באארד פאר שיקאגא — דר. מאקס געטנער. אין דער קלאוק פרעסערס יוניאן, לאקאל 35 — דזש. ברעסלאוו.
זייט 5. אוים קאפעלוש מאכער! — א. סילווער. וויקטארי באנקעט פון לאקאל 10. די לײדיס טײלארס אין באלטימאר, שלוס פון זייט 1.
זייט 6. מאדערנע צעכען און טרייד יוניאנס — דזשוליעס סטוארט פוינטץ.
זייט 7. ווילסאנ'ס קאפיטאל און ארבייט קאנפערענץ אן אומזיסטע טרחה — ה. לאנג. די געשיכטע פון א שווערען קאמף און זיעג — י. מענקאף און מ. בעיל.
זייט 8. דער קוש — טאמאס קראג.
זייט 9. די יוניטי סענטערס אין פילאדעלפיא — עללען א. קעגאן.
זייט 10. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ ביכעל.
זייט 11. דער גרויסער קאמף פאר יוניאניזם אין אמעריקא — ליליפוט.
זייט 12. אין דער טעאטער וועלט — דער קריטיקער.
זייט 13. דער סענאט און זיין „ארבייטס־קאמיטע“ — ב. מיימאן. דער שטאל־קעניג (פעליעטאן) — א. וואהלינער.
זייט 14. אוים דעם טאג־בוך פון א מיידעל — מ. י. פיירשטיין.
זייט 15. די פרויען־וועלט — ראזע בעדריק־בלינדער. קורצע שמועסען.
זייט 16. קורצע שמועסען. קלאוק שאפ קאלעקשאנס פאר'ן 100 טויזענד דאלאר פאנד.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. דער קאמף און זיעג פון די לײדיס טײלארס אין באסטאן — דזשייקאב וויטה. א סטרייק פון לײדיס טײלארס אין פעטערסאן.

אויס'ן לעבען פון דער קלאוקמאכער יוניאן אין שיקאגא

פון ה. סקוהלמאן

ווען מיר זאלען וועלען באשרייבען
אלעס וואס עס איז פארגעקומען אין דעם
לעבען פון אונזער יוניאן פאר די לעצטע
עטליכע מאנאטען, וואלט איך ערשטענס,
נעדארפט פארנעהמען כמעט א גאנצען
נומער „גערעכטיגקייט", און צווייטענס,
וואלט איך געדארפט באזיצען די פעהיג-
קייט און דעם טאלאנט פון א פראפעסיא-
נעלען שרייבער. איך וועל זיך דעריבער
אזוי נרוים ניט פארנעהמען. מיר וועלען
בלויז אין קורצען פארצייכענען אזוי קורץ
ווי מעגליך אלעס וואס עס איז, לויט אונ-
זער מיינונג, וויכטיג און אינטערעסאנט.

ווען די באוועגונג פאר וואך-ארבייט
האט זיך אנגעפאנגען אין אונזער אינטער-
נעישאנאל, האבען מיר געגלויבט; דאס
אונזער שטאדט וועט זיין די לעצטע דיזען
סיסטעם אנצונעהמען, און מיר האבען דאס
אייניגע מאל ערקלערט, אין די קאלומנס
פון דיזער צייטונג, דאס איז אבער געווען
אמת אזוי לאנג, ווען מען האט דערפון
בלויז „גערעדט", אזוי שנעל אבער, ווי
מען איז איבערגעגאנגען צו טאטען, האט
זיך די גאנצע לאגע געענדערט. דער
פאקט, אז דער ניו יארקער קלאוקמאכער,
וועמען מיר האבען אימער באטראכט אלס
אונזער עלטערען ברודער, איז ארויס אין
סטרייק אום אפצושאפען דעם שטיק-
סיסטעם, און דאן דער פאקט דאס דיזע
פאדערונג איז געוואונען געווארען, איז
געווען גענוג אריינצוברייננען א קוואל פון
באגייסטערונג צווישען די קלאוק מאכער
אין שיקאגא, פאר וואך-ארבייט. גאר
פיעלע פון אונזערע מעמבערס האבען זיך
אין גאנצען ענטזאגט צו דיסקוטירען די
סאמע פראגע. דער געשריי איז געווארען,
דאס מיר מוזען טאן דאס וואס אונזער
עלטערער ברודער, אין ניו יארק האט גע-
טאן, — איין סיסטעם פון ארבייט פאר
אלע קלאוקמאכער! איין אגרימענט פאר
אלע איידים גארמענט ווארקערס, וואו זיי
זאלען זיך ניט געפינען. אויב דער סיס-
טעם איז גוט, דאן זאלען מיר אלע געני-
סען פון דעם.

און די פאנטאזיע האט אונז געזאגט,
איין סיסטעם פון ארבייט פאר אלע, איין
און דערזעלבער אגרימענט פאר אלעמען,
וועלכער זאל אויסגעהן אין איין און דער-
זעלבער צייט, אין איין און דערזעלבער
שטונדע, אין איין „10 אוהר אין
דער פריה" פון ניו יארק ביז סאן
פראנציסקא...

נאטירליך, האבען ניט אלע אונזערע
מעמבערס אזוי געפיהלט, און דער פאר-
שטענדיגער טייל פון אונזערע מעמבערס,
מיט דער הילפע פון אונזער פרעזידענט
שלעזינגער, האבען פשוט דעם לעבען
אוועקגעלייגט, אום צו ערקלערען און אי-
בערצייגען דעם נאך ניט איבערצייגטען
עולם, אין די נייטיגקייט און וויכטיגקייט
פון דיזער רעפארמע. מיר וועלען קיינמאל
ניט פארגעסען, דעם דזשאינט באארד מי-
טינג, וועלכען פרעזידענט שלעזינגער האט
אדרעסירט, און אגיטירט, פאר דער איינ-
פיהרונג פון וואך-ארבייט. ער האט ביי
יענעם מיטינג מיט זיין ריידען, פשוט
אריינגעגאסען פייער אין אונזערע אדערען.
ניט וויינינער ווירקזאם איז געווען זיין
רעדע מיט 3 טעג שפעטער, ביי א גרויסע
מאסענפארזאמלונג, פאר דעם זעלבען
צוועק.

און אין א משך פון 2 וואכען צייט
איז דער קאמפיין פאר וואך-ארבייט גע-
קרוינט געווארען מיט דעם גרעסטען ער-
פאלג. דאס האט דער רעפערענדום באוויי-
זען; עס איז געווען 2 און א האלב שטי-
מען צו איינס פאר וואך-ארבייט. און אין
א וואך שפעטער, דזשולי דעם 2טען,
1919, זיינען אלע אונזערע מעמבערס מיט
שמחה און באגייסטערונג, ארונטער אין
סטרייק, פאר אלע פאדערונגען וואס מיר
האבען ארויסגעשטעלט צו אונזערע בעל
הבתים, און נאך א 24 שטונדיגען „סטא-
פעדזש", דער שעהנסטער און וואונדער-
בארסטער, אין דער געשיכטע פון אונזער
יוניאן, זיינען אלע אונזערע פאדערונגען
געוואונען געווארען! וואך-ארבייט, אן
8-שטונדיגען ארבייטס-טאג, און מינימום
סקיילס פאר אלע סארטען בעל מלאכות
אין טרייד.

און היינט, 3 מאנאטען ווי מיר אר-
בייטען אונטער דעם נייעם אגרימענט, איז
נאך קיין איינע פון די שרעקליכקייטען,
וועלכע אונזערע עהרליכע געגנער האבען
פאראויסגעזאגט, ניט מקוים געווארען.
קיין ערנסטע קאמפליינטס פון אונזערע
ארבייטער הערט מען ניט, און מיר האפען
אז אזעלכע וועלען אויך ניט פארקומען.
אמת, כמעט יעדען טאג הערען מיר פון
פארשיעדענע מאנופעקטשורערס, זיך בא-
קלאגען, אז זיי ווערען „אומגליקליך" און
דאס יעדע וואך לייגען זיי צו „שווערע
הונדערטער" נאר מיר טרייסטען זיך דער-
מיט, וואס די עקסטרא קאסטען וואס זיי
האבען, געהט ווארשיינליך אין גאנצען ניט
פארלוירען, און א געוויסער טייל פון די
געלדער געהט אין די פאקעטס פון אונזערע
ארבייטער, וועלכע דארפען דאס נויטיג
האבען.

געוויס זיינען נאך אלע אונזערע פראב-
לעמען ניט געלייזט. האבען מיר דאך גע-
מאכט אן אגרימענט מיט באסעס, וועל-
כעס אינטערעסען זיינען פונקט דער היפוך
פון אונזערע, און וועלכע טריאען (אפילו
אינדירעקט) צו מאכען אונז אביסעל אונ-
אנגענעמליכקייט. אבער עס מאכט ניט,
אזוי לאנג ווי מיר האבען א יוניאן, און
א שעהנע, מעכטיגע יוניאן דערצו, דאר-
פען מיר קיין מורא ניט האבען, און האבען
טאקע ניט.

מיר שטעהען אויף דער וואך און גיבען
אכטונג, אז אלעס זאל צוגעהן אזוי גוט
ווי די אומשטענדען מאכען דאס מעגליך.

זאל נאך דא געזאגט ווערען, אז מיר
האבען געמאכט לכבוד פרעזידענט שלע-
זינגער און לכבוד די גאנצע דזשענעראל
סטרייק קאמיטע א זעהר שעהנעם באנ-
קעט וואו מיר האבען זיך גאנץ לייטיש
אמוזירט און יעדער לאקאל פון אונזער
דזשאינט באארד האט אויסגעדריקט אין
דעם נאמען פון אלע מעמבערס אנערקע-
נונג און ליעבע צו פרעזידענט שלעזינגער
פאר זיין אמת גוטע און איבערגעבענע אר-
בייט, דורך זעהר ווערטפולע פרעזענטען
אלס אנדענקען. דאס איז געטאן געווא-
רען גלייך נאכ'ן סעטעלמענט און עס וועט
ניט שאדען דאס צו פארצייכענען אפילו
איצטער.

* * *

שלעזינגער איז אימער געווען באליבט
ביי די שיקאגא'ר בעל מלאכות, די שי-
קאגא'ר קלאוק מאכער האבען אימער
שטאלצירט, מיט דעם פאקט, דאס שלע-
זינגער איז זייערער, און עלטערע
קלאוקמאכער האבען אפט ליעב צו דער-
מאנען די צייטען, ווען זיי האבען מיט
איהם געארבייט אין איין שאפ, און אויך
דאס ער איז אמאל געווען דער ביזנעס
איידזשענט פון אונזער יוניאן. נאך פיעלע
פון אונזערע עלטערע מעמבערס רופען
איהם ביי'ם ערשטען נאמען און אלע פאר-
דעכטיגען איהם אימער, אז אויך ער האט
א ספעציעלע ליעבע פאר שיקאגא. אבער
נאך קיינמאל האבען אונזערע מעמבערס
איהם אזוי פיעל ליעבע ארויסגעוויזען ווי
היינט! היינט, נאכדעם ווי זיי האבען גע-
האט די געלעגענהייט צו זעהן, ווי אזוי
שלעזינגער האט קאנפערירט מיט אונזערע
מאנופעקטשורערס, פארלייגענדיג פאר זיי
אונזערע פאדערונגען, מיט אזוי פיעל
טאקט, שכל, שטאלץ און ווירדע. אונזערע
הערצער האבען אזוי מאדנע מחיה'דיג גע-
קלאפט בראוואָ צו יעדער ווארט, צו יעדען
ארגומענט, וועלכען ער האט ארויסגע-
בראכט! און דערפאר אזוי פיעל באגייס-
טערונג און אזוי פיעל בלומען, לויב-גע-
זאנג און פרעזענטען.

זאל נאר קיינער אונז ניט פארדעכטי-
גען אין איבערטרייבונגען. די שיקאגא'ר
קלאוקמאכער זיינען גראדע באוואוסט אלס
ניט גאר קיין הייסע חסידים און קדוש
שפרינגער, אבער דאס איז פארט דער ריי-
נער אמת, און מיר גיבען דאס צו מיט
פארגעניגען.

* * *

פאלמערס שאפ

דער גרעסטער און בכבוד'יגסטער שאפ
אין שיקאגא איז די פירמא פעריסוואל ב.
פאלמער און קא.

פון 1912, ווען מיר האבען דארטען
פארלוירען אן אונגעלונגענעם סטרייק, איז
דער שאפ געווען א נאן-יוניאן שאפ. אלעס
איז געטאן געווארען דיזען שאפ צו אר-
גאניזירען, עס איז פשוט געווען אונזער
אמביציע צו קריגען דיזען אריסטאקראַ-
טישען מאנופעקטשורער צו טאן „ביזנעס"
מיט אונזער יוניאן. די ארבייטער אבער
זיינען באשטאנען מעהרסטענס פון סלא-
ווישע אפשטאמונג און מיר האבען זיך
פשוט מיט זיי ניט געקענט צוזאמענריי-
רען. א דאנק אבער דעם נייעם גייסט פון
די קלאוקמאכער אין אלגעמיין און א דאנק
די אונערמידליכע ארבייט פון ברודער
גלאסמאן, וועלכער האט אריינגעלעגט זיין
גאנצע ענערגיע, איז דער שאפ היינט צו
טאג, איינער פון די בעסטע יוניאן שע-
פער אין שטאדט, און די ארבייטער פון
דיזען שאפ שעצען און אכטען זייער יו-
ניאן וועלכע האט אויסגעפיעט צו פארבע-
סערען זייער לאגע אין אזא קורצער צייט,
צו אזא גרויסען גראד.

וועגען דעם שעהנעם שלום פון קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשעלעס

דורך א טעלעגראמע פון פרעזידענט
שלעזינגער איז שוין מיט צוויי וואכען צו-
ריק, געווען געמעלדעט אין די „גערעכ-
טיגקייט" וועגען דעם סעטעלמענט פון'ם
קלאוקמאכער סטרייק אין לאס אנדזשע-
לעס, קאליפארניא.

דעם 18טען סעפטעמבער איז אין א
קאנטרי עדישאן פון „פארווערטס" גע-
ווען פארעפענטליכט א קארעספאנדענץ
פון לאס אנדזשעלעס, פון דעם קארעס-
פאנדענט דזש. לעוויט, אין וועלכער ער
ניט איבער די שטימונג וואס דער סע-
טעלמענט פון דעם סטרייק האט דארט
ארויסגערופען: די ווירקונג וואס עס האט
געהאט פרעזידענט שלעזינגער'ס קומען
אהין און אזוי ווייטער.

מיר דענקען דעריבער אז עס וועט זיין
אינטערעסאנט פאר אונזערע לעזער, דא
איבערצוגעבען אן אויסצוג פון יענער קא-
רעספאנדענץ.

איבערגעבענדיג די פונקטען פון דעם
סעטעלמענט און אנווייזענדיג אויף דעם
זיעג וואס די ארבייטער האבען דורכדעם
סעטעלמענט געוואונען, שרייבט ער:

„בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט
פון דער אינטערנעשיאנעל, איז די פער-
זאן, וועלכע האט געבראכט דיזען גרוי-
סען געווינס צו אונזערע ארבייטער.

מיטוואך, דעם 20טען אויגוסט, איז
געג. שלעזינגער אנגעקומען נאך לאס אנ-
דזשעלעס און שבת, דעם 23טען איז שוין
דער סטרייק געווען צו ענדע.

צעהן וואכען איז דער סטרייק אנ-
געגאנגען.. די פארביטערטקייט פון ביי-
דע צדדים איז געווען אזוי שטארק, אז
עס האט אויסגעזעהן, דאס קיין זאך אין
דער וועלט וועט די מאנופעקטשורערס
און די ארבייטער ניט צוזאמענברייננען.
דער פאקט איז, אז פריינד קאהען האט
אייניגע טעג בעפאר געג. שלעזינגער'ס
קומען אהער געמאכט אן אנשטרענגונג צו-
זאמענצוברייננען ביידע צדדים צו א מי-
טינג, אבער פון דעם איז גאר ניט געווא-
רען. עס איז ווירקליך נויטיג געווען א
שלעזינגער, וועלכער זאל קומען צו די מא-
נופעקטשורערס און האלטען פאר זיי א
לעקטשור וועגען דער קלאוק אינדוסטריע
פון לאנד און די לאגע, אין וועלכער זיי,
די מאנופעקטשורערס, געפינען זיך ניט
דורך סטראשוקעס, נאר באווייזענדיג זיי
וואס זיי ערוואַרטעט דורך זייערע אונווי-
סענדע עקשנות, באווייזענדיג לאגיש און
מיט פאקטען, אז די פאדערונגען פון די
ארבייטער זיינען גערעכטע. אין ניו יארק,
קליוולאנד, שיקאגא האבען די ארבייטער
עס נעקראגען אהן אזא לאנגען און פאר-
ביסענעם קאמפף.

ווי שוין געזאגט, דריי טעג צייט הא-
בען די קאנפערענצען מיט די מאנופעק-
טשורערס אנגעהאלטען, וואו די אייזערנע
לאגיק פון שלעזינגער האט געזיעגט איבער
דער איינגעשפארטקייט פון די באסעס און
זיי האבען געסיינט דעם אגרימענט, וועל-
כען געג. שלעזינגער האט די פארגעלייגט.
דעם זעלבען אגרימענט פון ניו יארק און
שיקאגא.

האבענדיג געסעטעלט מיט די מאנו-
פעקטשורערס האט יעצט געג. שלעזינגער
געהאט א דזשאב דאס זעלבע צו דערוויי-
זען די ארבייטער. די גרויסע נוצען, וועל-
כע זיי וועלען ארויסקריגען פון דעם אגרי-
מענט: פון דעם פרעפערענשעל שאפ, פון
אן ארביטריישאן באארד, פון א „פער
ווידזש פאר א פער טאג ארבייט".

דאס זיינען אלץ ווערטער, וועלכע זוי-
נען די היגע קלאוק ארבייטער ניט באקאנט
און פיעלע פון זיי האבען עס ניט פאר-
שטאנען. עס האט אבער ניט גענומען
לאנג געג. שלעזינגער צוזאמען מיט די
מעהר געלאסענע און פארשטענדיגערע
ארבייטער קלאהר צו מאכען אלץ וואס עס
איז געווען ניט פארשטענדליך און די אר-
בייטער זיינען איצט פול מיט פרייד פון
זייער גרויסען געווינס.

צו פייערען זייער גרויסען זיעג און
צו דער עהרע פון זייער באליעבטען פרע-
זידענט האט דער קלאוק מייקערס לאקאל
פאראנשטאלטעט א באנקעט. דאס איז גע-
ווען א מאסען-באנקעט אין פולען זינן פון
ווארט. אלע זיינען זיי געקומען, אויסער
יעדען מעמבער פון דער יוניאן זיינען גע-
קומען פארשטעהער פון אלע אידישע ראַ-
דיקאלע ארגאניזאציאנען צו באגריסען
געג. שלעזינגער און די קלאוק מייקערס
אין זייער דאפעלטען זיעג. ערשטענס צו
געווינען אלע זייערע פאדערונגען און צו
האבען צווישען זיך זייער ווערטען פרע-
זידענט.

דער אידישער סאציאליסטישער
ברענטש האט איהם פרעזענטירט מיט א
פראכטפאלען בעסקעט שעהנע בלומען,
אויף וועלכען רויטע לענטעס זיינען גע-
האנגען מיט דעם אויפשריפט: „סאלידא-
ריטעט פארזיכערט דעם זיעג".

רעדעס זיינען געהאלטען געווארען פון
ברודער מענקאף, א מעמבער פון דער
סטרייק קאמיטע, וועלכער האט פארגע-
שטעלט ברודער מעלניקאף אלס דעם
טאאסטמאסטער פון אבענד. ברודער מעל-
ניקאף האט געהאלטען א שעהנע אינ-
האלטסרייכע רעדע און האט פארגע-
שטעלט געג. טאבאק, דעם טשערמאן פון
דער סטרייק רעליעף קאנפערענץ. געג.
וויסענבערג, פון אידישען סאצ. ברענטש,
געגאסע קאטלער, פון דער קאאפעראטיוו
קאנסומערס ליעג, געגאסין מיטעלמאן, פון
דער באיל הייטס קאנסומערס ליעג, פריינד
פארבער, פון דער אר. רינג סיטי קאמיטע,
פריינד גינזבורג, פון בר. 248 אר. רינג,
פריינד פישער, פון בר. 443 אר. רינג,
פריינד קליין, פון בר. 512 א. ר., פריינד
סינגער, פון אינד. בר. ארב. רינג, און
פיעלע אנדערע.

דאן האט דער טאוסטמייסטער, פאר-
געשטעלט דעם פרעזידענט פון לאקאל,
וועלכער האט אין נאמען פון לאקאל בא-
דאנקט יעדען איינעם, וועלכער האט גע-
האלפען דיזען גערעכטען קאמף צו געווי-
נען. אפשטעלענדיג זיך אויף דעם גרוי-
סען אויפטו פון משיעף, ברודער שלעזינ-
גער, וועלכער האט געבראכט די לאס אנ-
דזשעלעס קלאוקמאכער די גרויסע מתנה
פון זיעג, האט ער איהם אין נאמען פון
אלע סטרייקער אונטער א שטורם פון אפ-
לאדיסמענטען, פרעזענטירט מיט א זיל-
בערנער סיגארעטען באקס אנגעפילט מיט
יוניאן סיגארעטס.

די אוואציע, וועלכע מען האט געגעבען
געג. שלעזינגער איז אונמעגליך צו בא-
שרייבען, א קלאפעריי און א יובעל-געשריי
האט אנגעהאלטען פאר לאנגע, לאנגע מי-
נוטען. און נאכדעם ווי אלעס איז איינגע-
שטילט געווארען האט שלעזינגער גע-
בראכט זיין מעסעדזש ניט נור צו די
קלאוק מאכער נאר צו דער גאנצער ארביי-
טענדער לאס אנדזשעלעס.

ער האט אויסגעדריקט זיין אנגענעהמע
איבערראשונג צו זעהן די ארבייטער-
אחדות, זוי אר. רינג ברענטשעס, סאציא-
ליסטען, פועלי ציוניסטען, אינד. א. ר.
מעמבערס — מיט איין ווארט, אלע זיצען
ביי איין טיש און אלע צייגען ארויס אן
אינטערעס אין איין זאך, אין דער ארביי-
טער-פראגע.

ער האט זיך אויך אפגעשטעלט אויפ'ן
„פארווערטס", וועגען די גרויסע גוטע אר-
בייט וואס דער „פארווערטס" טהוט פאר
די ארבייטער-מאסען פון לאנד.

ווען געג. שלעזינגער האט געענדיגט
זיין רעדע איז שוין געווען ארום האלב נאך
איינס אין דער פריה. ער האט געדריקט
די הענד פון אלע אנוועזענדע און אלע הא-
בען זיך געפיהלט גליקליך וואס זיי האבען
געהאט די געלעגענהייט צו באקענען זיך
און פארברייננען מיט שלעזינגער'ן צוזא-
מען.

דיזער אבענד וועט לאנג, לאנג ניט
פארגעסען ווערען אין אונזערע ארבייטער-
ריהען."

האלטען מיט זיין פאליטישען קאפ. איידער מען דערלאזען דאס, וועט דער פרעמיער פון ענגלאנד מסתמא שפיעלען זיין לעצטע קארט און אריינווארפען די רעגימענטען אין דעם סטרייק. אבער דאן וועט אין ענגלאנד פארקומען עטוואס מעהר. ערנסטערעס ווי דאס פאלען פון ללאיד דזשארדזש.

* * *

ווילסאן ברעכט צוזאמען.

ווילסאן האט צוזאמענגעבראכען. די אנשטרענגונג איז געווען צו גרויס. עס איז דעם פרעזידענט אויסגעקומען צו רעדען מיט הארץ און גאל. עס איז איהם אויסגעקומען צו רעדען פאר פארזאמלונגען.

די אנשטרענגונג איז געמאכט געווארען אהן דער מאראלער באפרידיגונג פון האבען עפעס געוואונען. דער פרעזידענט איז מסתמא געדריקט געווארען פון דעם געדאנק, אז ער האט דעם שפיעל פארלארען.

ווערהענד מען באדויערט דעם צוזאמענברעכען פון דעם פרעזידענט'ס נערווען, הערט מען אבער ניט אז מען זאל שטארק באדויערען דעם פאקט, וואס זיין טור האט זיך פריהצייטיג געענדיגט און וואס עטליכע רעדעס זיינען אין דעם פרעזידענט'ס „סיסטעם" געבליבען נישט געהאלטענע.

וואלט מר. ווילסאן געווען אזוי קריגעריש אויף דעם ווערסאיל קאנפערענץ; וואלט ער געווען פארטיידיגט זיינע אידעאלען, וועלכע האבען איינגעהויכט נייע האפנונגען אין דער מיט־בלוט אפגעגאנגענער וועלט, אזוי ענערגיש ווי ער האט פארטיידיגט דעם גוואלד־אפמאך, — דאן וואלט זיין צוזאמענברעכען דערהויבען געווארען צו אן אלוועלטליכען אומגליק און וואלט ארויסגערופען אלוועלטליכען טרויער. די וועלט וואלט דאן געבליבען א דערשראקענע — טאמער וועט זי פארלירען איהר גרויסען פראפעט און ערלעזער. איצט אבער איז ניטא פאר וואס זיך צו שרעקען. וואס אנבאלאנגט אידעאלען און די ערלעזונג פון דער וועלט איז ווירקליך אלץ איינס.

* * *

ווידער א ווילדער ראסען־אויסברוך

אין אמאהא, נעבראסקא, איז די טעג פארגעקומען א פאגראם אויף נעגערען, וואס איז געווען נאך ווילדער ווי די פאגראמען אין שיקאגא און וואשינגטאן מיט איינינע וואכען צוריק. א צוויישעטער המון איז באפאלען דאס געריכט־הויז וואו עס איז געווען פארשפארט א נעגער, וועמען דער מאב האט געוואלט דורכאוים לינטשען. מען האט דאס געריכט־הויז אויפגעריסען מיט באמבעס און דעם נעגער האט מען געלינטשט. אויף דעם מעיאר פון אמאהא האבען די ווילד־געווארענע ווייסע אויפגעהאנגען דערפאר, וואס ער האט ניט געוואלט דערלאזען זיי זאלען לינטשען דעם נעגער. מען האט דעם מעיאר ארונטערגענומען פון דער תליה קוים א לעבעדיגען.

צוויי טעג צייט האט אין אמאהא געהערשט א פאלשטענדיגער טעראר געגען די שווארצע, וועלכע זיינען פארצווייפעלטע און אויף טויט־דערשראקענע, געלאפען פון שטאדט, אום זיך צו ראטעווען פון די לינטשערס.

די פעדעראלע רעגירונג האט אנגענומען שטרענגע מיטלען געגען דעם ראסען־טעראר און מאב הערשאפט. סאלדאטען זיינען געשיקט געווארען קיין אמאהא אונטער דער פיהרערשאפט פון דעם בארימטען גענעראל לעאנארד וואוד, וועלכען עס האט זיך איינגעגעבען איינצושטילען די מארד־לוסט פון די ווייסע. נאך מעהר, וואוד האט ערקלערט אז די וואס האבען זיך באטייליגט אין די לינטשערייען וועלען ארעסטירט ווערען און געשטעלט ווערען צום געריכט פאר מארד. און אויב אימיצער וועט זיך שטעלען אנטקעגען און נים לאזען אז מען זאל די לינטשערס ארעסטירען, טא זאל ער וויסען, אז ער הויבט זיך אן מיט דער ארמיי פון די פאראיינינטע שטאאטען.

איצט איז אין אמאהא שטיל, טויט־שטיל. די לינטשערס האבען באגריפען אז פאר זיי שטעהט פאר גארניט קיין פרעהליכע פערספעקטיווע, אז ארעסטען וועלען ווירקליך געמאכט ווערען, און די ארעסטירטע וועלען ווירקליך געשטעלט ווערען צום טריאל פאר מארד. אין די צוויי טעג פון דער מאב הערשאפט האבען זיך עהנדלינגע בירגער פון אמאהא אפען בארימט אז זיי האבען אנטייל גענומען אין די לינטשערייען. איצט פארשעלטען זיי ם טאג ווען עס האט זיך זיי פארוואלט האבען אביסעל „פאן" מיט די נאט־ ראמטע נעגערס.

מעגליך אז אויב שטרענגע מיטלען וועלען ווירקליך אנגענומען ווערען צו באשטראפען די מערדער אין אמאהא, וועט עס האבען א אבהאלטענדע ווירקונג אויף די ווייסע גזלנים פון אנדערע שטאאטען, אבער עס איז כדאי צו באמערקען אז שוין ווען די אמעריקאנער סאלדאטען זיינען אריין אין אמאהא און האבען זיך גענומען פאר די לינטשערס האט מען אין אלאבאמא סטייט געלינטשט דריי נעגערס מיט אמאל.

עס ווייזט אויס אז די ווייסע וועלען זיך ניט אזוי לייכט שיידען מיט דער טראדיציאנעלער צייט־פארטרייבונג פון לינטשען זייערע שווארצע מיט־בירגער.

* * *

פרייהייטס־קאנווענשאן אין שיקאגא.

לעצטע וואך איז אין שיקאגא פארגעקומען א קאנווענשאן פון פארשטעהער פון פארשידענע ראדיקאלע ארבייטער־ארגאניזאציעס אונטער דעם נאמען „אמעריקאן פרידאם קאנווענשאן". דער צוועק פון דער קאנווענשאן איז געווען אויסצוארבייטען פלענער, מיטלען און פארמען פון ארגאניזאציאנען אנצופיהרען די פראפאגאנדא צוריק צו ברייגנען אין אמעריקא די פרייהייט פון רעדען, שרייבען און זיך פארזאמלען און צו באפרייען די פאליטישע, אינדוסטריעלע און רעליגיעזע פארשיקטע און פארמשפט'ע צוליעב דער לעצטער מלחמה.

נעג. דזש. מ. פרענקעל, דעלעגאט פון מאשיניסטען יוניאן לאק. 113, האט פארגעלעזען א רייהע פונקטען פאר דער קאנווענשאן צו פארהאנדלען. עס איז פארגעשלאגען געווארען א. א שטענדיגע ארגאניזאציע מיט דעם נאמען אמעריקאן פרידאם ליג; זאל ארגאניזירט ווערען, וועלכע זאל האבען בראנטשעס איבער'ן גאנצען לאנד. מען זאל אנפיהרען פראפאגאנדא און פארשפרייטען פאקטען וועלכע האבען א שייכות מיט דער פרייהייטס באוועגונג צווישען די ארבייטער. אלע פארשידענע ארגאניזאציאנען וועלכע ארבייטען באזונדער פאר די באפרייאונג פון פאליטישע און אנדערע פריזאנערס זאלען ארגאניזירט ווערען אונטער איין ארגאניזאציאן, די אמעריקאן פרידאם ליגע; מען זאל צוזאמענרופען א צווייטע פרידאם קאנווענשאן אזוי שנעל ווי עס וועט זיין פראקטיש און מעגליך.

עס זיינען געהאלטען געווארען אינטערעסאנטע רעדעס פון דעלעגאטען איבער פארשידענע פראגען.

מרס. וויקטאר בערגער האט גערעדט וועגען די פרייהייט פון דער פרעסע און ווי אזוי די רעגירונג האט אונטערדריקט די סאציאליסטישע צייטונג.

ראדזשער באלדווין האט גערעדט וועגען אינדיא און ווי אזוי די אמעריקאנער רעגירונג העלפט ענגלאנד און אונטערדריקט, ארעסטירט און האלט אין דזשייל רעוואלוציאנערען וועלכע זיינען געקומען אהער זוכען גערעכטיגקייט פאר אינדיא.

מעיאר האאן פון מילוואקי האט צו דער קאנווענשאן צוגעשיקט די פאלגענדע טעלעגראמע:

„הערצליכע באגריסונג צו דער אמעריקאנער פרייהייטס קאנווענשאן. זאל זיך אייך איינגעבען צוריק צו געווינען די אמעריקאנער פרייהייט, וועלכע איז אוועק געטריבען געווארען דורך דער רעאקציאנערסטער אדמיניסטראציאן וואס דאס לאנד האט ווען געהאט. די רעגירונג ערלויבט איצט צו שיקען בריעף צום קייזער אבער עס איז ניט ערלויבט צו שיקען בריעף צו אן ארבייטער צייטונג ווי דער „מילוואקי לידער".

„נידער מיט טיראניי!

„די ארבייטער פון מילוואקי און גאנץ וויסקאנסין סטייט זיינען מיט הארץ און נשמה מיט אייך.

„ה. האאן,

„מעיאר פון מילוואקי".

קאנגרעסמען וויליאם מייסאן פון אילינאי האט געקראגען א שטורמישע אוואציע ווען ער האט געפאדערט, אז מען זאל פרעזידענט ווילסאן ארונטערווארפען פון זיין הויכען אמט, דערפאר וואס ער האט פארראטען די רעגירונג.

„לויט מיין מיינונג", האט מר. מסאן געזאגט, „דארף מען דעם פרעזידענט ארונטערווארפען דערפאר וואס ער האט פארראטען די רעגירונג. ער האט געשיקט סאלדאטען נאך רוסלאנד צו באשיצען די אייזענבאהנען, אין וועלכע דזשאהן ד. ראקעפעלער האט א חלק, וואס באטרעפט מיליאנען דאלער. ער האט געשיקט אמעריקאנער באיס צו טאן פאליצי־ארבייט אין סילעזיען און אין די רהיין געגענדען.

„אויב מיר זאלען דאס לאנד אזוי ווייטער לאזען אנגעהן, אויב געצוואונגענע מיליטער דיענסט וועט ווערען א געזעץ, וועט וואודראו ווילסאן האבען א פריוואטע ארמיי פון א מיליאן מענער און וועט זיי קענען שיקען וואהין ער וויל נאר. די איינציגע זאך וואס בלייבט פאר דעם קאנגרעס צו טאן איז צו „אימפיטשען" וואודראו ווילסאן".

בריעף צום רעדאקטאר

די שבת־פראגע.

ווערטער רעדאקטאר „גערעכטיגקייט":—

אין איינינע צייטונגען איז געווען א מין פראטעסט וועגען די קלאוקמאכער שבת פראגע, און ברודער באבימש איז ארויס אין „גערעכטיגקייט" מיט א נעגען־אטאקע. לויט מיין מיינונג, פארשטעהען זיך נישט איינער דעם צווייטען. און אזוי ווי איך בין נישט קיין גרויסער שרייבער, נאך כפרט פאר א צייטונג, וועל איך טרייען מען זאל מיך גענוי פארשטעהן.

איך בין א קלאוקס אפערייטאר, און האב גענוג ערפאהרונג און וויים, אז עס איז שוין אן אלטע, אנגעוועהטאגטע שבת־פראגע, ביי קלאוקס, וויל, ערשטענס, איז די טרייד געבענשט מיט פארשידענע נאציאנאליטעטען, און צווייטענס, זעהר פיעל אידישע ארבייטער וויסען זעלבסט נישט, וואס זיי זיינען „אידען" אדער „נישט". און עס איז דארום דא א גרויסער טייל אידען וואס ליידען דורך די אגענאנטע אידען און קריסטען. א טייל ווילען ארבייטען שבת און א טייל זונטאג. „אני הגבר ראה עני", און אז גאט האט געהאלפען, ביי די יעצטיגע אומשטענדען, צו קאנען אויספיהרען צו ארבייטען 5 טעג די וואך, און ס'זאל נישט זיין קיין שבת און זונטאג־פראגע, קומען אונזערע גדולים מיט אויסריידען און ווילען דאס פארשוועכען.

אין אנדערע טריידס טרייעט מע אויסצופיקרען צו ארבייטען בלויז 5 טעג די וואך, אפילו ס'איז נישט קיין אידען און קריסטען פראגע, ווארום זאל אונזער טרייד זיין אזוי זינדיג אז א גרויסער טייל אין איהר זאל צופיעל ליידען, און אונזערע איינענע שוהל־אידען זאלען זיין דער גורם, ווי ברודער באבימש ערקלערט עס? איהר, בעאמטע, ווייסט עס אויך גאנץ גוט, אז א 5 טעג ארבייטס וואך וואלט געוועזען פראקטישער. לאז מען זיך נישט נארען, קאנטראלירט איהר שבת אדער זונטאג די שעפער? איך וויים, אז כמעט אין גאנצען נישט. ווייסט איהר, וואס עס ווערט שבת אדער זונטאג נאך האלבען טאג אפגעטאן ביודעים ובלא יודעים? און ווייסט איהר נישט, אז זעהר פיעל אידען קאנען נים אריין אין די שבת־פלעצער, ווייל זיי ענטזאגען זיך צו ארבייטען שבת? ווארום זאל דער אידישער איד זיין אזוי געשטראפט? נישט גענוג וואס ער האט ביז 6 טעג ליגעל יום טובים, היט ער 10 איינענע יו"ט, און א היבש ביסעל ערב שבת און יו"ט, זאלען נישט איינעג ברידער־ארבייטער מיט־העלפען צו פארלייכטערען די לאגע, און אוועקמאכען מיט דער שבת און זונטאג פראגע, כדי יעדער זאל צופרידען זיין, אויסער די, וואס ווילען ארבייטען איבער די כחות לאנגע אווערטיימס און שבת און זונטאג פולע טעג?

ביי 5 טעג די ארבייטס וואך קאן די יוניאן גיכער קאנטראלירען די שעפער און דער ארבייטער דערלעגט גאר נישט. און אויב מען דארף ארבייטען אווערטיים איז גענוג אין די ערשטע 4 טעג צו 2 שעה, ד. ה. ביז 8 א זייגער, און פארשפארט שבת אדער זונטאג זיך ארויסצוקוועטשען די געדערים אין די קארס, סאבוויים און טריינס.

שלמה פרימאן.

נעמט זיך אן פאר די אונגארען.

ווערטער רעדאקטאר „גערעכטיגקייט":—

אין אייער אויסגאבע פון דעם 3־טען אויגוסט שרייבט מ. פערלשטיין, פון קליוולאנד, דאס דער שאפ פון דער פירמע שווארץ, פיארני און העקסטער ווערט געמענעזשד פון „אן אלטען אונגארישען יוניאן פיינד".

איך, אלס אן אמעריקאנער, פון אונגארישער אפשטאמונג, פראטעסטיר געגען אזא אויסדרוק! עס פאסט נים פאר אן ארבייטער פיהרער אנצודייטען אויף אירגענד וועלכער נאציאנאליטעט. איך בין זיכער, דאס די אונגארען זיינען פונקט אזעלכע גוטע יוניאן־לייט, ווי די ארבייטער פון אירגענד וועלכער אנדערער נאציאנאליטעט. איך ווייס אויך, דאס עס זיינען פאראן מעהר ארבייטס־געבער פון אנדערע לענדער, וועלכע האסען דעם טרייד יוניאניזם, ווי פון אונגארן. אלע אונגארען וואס איך קען זיינען סאציאליסטען, ווי איך בין עס, און זיי אלע זיינען פאר דער יוניאן.

האפענדיג דאס מ. פערלשטיין וועט ווייטער באטראכטען דעם כאראקטער פון דער פערזאן און נים זיין נאציאנאליטעט, פארבלייב איך ווי אימער פאר די יוניאן און פאר'ן סאציאליזם, —

א מיטגליעדער פון לאקאל 25.

א פאלקס שולע פאר מוזיק.

ווערטער רעדאקטאר: —

עס איז א פאקט און א זעהר טרויעריגער פאקט, אז דאס פאלק וואס לעכצט נאך מוזיקאלישע קענטניסע ווערט טאגטעגליך גענארט, פארפיהרט און פארדארבען פון שלעכטער מוזיקאלישער ערציהונג.

מיט דער קלארסטער איבערצייגונג מוזען מיר מיט א שמערצליכען געפיהל באהויפטען, אז טאג טעגליך ווערען פעהיגע, באגאבטע און טאלאנטפולע קינדער און ערוואקסענע מוזיקאליש פארקריפעלט. טאג־טעגליך ווערען בארעכטיגטע האפנונגען אויף גלענצענדע קאריערען אין דער צוקונפט באשאטענד און צושטערט. און ווארום? — ווייל ווער עס וויל, דער ווערט א טיטשער... און ווער עס האט לוסט, דער עפענט א מוזיק האל.

דארום האבען מיר, אלס א ברענטש פון דעם גרויסען פראגרעסיווען ארדען, ארבייטער רינג, וועמענס אידעאלען זיינען צו באקעמפען אומגערעכטיגקייט געגען פאלק, אהן אונטערשייד אויף וועלכען פעלד און געביט, און צו פארשפרייטען ליכט און אויפקלערונג, און ענטוויקלען דעם עסטעטישען געפיהל פון די ברייטע מאסען, אלס א גליעד פון דיעזער אמת זובענדער קערפערשאפט, האט דער בר. 615 ארב. רינג מיט הייסער אידעאלער ליעבע און אפפערוויליגקייט גענומען אויף זיך די שווערע פיאנערען ארבייט, די גרויסע אויפגאבע, צו שאפען פאר'ן פאלק א מוזיק שולע, פון וועלכער דאס פאלק זאל געניסען די עכט מוזיקאלישע לעהרע.

אלס פארלויפיגען לוין פאר אונזער ארבייט איז אונז שוין געלונגען צו פאראינטערעסירען די בעסטע מוזיקאלישע פעדאגאגען, וועלכע זיינען פונקט ווי מיר פאראינטערעסירט צו דינען דעם פאלק אויפ'ן מוזיקאלישען געביט.

און דערפאר זיינען אונזערע פרייזען די ליבעראלסטע. איהר דארפט נים פארגעסען, אז אונזער פראפיט איז — דאס פאלק זאל פראפיטירען. און צו קינדער ווערט געשענקט די גרעסטע אויפמערקזאמקייט.

רעדזשיסטרירען קען מען זיך יעדען טאג פון 1 נאכמיטאג ביז 110 אווענט, און זונטאג — פון 10 פריה ביז 2 נאכמיטאג, אין ארבייטער רינג מוזיק סקול, 143 איסט דריטע סטריט.

דאס נאצ. אידישע יתומים הויז מאכט א דרייוו פאר $500,000.

אויף א מיטינג פון דעם באארד אוו דירעקטארס פון דער „היברו נעשאנאל ארפאן האוז", וועלכע געפינט זיך אין 52 סט. מארקס פלייס, ניו יארק, איז באשלאסען געווארען צו שאפען א פאנד פון $500,000 פאר דיזער זעהר וויכטיגער און נויטיגער אינסטיטושאן. דאס געלט וועט אויך געהן פאר דער אויפבויאונג פון א נייער הויז, אין א שעהנעם קאונטרי פלאץ, אין שוקהאהא ראוד. מר. הערי ב. ראזען איז ערוועהלט געווארען טרעזשורער פון דעם פאנד־דרייוו.

אין דער אינסטיטושאן ווערען אויפגעהאלטען ארום פינף הונדערט אידישע קינדער, יתומים, און אלע קלאסען אידען דארפען זיך אפרופען אין העלפען שאפען די נויטיגע סומע געלט. עס איז אפילו אמת, דאס היינט צו טאג ווערען געקליבען א סך פאנדס פאר פארשידענע צוועקען, אבער דיזער פאנד טאר נים פארזעהען ווערען, ער דארף קריגען דעם סופארט פון אלע קלאסען אידען אין אמעריקא.

אויף א צווייטען פלאץ אין דער צייטונג, וועלען די לעזער געפינען אן אדווערטייזמענט, מיט מעהר איינצעלהייטען.

דוסטריען, וואס האבען א גרויסע שייכות מיט די שוין ארגאניזירטע.

אן אנפאנג איז שוין געמאכט געווארען, ווי מיר האבען עס אנגעוויזען מיט א פאר וואכען צוריק, מיט מאנכע טריידס אין ניו יארק גופא, אבער דאך איז עס ניט מעהר ווי אן אנפאנג, און ווען די עקז. קאמיטע וועט אויסהערען א פאלשטענדיגען באריכט איבער דעם, וואס איז שוין אויפגעטאן ווערען, וועט זי געוויס זעהן, וואס עס קען ווייטער געטאן ווערען אין דער ריכטונג.

עס וועט אויך קומען צו פארהאנדלונג און אן אלזייטיגע באטראכטונג די פראגע פון אונזערע דריי צייטונגען, וואס די אינטערנעשאנאל האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען זייט לעצטען יאנואר.

דער דאזיגער אויפטו, ווי באקאנט, איז פאר דער אינטערנעשאנאל א גאנץ נייער, ווייל ביז איצט האבען געהאט זייערע אייגענע צייטונגען די דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן, די לידיס ווייסט מאכער יוניאן, דער קאטער לאקאל און די אינטערנעשאנאל האט געהאט איהר אייגענעם מאנאטליכען זשורנאל. דיעזע אלע צייטונגען זיינען פארשמאלצען געווארען אין דער „גערעכטיגקייט" אין אידיש, אין „דהי דזשאסטיס" אין ענגליש און אין דער „דזשוסטיציא" אין איטאליענש, וואס ווערען ארויסגעגעבען איצט דירעקט פון דער אינטערנעשאנאל, און אונטער איין רעדאקציע. צום לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו קאמיטע האט נאך ניט געקענט אפגעגעבען ווערען קיין פאלשטענדיגער באריכט פון אלץ, וואס איז נוגע די צייטונגען. די זאך איז נאך געווען צו יונג. דאס מאל אבער וועט עס זיכער מעגליך זיין, און די קאמיטע וועט געוויס געפינען, וואס עס פעהלט, כדי די גאנצע אונטערנעהמונג זאל נאך זיין פון א גרעסערען ערפאלג.

עס איז אמת, אז די צייטונגען ווערען געלעזען מיט גרויס התמדה און האבען זיך פארדיענט די אכטונג און ליעבע פון די מייסטע מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל. זיי האבען זיך אויך ארויסגעוויזען צו זיין א שטארקע הילף אין אלע קעמפפע, וועלכע די אינטערנעשאנאל האט ביז איצט געהאט. אבער זיכער איז דא נאך פיעל פלאץ פאר פארבעסערונגען, און עס וועט זיין די אויפגאבע פון דער קאמיטע צוזאמען מיט'ן רעדאקטאר צו שענקען אט דעם פונקט די גאנצע נויטיגע אויפמערקזאמקייט, אזוי אז די צייטונגען זאלען אלץ מעהר און מעהר קענען ערפילען זייערע פליכטען.

העכסט וואהרשיינליך וועלען אויך פארקומען פיעלע אנדערע וויכטיגע פראגען. מיר וועלען איבער אלץ, וואס וועט פארקומען און וואס וועט באשלאסען ווערען פון דער עקז ב. געוויס געבען א פולען באריכט אין אונזערע צייטונגען, און מיר האפען, אז ניט נאר וועט דער דאזיגער מיטינג אין באפאלא זיין אזוי רייך אין גרויסע ערפאלגען, ווי עס איז געווען דער פערטעל־יעהרליכער מיטינג אין פילאדעלפיא, נאר ער וועט איהם נאך באדייטענד איבערשטייגען.

צו דער דאזיגער העכסט־וויכטיגער צוזאמענקונפט וועלען פאהרען פון ניו יארק: בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט, און אב. באראף, סעקרעטערי־טרעזשורער פון דער א. ל. ג. וו. י.; דאן די פאלגענדע וויס־פרעזידענטען: עלמאר ראזענבערג, סאלוואטאר נינפא, הערי וואנדער, סעמיועל לעפקאוויץ, סאל. זיידמאן, דזשייקאב האלפערין, מארים זיגמאן, פאניא מ. קאהען און ש. יאנאווסקי, רעדאקטאר פון „גערעכטיגקייט". פון פילאדעלפיא קומט מאקס אמדור; פון שיקאגא קומט היימאן סקוהלמאן; פון מאנטרעאל ס. קאלדאווסקי און פון קליוולאנד מ. פערלשטיין.

פארשיעדענע קאמיטעס קענען זיך ווענדען מיט זייערע פארלאנגען און אנפראגען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד א. ל. ג. וו. י., סטאטלער האטעל, באפאלא, נ. י. אויף דעם זעלבען אדרעס קענען אויך געשיקט ווערען בריעף און טעלעגראמען.

די וואך

פון נ. בוכוואלד.

דער צושטאנד פון שטאל סטרייק.

אויף דער צווייטער וואך פון דעם ריעזיגען סטרייק איז נאך די לאגע אלץ אונבאשטימט. די קרעפטען אויף ביידע זייטען זיינען געבליבען אונגעפעהר די זעלבע ווי אין די ערשטע פאר טעג פון דעם סטרייק. די נבואה פון די טראסט־מענעדזשערס, אז מאנטאג (לעצטען) וועלען זיך די סטרייקער אין מאסען צוריקקעהרען צו דער ארבייט און דער סטרייק וועט געבראכען ווערען, איז ניט מקוים געווארען.

די פרעסע זוכט צו באשאפען דעם איינדרוק, אז דער סטרייק איז אזוי גוט ווי געבראכען, אבער דאס גיט זיך איהר ניט איין, ווייל די פאקטען זיינען צו שרייענד אום מען זאל זיי קענען אינגאנצען פארלייקענען אדער פארדרעהען. מען קען דאך ניט מאכען זיך צום נאר און שרייבען, אז די פאבריקען אין דעם פיטסבורג דיסטריקט זיינען אין פולען גאנג, ווען יעדער איינער ווייס, אז זיי זיינען פאראליזירט. מען קען דאך ניט זאגען, אז די סטרייקער האבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו דער ארבייט, ווען זיי שטעהען נאך אלץ אין סטרייק און האבען ניט בדעה צוריקצוגעהן אלס סקעבס. אבער די פרעסע געפינט שוין א וועג ווי אזוי צו „פארפארבען" די נייעס אזוי אז עס זאל זיך באקומען דער איינדרוק, דאס דער סטרייק האלט אין גוסס'ן און דאס ניט היינט־מארגען וועט זיין אויס סטרייק.

איין זאך איז קלאר אין דעם שטאל־סטרייק — אז די ארבייטער האבען געגען זיך ניט בלויז זייערע אונמיטעלבארע בעלי בתים, די שטאל מאגנאטען, נאר די פאראייניגטע מאכט פון אלע קאפיטאליסטישע אינסטיטוציעס צוזאמענגענומען. אין קיין אינדוסטריעלען קאמפף איז נאך די אייניגקייט פון דעם הערשענדען קלאס ניט געווען אזוי בולט ווי אין דעם איצטיגען סטרייק. אום צו פארטיידיגען זייער לעצטע שטארקע פאזיציע, האבען די פארשטעהער פון אינדוסטריעלען אבסאלוטיזם אין אמעריקא מאביליזירט אלע זייערע קרעפטען און זיי געשטעלט אונטער איין פיהרערשאפט.

דער וואס האט נאכגעפאלגט די באריכטען אין דער פרעסע וועגען דעם סטרייק; דער וואס האט אויפמערקזאם געלייענט די לייט־ארטיקלען אין די טעגליכע צייטונגען האט ניט געקענט ניט באמערקען, אז די ווילדע אטאקעס און די גיפטיגע אינסינואציעס אין אלע צייטונגען זיינען אינספירירט געווארען פון איין צענטראלען קוואל. דער אונטערשיעד פון שפראך און סטיל קען פאר א געניט אויג ניט פארדעקען די זעלביגקייט פון פלאן און געבוי פון די באריכטען און ארטיקלען. די פרעסע שטעהט קענטיג אונטער א מעכטיגער דיקטאטור און טרעט ניט אפ אויף א האר פון די באפעהלען פון די דיקטאטארס. מען קען אויף קיין אנדער אופן ניט ערקלעהרען די שטרענג־אויסגעהאלטענע הונדערט - פראצענטיגע איינזייטיגקייט און איינטאניגקייט פון אלע טעגליכע צייטונגען. די געוועהנליכע אנשטענדיגקייט פון מאנכע פון זיי, די פראפעסיאנעלע עטיק פון באלייכטען אלע זייטען פון א וויכטיגער פאסירונג, איז אינגאנצען פארשוואונדען. אפען, אונפארשעהמט, אהן מאסקעס, שטעהען די קאפיטאליסטישע צייטונגען מיט פארקאטשעטע ארבעל און ארבייטען אויף אלע כלים צו דערטרינקען דעם סטרייק אין א מבול פון ליגענס, פארלוימדונגען, העצעס און דראאסען. און אלעס ווערט געטאן ווי נאך א מיליטערישער קאמאנדע. היינט וועט איהר לייענען אז פאסטער איז א באלשעוויק, אן א וו. וו., און איהר וועט עס לייענען אין די נייעס־באריכטען און אין די לייט־ארטיקלען. מארגען וועט איהר הערען, אז גאמפערס איז געגען דעם סטרייק; איבערמארגען, אז די סטרייקער בונטעווען זיך און ווילען געהן צוריק. אין איינעם און דעמזעלבען פריהמארגען וועט איהר לייענען ארטיקלען אין פארשיעדענע מארגען־צייטונגען, וועלכע זיינען א קלארער באווייז פון זיך האבען צוזאמענגערעדט.

אויך די „אונטערזוכונג", וואס איז אזוי שנעל אנגעהויבען געווארען פון דער „קאמיטע אן לייבאר ענד עדיוקיישאן" (דער נאמען פון דער קאמיטע איז ווירקליך געלונגען!) פון דעם סענאט פון די פאראייניגטע שטאאטען, ווערט געמאכט מיט דעם אויסדריקליכען אבזיכט צו באשטעטיגען די באשולדיגונגען געגען די סטרייקערס, זייערע פיהרער און דער אמעריקאנער ארבייטערשאפט אין אלגעמיין. נאך איידער די „אונטערזוכונג" האט זיך אנגעהויבען, האבען די אונטערזוכער ערקלעהרט וואס זייער אבזיכט איז. מען וויל אויסגעפינען אויב עס איז ווירקליך אמת, אז פאסטער און פיצפעטריק זיינען באלשעוויקעס; אויב גאמפערס איז ווירקליך געגען סטרייק; אויב די יוניאן קאנטראלירט ווירקליך א קליינעם פראצענט פון די שטאל־ארבייטער. אפען און אהן צערעמאניעס האט די אונטערזוכונגס־קאמיטע אויף זיך גענומען די אויפגאבע פון א גרענד דזשורי, מיט דעם איינציגען אונטערשיעד וואס די דזשוררארס האבען געהאט דעם אפיציעלען באשולדיגונגס־אקט, דעם אינדייטמענט, א פארטיגען נאך איידער דער פארהער האט זיך אנגעהויבען.

צוערשט פיצפעטריק און דערנאך גאמפערס, וועלכע זיינען פארגערופען געווארען פאר דער דאזיגער קאמיטע, האבען געשילדערט די אמת'ע לאגע אין די טראסט־פארפעסטעטע געגענדען. זיי האבען דערצעהלט אונזערע סענאטארען וועגען די פארפאלגונגען, וואס די שטאל־ארבייטער האבען געמוזט אויסשטעהן פון די טראסטס און פארטראסטעוועטע בעאמטע, וועגען דעם שפיאנאזש וואס די שטאל־פאבריקען האלטען אן, וועגען דעם טערראר וואס ווערט אנגעוועדעט געגען די יוניאן לייט; וועגען דער ברוטאלער און צינישער אונטערדריקונג פון יעדער בירגערליכער רעכט פון די ארבייטער; וועגען די גרויזאמקייטען פון די סטרייק קאזאקען און דער פאליציי, וועלכע באטראכטען זיך פאר די דירעקטע אנגעשטעלטע פון די שטאהל פאבריקען און טוען דעם ווילען פון זייערע בעלי הבתים — מארדען, שלאגען און פייניגען די סטרייקערס. גאמפערס האט, נאטירליך, אפגעלייקענט די קלאגען אז ער איז געגען דעם סטרייק און האט ערקלערט אז דער סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון דער אמעריקאנער פעדעריישאן אוו לייבאר און ניט פון איינצעלנע ראדיקאלע פיהרער.

די סענאטארס האבען אבער געזוכט דורכאויס ארויסצוקריגען פון די דאזיגע עדות אויסקינפטע, וואס זיינען אונגינסטיג פאר די סטרייקער און גינסטיג פאר דעם טראסט. עס האט זיך באקומען דער איינדרוק, אז דאס איז א גרופע פון דעם שטאהל טראסטס לאיערס, וועלכע נעהמען די אנקלאגער פון טראסט אויף א שטרענגען פארהער.

ווי דער סטרייק וועט זיך ענדיגען איז, נאטירליך, שווער פאראויסצוזאגען. דעם פרעזידענטס קאנפערענץ צווישען פארשטעהער פון קאפיטאל און ארבייט, וואס דארף פארקומען אין וואשינגטאן דעם זעקסטען אקטאבער, וועט מעגליך האבען א געוויסע ווירקונג אויף דעם אויסגאנג פון סטרייק. אבער די מאראלע ווירקונג פון דער קאנפערענץ וועט קוים אריבערוועגען די ווירקונג אויף די ארבייטער פון דעם סטרייק גופא. אפילו די קאנסערוואטיווע אמעריקאנער ארבייטער וועלען האבען עפעס געלערנט וועגען קלאסענקאמפף, וועגען דער גרויזאמקייט, וואס דער קאפיטאליסטישער קלאס ווייזט ארויס אין זיין קאמף פאר אונבאשרענקטער הערשאפט. און דאס איז פיליכט ווערט אלע אפפער וואס זיינען געמאכט געווארען אין דער אפענסיווע געגען דער פעסטונג פון אינדוסטריעלען אבסאלוטיזם.

* * *

True translation filed with the Postmaster at New York City on Oct. 3, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

ענגלאנד פאראליזירט.

דער אייזענבאהן סטרייק וואס קומט איצט פאר אין ענגלאנד איז א זאנדערבארער סטרייק. דאס איז מעהר א רעוואלוציע איידער א סטרייק, כאטש די „אישו" איז א גאנץ געוועהנליכע, א גאנץ וואכעדיגע — העכערע וויידזשעס.

דער סטרייק האט אויסגעבראכען אונערווארטעט. אי די ארבייטער, אי דאס פובליקום זיינען געווען זיכער אז די קאנפערענצען צווישען דער רעגירונג און די יוניאן פארשטעהער וועלען זיך ענדיגען אין א פשרה און א סטרייק וועט אויסגעמידען ווערען. עס האט זיך געהאנדעלט וועגען העכערען די אייזענבאהן ארבייטער זייערע וויידזשעס אזוי אז זיי זאלען קענען ווידערשטעהען דעם געוואלדיגען יקרות. אין דער לעצטער מינוט האט די רעגירונג פארגעשלאגען באדינגונגען, וועלכע האבען פאר קיין פאל ניט געקענט אנגענומען ווערען פון די ארבייטער־פארשטעהער, און דער סטרייק איז ערקלערט געווארען.

אפילו אין די בורזשואזע קרייזען אין ענגלאנד ווערט אנערקענט, אז דער סטרייק איז פראוואצירט געווארען פון ללאיד דזשארדזש'ס רעגירונג. דער פרעמיער פון ענגלאנד האט, ווייזט אויס, באשלאסען צו געבען דער ענגלישער ארבייטערשאפט א גענעראל־שלאכט, רעכנענדיג, אז די אומשטענדען זיינען גינסטיג פאר דער רעגירונג און ניט פאר די ארבייטער. ער האט דעם סטרייק באצייכנעט אלס „אן אטענטאט אויף דעם לעבען פון דער געזעלשאפט", אבער אויב דאס איז ווירקליך אזוי, איז ער דער הויפט שולדיגער אין דעם אטענטאט. „דאס איז דער טרויעריגסטער טאג אין מיין לעבען", האט טהאמאס, איינער פון די פיהרער פון דער „נעשאנאל יוניאן אוו רעילווייסמען" ערקלערט ווען דער סטרייק־רוף איז ארויסגעלאזט געווארען. די אייזענבאהן־ארבייטער האבען ניט געוואלט סטרייקען, אבער די רעגירונג־פארשטעהער האבען באשלאסען איינמאל פאר אלע מאל זיך פארמעסטען מיט דעם מעכטיגען „דריי־בונד" און זעהן ווער איז שטארקער.

דער באהן־פארקעהר אין ענגלאנד איז אינגאנצען אפגעשטעלט, און א חוץ די 600,000 אייזענבאהן־ארבייטער זיינען נאך הונדערטער טויזענדער געבליבען אהן ארבייט צוליעב מאנגעל אין מאטעריאלען.

די מיינערס און די טראנספארט־ארבייטער וועלען זיך מסתמא היינט־מארגען אנשליסען אן סטרייק, און דאן וועט דאס געזעלשאפטליך לעבען פון ענגלאנד זיין פאלשטענדיג פאראליזירט.

די רעגירונג גרייט זיך, ווייזט אויס, צו באנוצען זיך מיט סאלדאטען אום צו ברעכען דעם פיעל־פאכיגען סטרייק. און אויב זי וועט ווירקליך מאכען אט דעם שריט, קען דאס מיינען דער אנהויב פון א וואהרער רעוואלוציע. עס איז א באוואוסטער פאקט, אז די ענגלישע סאלדאטען זיינען זעהר און זעהר אומרוהיג און אומצופרידען, און מען קען קוים צווייפלען אז זיי וועלען ניט זיין איבערפלייסיג און קעמפען געגען זייערע אייגענע ברידער. אבער עס קען זיין פארקעהרט: די סאלדאטען קענען נאך אמאל צושטעהן צו די סטרייקער און... אבער פאראויסזאגען וואס דאן קען פאסירען, נעהמען מיר זיך ניט אונטער.

ללאיד דזשארדזשעס חשבון איז א פשוט'ער: דאס לענגער דער סטרייק וועט זיך פארציהען אלץ אונגעדולדיגער וועט דאס פאלק ווערען—ווייל דער סטרייק האט שוין אין די ערשטע פאר טעג פאראורזאכט שרעקליכע ליידען אין אלע שיכטען פון דער געזעלשאפט — און אלץ גרינגער וועט עס זיין פאר דער רעגירונג צו באזיגען די ארבייטער, וועלכע זיינען שוין געווארען צו שטארק און צו אונאבהענגיג. אבער עס ווייזט זיך שוין ארויס, אז ער האט ניט אינגאנצען געטראפען. דאס פאלק איז טאקע ענטריסטעט, אבער ניט אזוי פיעל געגען די ארבייטער ווי געגען דער רעגירונג, וועלכע האט דערלאזט צו א סטרייק. די פאליטישע געגנער פון דעם קאאליציאנס־קאבינעט שלאגען פאליטישען קאפיטאל פון דער איצטיגער לאגע, און עס איז זעהר מעגליך, אז ללאיד דזשארדזש וועט פאר דעם סטרייק בא־

GERECHTIGKEIT Maintained by and in the interest of the International Ladies Garment Workers Union, Office, 31 Union Square, New York, N. Y. B. Schlesinger, President; S. Yanofsky, Editor; A. Baroff, Secretary-Treasurer; E. Lieberman, Business Manager.

VOL. I. No. 38. New York, Friday, October 3, 1919.

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919

אויס קאפעליוש מאכער

פון א. סילווער.

(פארזעצונג פון פאר צוויי וואכען).

הערט זשע, איך בעט אייך, און וואס מיין נאריש מאכען זיך איז באשטאנען:

איך האב, בפי כל עם ועדה, ארונטערגענומען פון זיך מיין קרוין און אפגעדאנקט!

ווארום „די קרוין" און „אפגעדאנקט" — פרעגט איהר? צו וואס אזעלכע קאזיאנע טערמינען, ווילט איהר וויסען?

ווייל על פי דעם שכל הישר פון היינטיגע אמת'ע, הייליגע, אידעאליסטישע, אומקאמפראמיסליכע, קאמוניסטישע און דער טייוועל־וויים־נאך־וואסיסטישע פארקעמפפער פון דער ארבייטער זאכע, איז רער שטח פון א נאך־ניט־אפגעדאנקטען קרוין טרעגער ביז א ראש פון א יוניאן בלויז איין אינטש, און דיעזער אינטש איז אויך בלויז א געלטליכער, ווארום, וואס אנבאלאנגט ווידזשעס, גיבען זיי צו, אז יענע, ס'הייסט, די „ריעל" מאנארכען, קריגען מעהר ווי די ראשי הועד (יוניאן בעאמטע בלע"ז). אין אלע איבעריגע הינזיכטען אבער, ווי למשל — וואס?... איז כמעט ווי ניטא קיין אפטיילענדע ליניע! — צארען, טשיעף־קלוירקס, סאמאדערזשאווצעס, וואקינג־דעלעגאטען, אבסאלוטניקעס, יוניאן פיהרערס וכדומה! — איז אונטער אזעלכע אומשטענדען, אז א יוניאן אפיסער וויל אויפגעבען זיין טשין, איז דאס זעלבע ווי א מאנארך גיט נעביך אפ זיין קרוין אדער ער דאנקט אפ... פארשטאנען, ברידער?!

איז ווי שוין געזאגט, האב איך ביי דער אפיציעלער צושליסונג פון דער יוניטי הויז באשלאסען אפצודאנקען פון מיין אמט!

וועט איהר דאך מיך ווערען פרעגען, ווארום גראדע האב איך אויסגעקליבען אזא צייט דורכצופיהרען דיעזע אומאנגענעמע פראצעדורע?

וועל איך אייך דאכט זיך בלייבען שולדיג א קלארען תירוץ!

ס'איז געווען א מין אימפולס פון מאמענט!

ווארום דער באשלוס איז דאך שוין געווען געפאסט און איינגעקריצט אין מח און אין הארצען, — האב איך דאס ניט געקענט מעהר האלטען אין זיך.

זאל איך זיין אזוי פיעל עניו ביי זיך און אפלייקענען דעם פאקט אז די פרעהליכע שטימונג פון די יוניטי־קינדער איז געווארען אביסעל צושטערט? — וויל איך נים!

און זאל איך זיין אזא שטאלצער שברן, און אייך איינרעדען, אז ביי מיר אויפ'ן הארצען איז געווען ששון ושמחה?

וועל איך עס אודאי און אודאי ניט טאן! אלע מיינע שונאים אזא יאהר, ווי מיר אויפ'ן הארצען איז געווען!

אי, ווען א צייטונג זאל קענען האלטען א סוד, וואלט איך אייך דערצעהלט וועגען א פערזענליכען פאל, וואס מיט מיר האט פאסירט שוין כמה שנים צוריק, ווען איך בין נאך איונגער בחור'ל געווען, אזוי פון א יאהר 18—19.

ווען איך זאל נאר קיין מורא ניט האבען אייך צו דערצעהלען די איינצעלהייטען פון יענער פאסירונג, די איבערלעבונגען פון מיין יוגענדליכער נשמה, ווען איך האב זיך באדארפט שיידען פון איהר, די שעהנע געטליכע ר., וועמען איך האב אזוי ליעב געהאט מיט'ן גאנצען פלאם פון מיין „יונגאשיסקען" הארצען!

אוי, ווי פיינליך יענער מאמענט איז געווען! דערצו נאך די פאעטישע אומגעבונג! נאך ביז יעצט קען איך ניט פארגעסען יענעם גרויסען צוויבער־גארטען ארום דעם אלטען, לעגענדארישען פוילישען מויער, וועגען וועלכען מען פלעגט דארטען אין שטעדטעל מיר דערצעהלען פארשיידענע שרעקליכע מעשות... אט גראדע אהינצו אין יענעם כשוף־פלאץ האט אונזער פאנטאזיע אונז געטריבען צו אראנזשירען די שיידונגס צערעמאניע!

און ס'איז נאך געווען א שטילע פריהלינגס נאכט אויך... סוף חודש מאי... קיין לבנה... בלויז שטערען און זיסע הארמאנישע מוזיק פון גאט'ס כלי זמרים — פויגעלעך אלערליי!...

און איך האב אזוי אינגליש פארליעבט געוויינט און זי האט נעבעך אזוי העסטעריש געבליפעט! און פון האלזען זיך און קושען קען איך דאך אייך ניט דערצעהלען, ווייל, ווי איך האב שוין געזאגט, א צייטונג קען קיין סוד ניט האלטען, און איך, פארשטעהט איהר מיך, בין שוין ב"ה א טאטע פון א קינד און ווי א זאך מאכט זיך, מיין יעצטיגע געליעבטע קען זיך נאך דערפון דערוויסען און — וואס טויג מיר די ביזנעס?

וואס איך האב אייך בלויז געוואלט דערצעהלען איז, אז יענער „נוד־באי" איז געווען א זעהר פיינליכער!

איהר מיינט דאך, איך שפאס — אה? זאג איך אייך, בנאמנות, אז נאך יעצט, ווען איך דערמאן זיך, גיט מיר אין הארצען א טיאכקע!

אוי, ווי פארליעבט איך בין געווען! ווי שרעקליך עס איז געווען צו דענקען וואגאר וועגען שיידען זיך, וועגען זיין אפגעזונדערט איינער פון צווייטען פאר טויזענדער מיילען!

און דאך האב איך געמוזט צורייסען די סטרונע, וועלכע האט בעהעפט אונזערע ביידענס נשמות!...

— — — — — — — — — — —

א קליינינקע בקשה צו אייך, אדוני! פארלאנגט ניט פון מיר קיין מאי קאמשמעלן" ערקלערונג! סע קען נאך געבען מיט מיר ווי מיט יענעם מגיד, אדער ווי דאס רוב מגידים, וואס צוליעב'ן נמשל דערהרגה'נען זיי דעם משל.

איך האב אייך בלויז דערצעהלט א געשיכטעלע פון מיינע קינדער־יאהרען, א געשיכטעלע אויסגעמישט מיט יונגע אבער שארפע נשמה קאנפליקטען און הארצקלעמעניש.

די וואס האבען די חושים פון פארשטעהן און גלויבען, וועלען מיר מיטפיהלען אין מיין יעצטיגער טראגעדיע!...

דער רצון הבורא איז אבער געווען אז מיין יעצטיגער שיידען זיך זאל אויך פארקומען אין א שעהנעם פאנטאסטישען גארטען, ניט מעהר ער, דער יעצטיגער גארטען באלאנגט ניט צו יענעם פוילישען וועלמאזשני־פאן ד—סקי, נאר צו מיין געליעבטער אליין!...

נסים, כ'לעבען!

נו, וועט איהר דאך מיך פרעגען: (ד. ה. אויב איהר וועט מיך ווערען פרעגען) גזלן, נאר, „משארט", „בעס", וואס טוסטו און ווארום טוסטו דאס?

וויל איך אייך אויסזאגען א סוד, אז ביז היינטיגע וואך איז מיין תירוץ צו דיזער שאלה געווען פארמולירט זעהר לאקאניש און פשוט: „אז ס'איז ניטא קיין כח איז דאך ניט שייך!"

וויפיעל קען דאס טאקע א יוניאן אויסהאלטען א מענעדזשער אויף וואקיישאן מיט שכירות און „עוזרי־מהיננ?"

בפרט נאך אז דער וועקיישאן העלפט נאך ניט? וואס מעהר רוה — מעהר נערוועזיטעט און מעהר מעלאנכאליע!

איז אבער געקומען א בעל דבר, איינער מיט א לשון־קודש'דיגען פסעוודאנימטשיק, וואס קלינגט זעהר דעמאקראטיש אין דער לעצטער וואכעדיגער „גערעכטיגקייט" און מיט זיין מייסטער־ווערק „ווארום ער האט רעזיגנירט?" — האט ער מיר גאר מיין מח צודרעהט. עפעס פיהל איך, אז פיעלעס פון דעם וואס ער זאגט דארטען האט אויך צו טאן מיט מיין יעצטיגער ענטשלאסענדער האנדלונג.... ניט מעהר איך האב מיין קינד ניט געשלאגען, נאר אין מאמענטען פון אויפרעגונג און ערביטערונג האב איך פון זיך שטיקער געריסען און אזוי לאנג געגעסען זיך ביז ס'איז גארניט פארבליבען...

און יעצט, ווי איהר זעהט, זיץ איך אין אטלאנטיק סיטי און קלייב כח פאר דער צוקונפט....

און איך זיץ מיר אזוי אפ יעדען טאג שטונדען לאנג ביים ברעג פון ים, קוק אריין אין זיין ברייטער ווייטקייט און איך טראכט, טראכט און טראכט:

דאך עפעס אין מיין לעבען אויפגעטאן!

אבער וואו איז מיין ברעג?

און אפגעשלאגענע הושענה בין איך!

נו, זייט מיר געזונט, טייערע! ווי ליעב איך האב אייך אלעמען! ווי טיעף אין הארצען די באוועגונג איז מיר איינגעבאקען!

ניטא קיין לשון מעהר, פאני רעדאקטאר! עס ווארגט אין האלז.

אייער אלעמענס ערגעבענסטער,

א. סילווער.

מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד פון דער ווייסט און דרעס מייקערס יוניאן לאקאל 25

א מיטינג פון עקז. באארד פון דער לײדיס ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן לאקאל 25, אפגעהאלטען דינסטאג אוו., דעם 23טען סעפטעמבער, 1919. שוועסטער סערעה קאמען, טשערליידי.

עס ערשיינט א קאמיטע פון די ארבייטער פון לימאווסקי'ס שאפ אין ברוקלין, ערקלערענדיג דאס פאר די לעצטע פאר וואכען קומט פאר טראבעל אין שאפ צוליעב די פרעסערס. לעצטע וואך, נאך דעם ווי א סטרייק איז גערופען געווארען אין שאפ, איז די יוניאן געקומען צו א פארשטענדניס מיט דער פירמע דאס אלע ארבייטער זאלען געהן צוריק צו דער ארבייט מיט דער אויסנאמע פון די פרעסערס; וועלכע האבען געדארפט בעפאר ערשיינען פאר דעם גריוועגס באארד. ווען די קייס איז פארגעקומען בעפאר דעם גריוועגס באארד איז באשלאסען געווארען דאס די פרעסערס זאלען ארויפגעהן צוריק צו דער ארבייט. ווייל אבער די פירמע יעצט זיי ניט נעמען צוריק. די קאמיטע פאדערט דארום, דאס אום צו פארמיידען ווייטערע טראבעל, זאל דער עקז. באארד ריקאנסידערען דעם באשלוס פון גריוועגס באארד און ארויפשיקען א נייעם סעט פרעסערס. נאך א גענויע ערקלערונג פון בר. שעכטער, ווערט דער באשלוס פון גריוועגס באארד גוטגעהייסען פון עקז. באארד און א קאמיטע, באשטעהענד פון ברידער אנטאניני, אמיקא און שוועסטער מארריסאן און נארא לעווין ווערט ערוועהלט צו רופען די ארבייטער פון דיזען שאפ צו א מיטינג און ערקלערען זיי די מאטיוען פון עקז. באארד באשלוס.

ברידער יענאנד בארטאלא און ארור ד'עליא ווערען אינסטאלירט אלס מעמבערס פון עקז. באארד פון דעם איטאליענישען ברענטש.

א מיטטיילונג פון דער אמאלגאמייטעד לײדיס גארמענט קאטערס יוניאן, לאקאל 10, ווערט פארגעלעזען, אין וועלכער זיי לאדען איין אונזער עקז. באארד אנטייל צו נעמען אין זייער זיעגס פייערונג, וועלכע וועט שטאטפינדען שבת, דעם 27טען סעפטעמבער, 1919. די איינלאדונג ווערט אנגענומען און בר. יאנדאלי און שוועסטער רייז פעער ווערען ערוועהלט צו אטענדען.

א מיטטיילונג ווערט פארגעלעזען פון דער טרייד־יוניאן ליעג אין וויליאמסבורג, אין וועלכער זיי ציהען אונזער אויפמערקזאמקייט צו דער ניצליכער ארבייט וואס די ליעג האט געטאן און פארשפרעכט ווייטער צו טאן אין סאציאליסטישען קאמפיין. זיי פארלאנגען דארום דאס אונזער ארגאניזאציאן זאל אפוינטען דריי דעלעגאטען צו זייער קאנפערענס. זייער פארלאנג ווערט נאכגעגעבען און ברידער ג. שעכטער, אנטאניני, קריוועלא און שוועסטער נארא לעווין ווערען ערוועהלט אלס דעלעגאטען.

אפיעל קאמיטע'ס רעפארט ווערט אויפגענומען און פארהאנדעלט.

באארד אוו דירעקטארס באריכט ווערט אויפגענומען. אייניגע וויכטיגע שאפ פראגען, ווי אויך אנגעלעגענהייטען וועלכע באריהרען די גאנצע אינדוסטריע, ווערען דיסקוטירט. זייער רעפארט ווערט גוטגעהייסען.

י. שעהנהאלץ, סעקרעטער.

לײדיס טײלארס פון באלטימאר געווינען זייערע פאדערונגען

(שלוס פון זייט 1)

פעדערײשאן אוו לייבאר האט אין באלטימאר א ספעציעלע ארגאנייזערין, מיסס אננא ניערי, וועלכע גיט זיך אפ מעהרסטענטיילס מיט דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע. זי העלפט דארטען אונזערע לאקאלס ביי יעדער געלעגענהייט, און זי האט, פארשטעהט זיך איצט מיטגעהאלפען אין דער לײדיס טײלאר סיטואציע.

אונזער אינטערנעשאנעל האט זיך אבער אויף דעם אליין ניט פארלאזען, און געשיקט אין באלטימאר דעם אינטערנעשאנעל ארגאנייזער, ברודער א. סניידער. ברודער סניידער האט דארט פארבראכט אייניגע וואכען, אנפירענדיג די פארהאנדלונגען מיט די בעלי בתים און זיין טאקטישע האנדלונג דארטען האט ביי דעם עולם גאר שטארק אויסגענומען. די לײדיס טײלארס יוניאן פון באלטימאר בעט אונז אויסצודריקען דורך די „גערעכטיגקייט" אן עפענטליכען דאנק צו ברודער סניידער, פאר זיין גוטער ארבייט פאר דער יוניאן און מיר טוען דאס גאנץ גערן.

אין באלטימאר געהט איצט אויך אן א לעבעדיגע טעטיגקייט אין די אנדערע צווייגען פון דער לײדיס גארמענט אינדוסטריע. די אלטערײשאן שניידער ארגאניזירען זיך און יעדע וואך קריגען זיי צו זאלץ נייע מיטגליעדער. דיעזע ארבייטער האבען שוין לעצטענס, צוליעב דער טעטיגקייט, באקומען א „פרייוויליגען רעיז אין ווידזשעס". די ארבייטער ווילען זיך אבער מיט דעם ניט באגנוגענען, זיי קלייבען זיך אויך צו פארלאנגען א 44 שטונדיגע ארבייטס־וואך און נאך אנדערע זאכען.

וואס אנבאלאנגט די קלאוקמאכער לאקאלס, געפינען זיי זיך, ווי מען שרייבט אונז, אין א גאנץ פיינעם צושטאנד. דער עולם איז צופרידען מיט דער יוניאן און עס איז ניטא איבט קיינע טראבעלס.

די איינציגע אויסנאמע אין באלטימאר זיינען די וויים גודס ארבייטער. וויפיעל מען טרייט דארט נים דעם טרייד צו ארגאניזירען, העלפט עס גאנץ ווייניג. עס געהט צו גאנץ שווער די ארבייטער אריינצוברענגען אין דער יוניאן. עס איז אבער צו האפען, דאס אויך די ארבייטער וועלען דאך קליגער ווערען, זיך אנשליסען אן דער יוניאן און זיך פארבעסערען זייער לאגע.

וויקטארי באנקעט פון לאקאל 10

די קאטערס יוניאן לאקאל 10 האט לעצטען שבת אוונט געהאט א וויקטארי באנקעט, אין דעם גרויסען סענטראל אפערא הויז, 67טע סטריט און דריטע עוו.

דער באנקעט איז אראנזשירט געווארען צו פייערען דעם זיעג פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, דורך דעם לעצטען קלאוק סטרייק אין ניו יארק, אדער בעסער געזאגט, דורך די אלע סטרייקס וואס זיינען לעצטענס פארגעקומען אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטרי פון ניו יארק. ווייל די קאטערס, די מיטגליעדער פון לאקאל 10, ארבייטען אין די ווייסט שעפער, אין די וויים גודס שעפער, אין די טשילדרען דרעס שעפער און אין די קימאנא און ראפער שעפער, ווי אין די קלאוק שעפער. די מיטגליעדער פון לאקאל 10 האבען מיטגעסטרייקט מיט אלע ארבייטער פון די דערמאנטע טריידס און דורך דעם באנקעט איז פאקטיש געפייערט געווארען ניט בלויז דער זיעג פון איין ערפאלגרייכען סטרייק אין דער קלאוק אינדוסטרי, נאר פון פיעלע ערפאלגרייכע סטרייקס אין דער לײדיס גארמענט אינדוסטרי פון ניו יארק.

דורך דעם באנקעט איז אלזא געפייערט געווארען גאר א גרויסע שמחה און עס איז דעריבער קיין וואונדער ניט וואס אזוי פיעל קאטערס, ארום זעקס הונדערט אין צאהל, האבען מיט צופרידענהייט געקויפט טיקעטס און געקומען צו דעם באנקעט. מאנכע פון זיי זיינען געקומען מיט זייערע פאמיליען און האבען צוזאמען גוט פארבראכט אן אנגענעמען אווענט.

אויף דעם באנקעט זיינען אויך געווען געלאדענע אנגעזעהענע געסט. צווישען דיזע געסט זיינען געווען דער פרעזידענט, דער סעקרעטער און די ניו יארקער וויים פרעזידענטען פון אונזער אינטערנעשאנעל; די רעדאקציע פון די „גערעכטיגקייט", די בעאמטע פון דעם דזשאינט באארד און פון די ניו יארקער לאקאלס; דער סאציאליסטישער דזשאדזש רזשייקאב פענקין, אלדערמען אלדזשערנאן ליע, דר. הענרי מאסקאוויטש און נאך אנדערע.

ברודער מאקס גארענשטיין, דער מענעדזשער פון דעם קלאוק און סוט ברענטש פון דעם לאקאל, האט געעפענט דעם באנקעט און פארגעשטעלט ברודער עלמאן ראזענבערג, דעם ערשטען וויים פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנעל און דער סעקרעטער פון לאקאל 10, אלס דעם טאסט מאסטער פון אווענט. ברודער ראזענ־

א סאניטארי קאנטראל באארד פאר שיקאגא

פון דר. מאקס געטנער.

ניט אלע, גלויב איך, פארשטעהען, וואס א „סאניטארי קאנטראל באארד" איז און אויך וואס עס איז איהר אויפ־גאבע.

גראדע איצט, ווען מיר זיינען אויפ'ן שוועל צו ארגאניזירען אין שיקאגא אזא באארד, איז נויטיג צו זאגען עטליכע ווער־טער וועגען דער פראגע.

עס איז באוואוסט אז אלע ארבייטער אהן אויסנאמע ארבייטען אונטער אזעלכע באדינגונגען, וועלכע זיינען ניט נאר שעדליך פאר זייער געזונד, נאר גאנץ אפט אויך א געפאהר פאר זייער לעבען.

פיעלע געזעצע זיינען די לעצטע יאה־רען געשאפען געווארען דאס צו פארמיי־דען; אבער ווען עס קומט צו „ארבייטער געזעצע" יוערען עפעס אזוי ווי די הענט אפגענומען ביי אונזערע געזעץ־היטער... און אלעס בלייבט ביים אלטען. דער גע־זעץ איז טאקע־דא, אבער ווער קוקט זיך אום אויף איהם ?

די פיהרער פון דער קלאוק מייקערס יוניאן אין ניו יארק האבען דאס איינגע־זעהן, און, אזוי שנעל ווי די צייט איז געווארען גינסטיג, האבען זיי ערקלערט, אז די ארבייטער מיזען נעמען די סיטוא־ציע אין זייערע אייגענע הענד און אליין אויפפאסען אז די געשאפענע געזעצע זא־לען אפגעהיט ווערען אין די שעפער, אין באצוג די סאניטארי צושטענדען.

אבער די געזעצע זיינען אויך ניט גע־ווען אין גאנצען צופרידענשטעלענד; דאן איז ארגאניזירט געווארען די ניו יארקער „דזשאינט באארד אוו סאניטארי קאנ־טראל", אלס צווייג פון דער קלאוק מא־כערס יוניאן, וועלכע האט אויסגעארבייט אייגענע געזעצע און האט זיך געמאכט אלס אויפגאבע, אכטונג צו געבען אז אלע דיזע געזעצע זאלען אפגעהיט ווערען.

דער ניו יארקער פראטאקאל, ארטי־קעל 15, פון דעם ניו יארקער פראטאקאל אגרימענט, פארפאסט אין 1910, לויטעט: „די באארד דארף איינריכטען א מוסטער סטאנדארט פון סאניטארישע באדינגונ־גען, וועלכע זאלען אנפערטרויט ווערען אי די מאנופעקטשורערס, אי דער יוניאן, און ביידע זאלען זיין פארפליכטעט אויפ־צוהאלטען אזעלכע סטאנדארטס אזוי גוט ווי זיי קענען נאר".

דאן איז דאס געווען נאר אן עקספע־רימענט; אבער דער בולעטין, וועלכער איז ארויסגעגעבען געווארען אין 1917, ד. ה., זיבען יאהר שפעטער, זאגט וועגען דעם עקספערימענט: „זיבען יאהר ארבייט האבען איבערצייגט, אז דער טרייד קאן אויף זיך אליין אכטונג געבען. די פאר־בעסערונגען אין די שעפער זיינען אזוי גרויס, אז די באארד קאן זאגען, אז זי האט א רעכט צו עקזיסטירען און האט אויך געקראגען די אנערקענונג פון דעם פובליקום און פרעסע".

פון דעם אליין קאן מען פארשטעהען ווי וויכטיג דיזע אינסטיטוציע איז.

דא איז ניט דער פלאץ אויסצורעכע־נען אלעס, וואס די סאניטארי קאנטראל באארד האט ביז יעצט אויפגעטאן, — איך וועל נאר דערמאנען אייניגע פון איה־רע אויפגאבען.

ערשטענס דארף די באארד אכטונג געבען דאס די שעפער זאלען זיין זיכערע פלעצער צו ארבייטען און ניט זיין פייער־פאסטקעס, ווי אין אמאליגע צייטען. די שעפער זאלען זיין סאניטארע, עס זאל זיין גענוג זונען־שיין, ריינע לופט, ריינע וואַ־סער און גענוג טוילעטס. די באארדס זעהט אויך אז די איינענטימער פון די שעפער זאלען האבען נוירסעס, וועלכע זאלען געבען די ערשטע מעדיצינישע הילף אין פאל פון עקסידענטס, א. ז. וו.

ווער עס פארשטעהט דיזע דערמאנטע אויפגאבען, קאן זיך פארשטעלען, וויפיעל ארבייט די באארד האט. אבער די סא־ניטארע באארד האט זיך ביי דעם ניט אפ־געשטעלט. זי האט אויך אויפגעעפענט אייגענע מעדיצינישע קליניקס, וואו די קראנקע ווערען באהאנדעלט פון קאמפע־טענטע דאקטוירים און ניט לאנג צוריק האט זי אויך איינגעארדנעט א דענטאל־קליניק.

די צאהל פון די פאציענטען וואס בא־זוכען די קליניקס וואקסט מיט יעדע יאהר און צייגט אז די ארבייטער האבען צוטרוי צו זייער קליניק. אזוי צייגט דער רעפארט אז 1918 זיינען אין די קלי־ניקס עקזאמינירט געווארען 5024 פא־ציענטען, און אין די ערשטע 6 מאנאטען פון 1919 זיינען שוין עקזאמינירט געווא־רען 8448 מענשען.

דער באארד אוו סאניטארי קאנטראל באשעפטיגט זיך נאך מיט פיעלע אנדערע זאכען. נאר, ווי געזאגט, דאס פלאץ איז צו באשרענקט דאס אלעס אויסצורעכע־נען.

אלזא, עס איז קיין פראגע ניט אז די קלאוק מאכער אין שיקאגא דארפען זעהן צו עטאבלירען אזא באארד ווי די קלאוק מאכער פון ניו יארק האבען דאס געטאן שוין לאנג צוריק.

ניט לאנג צוריק האבען מיר אין שי־קאגא געהאט אלס גאסט דר. פרייס, וועל־כער איז דער דירעקטאר פון דער ניו יאר־קער באארד אוו סאניטארי קאנטראל. זיין צייט האט איהם ניט ערלויבט צו פאר־בלייבען זעהר לאנג, דאך האב איך און פריינד סקולמאן געהאט מיט איהם לאנ־גע קאנפערענצען און ארומגערעדט די פראגע וועגען ארגאניזירען אזא באארד אין שיקאגא. דר. פרייס האט פארשפרא־כען זיך גלייך צו נעהמען צו דער ארבייט און אונז העלפען מיט וואס ער וועט נאר קאנען.

עס איז קיין פראגע ניט, אז אויב מיר ווילען ארגאניזירען אזא באארד, וועלען מיר מוזען שווער ארבייטען און פאר־נאכלעסיגען דאס ווייטער טארען מיר ניט. זאל נאר דער אנפאנג געמאכט ווע־רען, דאן וועט שוין דאס איבריגע קומען פיעל גרינגער.

וואס איז צו טאן ?

דאס ערשטע, נאך מיין מיינונג, מוזען מיר האבען א קאמיטע, וועלכע זאל אויס־געקליבען ווערען פון דער דזשאינט באארד. דיזע קאמיטע זאל זיך גלייך נעה־מען צו דער ארבייט און אויסארבייטען אלע דעטאלען. אויסארבייטען גענויע סטאטיסטיקס, אנשטעלען אן איספעקטאר וועלכער זאל באזוכען אלע פעקטארים און אפגעבען א גרינדליכען רעפארט וועגען די סאניטארי און זיכערהייטס קאנדיציאנען פון די שעפער; און אזוי נאך אלעס אר־גאניזירען.

דאס אלעס מוז נעהמען צייט, און וואס שנעלער מיר וועלען זיך נעהמען צו דער ארבייט אלץ בעסער וועט דאס זיין.

איך האף אז אזא באארד וועט באלד ארגאניזירט ווערען, ספעציעל ווען דר. פרייס פארשפרעכט אונז הילף פון זיין זייט. מיר ערווארטען דר. פרייס אין שי־קאגא אין אקטאבער און עס וואלט גוט זיין צו האבען אלעס צוגעגרייט ביז יענער צייט. מען דארף אלזא, זיך באלד נעהמען צו דער ארבייט.

קלאוק מאכער פון שיקאגא, אויפמערקזאם!

עס עקזיסטירט אזא צומישעניש ביי אונזערע מעמבערס בנוגע פערמיטס, אז מיר פיהלען זיך געצוואונגען צו זאגען א ווארט אדער צוויי וועגען דעם.

אלע מעמבערס פון אונזער יו־ניאן, ווען זיי ווילען ארויפגעהן אויף א נייעם פלאץ ארבייטען, מוזען קומען אין אפיס און ארויסנעהמען א פערמיט, וועל־כער ערלויבט זיי ארויפצוגעהן אין געוויסען שאפ. פארשטעהט זיך, אז דיזער פערמיט, איז בלויז גוט פאר דעם אנגעגעבענעם פלאץ, און מען מוז האבען א נייעם פערמיט, ווען איינער באשליסט צו געהן ארבייטען אויף א צווייטען דזשאב.

אין קורצען, יעדעס מאל ווען איהר בייט אייער ארבייטס פלאץ, מוזט איהר קומען אין יוניאן און פארלאנגען א געשריבענע ערלויבעניש, אזוי צו טאן. אויספאלגענ־דיג דיזען ארדער, גיט איהר די ארגאני־זאציע א געלעגענהייט אויף א בעסערען אופן, צו קאנטראלירען דעם ארבייטס־מארק. מיר זיינען דאן בכח צו שיקען אר־בייטער אין די פלעצער וואו מען נויטיגט זיך באמת אין דיזען אדער אנדערען סארט ארבייט, און אויך צוריק האלטען ארביי־טער פון צו געהן אין אזעלכע פלעצער, וואו נייע ארבייטער טארען ניט אדער דארפען ניט געשיקט ווערען. דיזע סיס־טעם גיט אונז אויך א געלעגענהייט צו וויסען וואו יעדער פון אייך ארבייט און וועלכע באסעס עס זיינען די גרעסטע אי־בערקלייבער אין ארויפנעהמען נייע צו דער ארבייט. דאס מאכט אויך פאר אונז מעגליך צו איינפארסען אונזער אפ־מאך מיט די באסעס, דאס יוניאן מעמ־בערס זאלען קריגען פארצוג איבער ניט קיין מעמבערס פון דער יוניאן.

אין נאמען פון דזשאינט באארד,
ה. סקולמאן, סעקרעטער.

אין דער קלאוק פרעסערס יוניאן לאקאל 35

פון דזש. ברעסלאו

ווארשיינליך אינטערעסירט אונזערע מעמבערס צו וויסען וואס עס טוט זיך אין אונזער לאקאל, ווייל מיר האבען שוין לאנג קיין רעפארט ניט געשריבען. מיר קענען דא גלייך זאגען, אז אין לאקאל איז אלעס אין בעסטען ארדנונג. ווען איהר קומט אריין א פארנאכט אין אפיס, זעהט איהר גלייך אז איבעראל איז פול מיט לעבען. מעמבערס קומען און צאהלען דיוס, מאכען קאמפליינטס, קומען צו שאפ מיטינגען, אייניגע קומען נאך „אדווייז", אנאנדערער אזוי זיך, גלאט זיך אויסרע־דען זיין ביטער הארץ. און מיר קענען מיט זיכערהייט זאגען, אז אבוואהל עס איז לעצטענס ביי אונז אין לאקאל גע־מאכט געווארען אן ענדערונג אין אפיס און מען האט געקענט ערווארטען, אזוי ווי יעדע נייע זאך, זאל דאס אין אנפאנג ניט ארבייטען צו דער פולער צופרידענהייט, איז גאר פונקט פארקעהרט. די דעפאר־מע פון מאכען איין מענעדזשמענט אר־בייט בעסער ווי מען האט עס ערווארטעט, צו דער פולער צופרידענהייט פון די מעמבערס. און מיר האפען אז דאס וועט זיין אזוי אויך ווייטער.

* * *

דער ברען פון סיזאן איז שוין פאר־איבער. ווי א חלום זיינען די פאר גוטע וואכען איבערגעפלויגען איידער אונזע־רע מעמבערס האבען נאך געהאט צייט אפצוכאפען דעם אטהעם. עס איז אמת, אין פיעלע שעפער ארבייט מען נאך אווערטיים. אייניגע „עקספערטען" פון טרייד קליימען נאך אפילו אז עס וועט נאך זיין פלענטי ארבייט, אבער דערווייל סטאפען שוין פיעלע פון אונזערע ארביי־טער און דאס פארשטעהט זיך, מאכט דעם עולם אביסעל אומצופרידען. נאטירליך, ווען מען נעמט אין אנבעטראכט דעם גרויסען יקרות, אז מען דארף מאכען א לעבען א גאנצען יאהר פון די פאר וואכען סיזאן קען מען דערפאר צו קיינעם קיין טענות ניט האבען.

נאטירליך, זיינען פיעלע פון אונזערע ארבייטער איצט ענטוישט פון די גוטע זיסע רעד וואס זיי האבען געהערט אין סיזאן פון זייערע בעלי בתים, אז מען וועט ארבייטען ביי זיי סטעדי, אז מען וועט ביי זיי פארדינען גרויסע געלט, אז עס וועט זיין גוט און פיין און עס וועט זיך די ארבייטער לעבען ווי אמאל גאט אין אדעם — קורץ, זיי וועלען לעבען אין גן עדן. און דאס עס איז פשוט אין די אינטערעסען פון די ארבייטער אליין צו זיין מעהר עפישענט (א נייער ווארט אין סטייל, אין אידיש מיינט דאס פליין, ווי מען זאגט ביי די קלאוקמאכער, גיט זיך א ריהר, א צאפעל), ווייל ווען מען וועט אוועקשיקען דעם ארדער ווארט שוין א צווייטער און נאך דעם קומט א דריטער און א פערטער. אלזא, חברה ארבייטער, עס שטעהט פאר פאר אייך א גוואלדיגע פראספעריטי, איהר קענט פשוט בא־גליקט ווערען, נאר איהר דארפט דאס וויסען ווי אויסצונוצען, האט שכל און לאזט ניט דורך קיין געלעגענהייט. און אונזער חברה ווערען באגייסטערט און מען נעמט פארען און פון גרויס התפעלות, אז מען גיט ניט זיך א קוק אום נאך א פאר וואכען, איז מען פארטיג מיט דעם סיזאן, מיט דער פראספעריטי, מיט די אלע גליקען, און אונזערע פיינע, אנשטענ־דיגע בכבוד'יגע באסעס פארגעסען זיך אן אלעס און מען פאנגט אן צו בלא־זען; דאס האט דער נוגע כבוד געוועזען דעם פארמאן, דער איז געוועזען א שלעכ־טער באי אין סיזאן, דער איז גלאט א קי־קער און עס פאנגען זיך אן קאמפליינטס. ניט צוטיילונג פון ארבייט; דער מע־נעדזשער פרעסער ארבייט און די איבערי־גע לאזט מען געהן ליידיג; דיסטשאר־דזשעס און נאך פארשיידענע קאמפליינטס. און דיזען מאל באמערקט זיך נאר א שפאגעל נייע געשיכטע; אייניגע באסעס טרייען גליק, זיי טרייען ארונטערנעמען פון די ווידזשעס וואס די פרעסערס הא־בען געקראגען אין סיזאן. איך זאג איי־ניגע, ווייל ניט אלע טוען דאס, נאר א פאר. און מיר ווילען גלייך אין אנפאנג שוין דא ערקלערען, אז מיר וועלען דאס ניט לאזען געהן ווייטער און מיר ווי־לען אז יעדער בעל הבית זאל דאס וויסען, אז יעדען פארזוך וואס איינער וועט מאכען ארויפצונעמען פון די ווידזשעס, [וועט] גלייך פון אונז געסטאפט ווערען. מיר וועלען אנווענדען אלע מיטלען און מיר וועלען זיך פאר קיין זאך ניט אפשטעלען און מיר וועלען יעדען דאס באזונדער גע־בען אזא פייט, אז זיי זאלען געדענקען, אז דאס וואס דער ארבייטער האט שוין איין מאל געוואונען וועט ער צוריק ניט אפגעבען. און צו אייך, ברידער פרע־סערס, ווילען מיר זאגען, אז אויב מיט יעמאנדען וועט טרעפען אזא פאל, מעל־דעט דאס גלייך אין אפיס און דער אפיס וועט דאס באלד אטענדען.

* * *

מיר ווילען אויך לאזען וויסען אונ[זערע] מעמבערס, אז די רעליעף קאמיטע צוזאמען מיט דעם לאקאל, האבען באשלא־סען צו מאכען א טעאטער אונטערנעמונג, וועלכע וועט זיכער קריגען די פולע אונ־טערשטיצונג פון אלע אונזערע מעמבערס. די אונטערנעמונג ווערט חלילה ניט גע־מאכט מיט דעם צוועק ווייל דער לאקאל אדער די רעליעף קאמיטע נויטיגט זיך אין דעם. ניין, אונזער לאקאל און די רעליעף קאמיטע, ווי אונזערע פינאנסען צייגען, זיינען גארניט אזוי שלעכט אז זיי האבען א גוטע טרעזשורי (הלואי אויף יעדען פרעסער געזאגט געווארען). אבער די געשיכטע איז; אז פאר דריי דאלאר, וואס יעדער פון די מעמבערס צאהלט איין א יאהר, איז יעדער מעמבער בא־רעכטיגט צו קאנסאמפשאן בענעפיט און 10 וואכען קראנקען בענעפיט אין יאהר, פאסירען אבער אפט אזעלכע פעלע, אז נאכדעם ווי א מעמבער קריגט זיין פולען בענעפיט און די רולס פון רעליעף ערלויבען ניט מעהר איהם צו שטיצען, אבער דער מעמבער איז אבסאלוט ניט מעהר פעהיג צו דער ארבייט, און מיר קענען פאר איהם מעהר גארנישט טאן, דארום האבען מיר באשלאסען אז מיר זאלען מאכען אן אונטערנעמונג, די איינ־נאמע פון וועלכער זאל געהן אויף צו גרינ־דען אן עמוירדזשענסי פאנד פאר אזוינע לייטע. אזוי ווי מיר האבען יעצט אזא פאל וואו 3 פון אונזערע מעמבערס וועלען מעהר ביים טרייד ניט קענען אר־בייטען, און מיר גלויבען, אז מיט דיזע געלדער וועלען מיר טרייען עפעס טאן פאר זיי, אום זיי זאלען קענען ערנערען זייערע פאמיליען. דער טעאטער אונ־טערנעמונג וועט זיין דאנערשטאג אווענט, דעם 18טען מארטש, אין סעקאנד עווענו טעאטער, און מיר זיינען זיכער אז איהר וועט אלע קומען און קויפען טיקעטס און מאכען דאס פאר א סוקסעס.

ברידער פרעסערס! קומט און אי־בערצייגט וואס איהר קענט טאן פאר אייערע ברידער וועלכע נויטיגען זיך אין אייער הילף.

* * *

יעצט ווילען מיר אייך באריכטען עפעס פרעהליכעס. אונזער לאקאל האט באשלאסען צו פייערען דעם זיעג פון אונ־זער לעצטען סטרייק דורך א וויקטארי באנקעט מיט א דענס, וועלכער איז אראנ־זשירט געווארען פאר זונטאג, דעם 19טען אקטאבער. מיר האבען דאס אייגענטליך אראנזשירט אזוי, אז עס זאל טראגען דעם כאראקטער פון א פאלקס באנקעט. פרע־סער טשערלייט זיינען איינגעלאדען גע־ווארען. אויך וועלען די סעקשאנס זיין דארט פארטראטען דורך קאמיטעס. אויך וועלען איינגעלאדען ווערען אלע אקטיווע מעמבערס. געוועהנליך, די אינטערנעשא־נעל אפיסערס און דזשאינט באארד אפי־סערס און אלע לאקאל אפיסערס פון דער יוניאן. מיר ווילען בעטען אלע פרעסער טשערלייטע, וועלכע האבען נאך ניט גע־ענטפערט אויף זייער איינלאדונג, זיי זא־לען גלייך ענטפערען. אונזער אראנדזש־מענט קאמיטע טרייט איהר בעסט און זיי זאגען אונז צו אז זיי וועלען אונז מאכען א גוואלדיגען סורפרייז, און ווייל מיר זיי־נען אין סיזאן פון באנקעטען די לעצטע, וועלען מיר שוין דערפאר טרייען זיין די בעסטע.

* * *

ביי דער געלעגענהייט פון יום טוב, ווילען מיר אלע אונזערע מעמבערס און אויך אלע מעמבערס פון דער אינטערנע־שאנעל און אלע ארבייטער פון אמעריקא און פון דער גאנצער וועלט, ווינשען גוט יאהר, אזוי אז אלע זייערע אונטער־נעמונגען זאלען זיין סוקסעספול.

דז. ברעסלאו, מענעדזשער.

ווילסאָנ'ס קאַפּיטאַל און אַרבייט קאָנפע-רענץ אַן אומזיסטע טרחה

פון ה. לאַנג

מ'דארף נים זיין קיין נביא פאראויס-
צוזאָגען, אז דער קאָנפערענץ פון קאפּי-
טאל און ארבייט, וואָס פּרעזידענט וויל-
סאָן רופט אויף דעם 6טען אָקטאָבער
וועט קיין ניי בלאט אין דער געשיכטע
נים ארייננשרייבען. שוין איצט זעהט מען,
אז ער וועט קיין ווירקונג נים האָבען.
נאָך איידער ער קומט זיך צוזאמען האט
ער פערלאָרען זיין בעדייטונג, און מיר
שיינט, אז אפילו די וועלכע וועלען זיך
בעטהייליגען אין קאָנפערענץ, וועלען
פאהרען אין וואשינגטאָן מיט דעם גע-
פיהל, אז די גאנצע אונטערנעמונג איז אן
אומזיסטע טרחה.

די אורזאכען וועלכע האבען בעוועגט
פּרעזידענט ווילסאָן ווענען אזא קאָנפע-
רענץ צו טראכטען זיינען בעקאנט כאטש
מ'האט זיי אָפיציעל נים געמעלדעט. עס
איז נים קיין סוד, אז דאס איז געווען דער
„פּלאמב פּלאן" פון די אייזענבאהן יונ-
יאָנס, די נייע פאָדערונגען פון די מיינערס
און דער דאן ערוואַרטעטער סטרייק אין
דער שטאָהל-אינדוסטריע, וואס האט אזוי
אונרוהיג געמאכט ווילסאָנ'ס הארץ און
איהם דיקטירט צו פּלאנעווען עפּעס א
„נייעם מין בעציהונג צווישען קאפּיטאל
און ארבייט", צוליעב דעם האט אויך די
אדמיניסטראציע פון דער אמעריקאן פע-
דעריישאן אוו לייבאר צוגעשטימט צום
קאָנפערענץ-פּלאן.

די אמעריקאנער ארבייטער בעוועגונג
האט געוואלט פערמיידען דעם שטאָהל-
סטרייק און האט גערעכענט, אז שוין די
פערעפענטליכונג פון דעם פּלאן, אז עס
ווערט גערופען א קאָנפערענץ פון קאפּי-
טאל און ארבייט וועט ווייכער מאכען
דעם שטאָהל-טראסט און אויף די פאָדע-
רונגען פון די שטאָהל-ארבייטער וועט
דער ענטפער זיינער זיין: „אלרייט, מיר'ן
זיך פארלאָזען אויפ'ן פּרעזידענט'ס קאָנ-
פערענץ", און דאן וועלען די שטאָהל אר-
בייטער יוניאָנס קריגען עפּעס אנערקע-
נונג. אזוי, האט מען אין די אָפיציעלע
קרייזען פון דער אמעריקאנער ארבייטער
בעוועגונג אויך געהאָפט, וועלען פערמיי-
דען ווערען צוזאמענשטויסע אין די מיינס
און אויף די אייזענבאהנען. דער קאָנפע-
רענץ וועט אויסארבייטען א פּראָגראם
מיט פאָרמולירטע פּרינציפּען ווי אזוי עס
זאָלען זיין די בעציהונגען צווישען אר-
בייטס-געבער און ארבייטער און לויט דעם
פּראָגראם וועלען ביידע צדדים זיך נוהג
זיין.

דאס איז געווען די ערוואַרטונג.

וואס האט זיך אבער אויסגעלאָזען?

דער שטאָהל טראסט האט דעם גע-
פּלאנטען קאָנפערענץ איגנאָרירט. די
שטאָהל-מאגנאטען זיינען געבליבען גע-
טריי זיך אליין — אונטער קיינע אומ-
שטענדען נים האבען צו טהאָן מיט יונ-
יאָנס, וואס עס וואלט געמיינט בעטראכ-
טען זייערע ארבייטער אלס גלייכען צד
אין דער אינדוסטריע. דאס האט גע-
בראכט צום סטרייק און אנשטאט דער
פּרינציפּ פון „קאָלעקטיוו בארגיינינג" אין
דער שטאָהל אינדוסטריע זאָל געפּאכטען
ווערען ביי א קאָנפערענץ-טיש אין ווהייט
הויז, ווי מ'האט פריהער ערוואַרטעט,
ווערט איצט פאר איהם געפיהרט א בלו-
טיגער קאמף ביי די פאבריקען. און ווי-
באלד, דער פּלאן פאר א קאָנפערענץ
האט נים געקענט פערמיידען א סטרייק
אין דער שטאָהל אינדוסטריע, ווארום זאָל
מען גלויבען, אז דער קאָנפערענץ וועט
קענען פערמיידען סטרייקס אין די מיינס
און אויף די אייזענבאהנען?

סאי פּרעזידענט ווילסאָן און סאי פּרע-
זידענט גאָמפּערס האבען גוט געמיינט,
ווען זיי האבען געפּלאנט דעם קאפּיטאל-
און ארבייט קאָנפערענץ. עס האט זיך זיי
געגלויבט, אז די ניי-ענטשטאנענע אינ-
דוסטריעלע פּראָבלעמען אין לאנד וועלען
קענען געלייזט ווערען אהן וועלכען עס
איז אָפּענעם צוזאמענשטויס צווישען
ארבייטסגעבער און ארבייטער. ווילסאָן
האט געגלויבט, אז זיינער א „מעסעדזש"
מיט דער בעקאנטער וואויל-קלינגענדער
נביא'ישער שפּראך זיינער, איז שוין גע-
נוג, אז יעדער צד זאָל אוועקלעגען די
געוועהר און פאלען כורעים פאר זיינע אָנ-
באָטען. גאָמפּערס ווידער האט גערעכענט,
אז עס איז גענוג, וואס די אמעריקאן פע-
דעריישאן אוו לייבאר שטימט איין פאר
אזא קאָנפערענץ און אינדוסטריעלע באר-
גאנען אונזערע וועלען שוין זיך אנכאפּען
פאר דעם מיט ביידע הענד. זיי האבען
אלזא ביידע געגלויבט, אז דער קאָנפע-
רענץ וועט קענען פערמיידען אן אויפ-
טרייסלונג אין די וויכטיגסטע אינדוס-
טריען פון לאנד. אויסגעלאָזען האט זיך
אבער אנדערש.

ווי די לאגע איז איצט וועט נים דער
קאָנפערענץ, בעשטימען די ווייטערע בע-
ציהונגען צווישען קאפּיטאל און ארבייט
אין אונזער לאנד, נאָך דער אויסגאנג פון
שטאָהל-סטרייק; דער קאָנפערענץ, אפילו
ווען ער זאָל שיינען פאר דער וועלט פאר
עפּעס רעכטס האט שוין פערלאָרען זיין
געשיכטליכע בעדייטונג.

דאס איז איינענטליך די אלגעמיינע
מיינונג אין דער ארבייטער בעוועגונג און
מאחורי הפּרגוד רעדט מען, אז אפילו אין
דעם אָפיס פון דער אמעריקאן פעדערי-
שאן אוו לייבאר איז מען שוין אויך נים
מעהר בעגייסטערט פאר דעם. פשוט, מיט
דעם נים קענען פארלויפיג פערמיידען
דעם שטאָהל סטרייק האט דער גאנצער
פּלאן זיך ארויסגעוויזען פאר א „פעי-
לור"...

פארוואס די ארבייטער בעוועגונג זאָל
נים זיין בעגייסטערט פאר דעם קאָנפע-
רענץ איז דא נאָך אן אורזאכע, נאמינעל
הייסט עס, אז דער קאָנפערענץ וועט בע-
שטעהען פון פאָרשטעהער פון קאפּיטאל,
ארבייטער און אלגעמיינער פּובליקום. דאס
הייסט, אז ארבייט וועט האבען א גלייכע
פארטרעטערשאפט מיט קאפּיטאל. יעדער
צד וועט האבען א דריטעל פאָרשטעהער.
אין דער אמת'ען אבער וועט ארבייט קיין
גלייכע פערטרעטערשאפט מיט קאפּיטאל
נים האבען. קוקט מען דורך די ליסטע גע-
מען פון וועלכע פּרעזידענט ווילסאָן האט
בעשטימט צו פערטרעטען „דעם פּובלי-
קום", זעהט מען, אז מיט דער אויסנאה-
מע פון צוויי-דריי געהערען די אנדערע
אלע צום קאפּיטאליסטען-קלאס. ווער
עס איז א מאגנאט מיט שעהרס אין אלער-
ליי טראסטס; ווער גלאט א פינאנסיער;
און ווער אן אָפּענער שונא פון יוניאָנס.
לשם „פּרינציפּ" ווענען. מיט וואס זיי
פערטרעטען דאס „פּובליקום" איז
שווער צו זאגען. הייגט, ווי באלד אזוי,
— טענה'ט מען אין דער ארבייטער בע-
וועגונג — וואו איז דא די גלייכע אנער-
קענונג פון קאפּיטאל און ארבייט? וואס
קען מען שוין אין גאנצען ערוואַרטען פון
אזא קאָנפערענץ?

הייסט עס, אז מען איז אין דער אר-
בייטער בעוועגונג נים בעגייסטערט פאר
דעם קאָנפערענץ און אוים אמת גוטע מא-
טיווען.

אבער עפּעס האט פאסירט וואס מאכט
דעם געפּלאנטען קאָנפערענץ נאָך געפעא-
לענער. דאס איז דער אופן ווי אזוי עס
זיינען בעשטימט געוואָרען די פערטרע-
טער, וועלכע וועלען דארפען זיין די פאר-
שטעהער פון ארבייט.

קיינער קען נאטירליך נים אויסזעצען
נעגען דעם, אז די אויטאָריטעט צו בע-
שטימען ארבייטער פארשטעהער פאר
אזא קאָנפערענץ מוז האבען די אדמיניס-
טראציע פון דער אמעריקאן פעדעריישאן
אוו לייבאר. זי איז די עקזעקוטיווע פון
דער ארגאניזירטער ארבייטער בעוועגונג.
און מאקי דערפאר, ווייל זי איז אזוי וויר-
דיג, האט זי געדארפט אין אזא פאל האנד-
לען בריימהארציגער און זעהן, אז די בע-
שטימטע ארבייטער פארשטעהער זאָלען
פערטרעטען די גאנצע ארבייטער בעווע-
גונג, אפילו די ארגאניזירטע אינדוסטריען
וועלכע זיינען נים אנגעשלאסען אין דער
אמעריקאן פעדעריישאן אוו לייבאר. עס
ווייזט זיך למשל ארוים, אז אין דער
ארבייטער-קאמיסיע איז נימא קיין פאר-
טרעטער פון די אייזענבאהן יוניאָנס.

דער עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער א.
פ. אוו ל. האט בעשטימט פאר דעם קאָנ-
פערענץ זיך אליין און נאָך עטליכע, וועל-
כע זיינען בעקאנט אלס איהרע „סטענד-
פּעטערס" און האט אויסגעלאָזען די איי-
זענבאהן יוניאָנס. פישער פון די באר-
בערס וועט זיין פערטרעטען ביים קאפּי-
טאל און ארבייט קאָנפערענץ; און, לאָ-
מיר זאגען, סטאָן פון די אייזענבאהן
יוניאָנס נ.ט. דא איז נים די פראגע פון
דעם פערסאָנאל, נאָר פון די אינדוסטריען
וועלכע די אָפּאָינטעטע פערטרעטען. פי-
שער און אפילו ריקערט מעגען זיך זיין
שעהנע דזשענטעלמען און אלרייט ביי
אלערליי ענינים; אבער דארט וואו עס
האנדעלט זיך ווענען שאפען א נייעם
סארט בעציהונג צווישען קאפּיטאל און
ארבייט" איז נים וויכטיג דער בארבער
טרייד און עס זיינען נים וויכטיג די אוועד-
ראל מאכער. ביי דעם זיינען וויכטיג די
אייזענבאהן ארבייטער און זיי האבען גע-
דארפט האבען א פערטרעטער.

די אייזענבאהן יוניאָנס פּראָטעסטי-
רען מאקי, צוליעב זייער פּראָטעסט, האט
זיך איצט צוריקגעצויגען פון דער קאָ-
מיסיע לויזיס, דער עקטינג פּרעזידענט
פון די יונייטעד מיין וואָרקערס. הייסט
עס, אז מ'וועט גיהן צום קאָנפערענץ אהן
די אייזענבאהן יוניאָנס און אהן די מיי-
נערס — טא, וואס פאר אן אויטאָריטעט
קען שוין די קאָמיסיע האבען?

מאנכע וואונדערען זיך, ווי עס קומט,
אז דער פּאָליטיש-קלוגער גאָמפּערס זאָל
מאכען אזא פּאָליטישען „ברייק" און
אויסלאָזען איצט א פאָרשטעהער פון די
אייזענבאהן יוניאָנס. איז דער תירוץ, אז
גאָמפּערס האט נים די גאנצע דעה אין
דעם עקזעקוטיוו קאונסיל פון דער פעדע-
ריישאן או' שטילערהייט פאר זיך טראכט
ער זיך: סאי ווי איז דער קאָנפערענץ א
מיסגעבורט, זאָל שוין זיין ווי עס איז
און די גאנצע געשיכטע זאָל שנעל פער-
געסען ווערען...

און זי וועט פערגעסען ווערען. אזוי
שנעל ווי דער קאָנפערענץ וועט פאראי-
בער וועט מען באלד פערגעסען אן דעם
גאנצען טאראראם. דער קאָנפערענץ קען
שוין קיין פורא נים מאכען. אומזיסט
געווען די טרחה...

די געשיכטע פון א שווערען קאמפף און א גרויסען זיעג!

(א פולער באריכט פון לאָס-אנדזשעלעס קלאָוקמאכער סטרייק)

ווערטער רעדאקטאָר פון די „גערעכ-
טיגקייט": —

בעפאר מיר קומען צום עצם סטרייק
באריכט, ווילען מיר באמערקען אז די אור-
זאכע פון אונזער נישט שרייבען אין די
„גערעכטיגקייט" ווענען דעם סטרייק ביז
יעצט איז נישט געוועזען אוים אונזער
גלייכגילטיגקייט צו אונזער ארגאן, נאָר
דער ווייטער מהלך פון אונז ביז ניו יארק.
א בריעף פון אונז צו אייך נעמט א וואך
צייט. און די סטרייק נייעס זיינען גע-
וועזען יעדען טאג נייע, וועלכע מיר הא-
בען אגב גלייך געלאָזט וויסען אין אינ-
טערנעשאנעל אָפיס, און מיר האבען ער-
וואַרטעט אז פון אונזערע טעלעגראמען
און בריעף צום אָפיס וועט ווערען גע-
מאכט אויך א נוץ פאר אונזער ארגאן.
ווארום דאס איז נישט געוואָרען געטאן
ווייסען מיר נישט. האבען מיר באשלא-
סען אפּצוּוואַרטען ביז נאָך'ן סטרייק און
דאן שרייבען א גענויען באריכט. אלזא,
צום פונקט.

דעם 21טען אפּריל האט מר. בערמאן,
א מאנופעקטשורער, געמאכט א לאָק-אוט
אויף זיינע ארבייטער, ווייל זיי האבען
פארלאנגט די ענטלאסונג פון א נישט יו-
ניאָן ארבייטערין און די אנשטעלונג פון
א יוניאָן ארבייטערין אויפ'ן פּלאץ. די יו-
ניאָן האט, נאטירליך, דעם שאפּ ער-
קלערט אין סטרייק. נאָך דריי וואכען
סטרייקען האט די מאנופעקטשורערס
אסאָסיאיישאָן פארלאנגט ארביטריישאָן
ווענען דער קייס, און די יוניאָן, דורך א
באשלוס פון די מעמבערס, האט דעם פאר-
לאנג צוריקגעוויזען. אבער מיט עטליכע
טעג שפּעטער האט די יוניאָן איהר ער-
שטען באשלוס צוריקגעוויזען און איינגע-
גאנגען אויף ארביטריישאָן. און ביידע
צדדים האבען זיך געאייניגט אויף א פּראָ-
מינענטען, אנגעזעהענעם מאן אין לאָס-
אנדזשעלעס, מר. ב. קאהן, אלס ארביט-
רייטאָר. מר. ב. קאהן, דער ארביטרייטאָר,
האט ענטשידען, אז ביז די צייט ווען די
אסאָסיאיישאָן האט פארלאנגט ארביטריי-
שאָן, איז די האנדלונג פון מר. בערמאן
געווען נעגען עקזיסטירענדען אגרימענט,
וועלכער ערלויבט נישט קיינע לאָק-אוטס,
און די ארבייטער מוזען קריגען באצאהלט
פאר די פארלאָרענע צייט. די סומע האט
באטראָפען עטליכע הונדערט דאָלאר און
די אסאָסיאיישאָן מיט דער יוניאָן האבען
זיך ביי א קאָנפערענץ געאייניגט אויף א
צייט ווען די יוניאָן זאָל די סומע באַ-
קומען.

ווען די באשטימטע צייט איז געקומען,
האט זיך אנגעפאנגען א שיקעניש פון מר.
בערמאן צו די אסאָסיאיישאָן און פאר-
קעהרט, ביז די דאזיגע האנדלונג פון דער
אסאָסיאיישאָן האט ארויסגעבראכט די
מעמבערס פון יוניאָן פון געדולד און ביי
א מעמבער מיטינג דען 17טען יוני, איז
באשלאָסען געוואָרען צו שטעלען אן אול-
טימאטום צו די אסאָסיאיישאָן, אז אויב
די יוניאָן וועט נים באקומען דאס געלט
פאר די ארבייטער ביי דעם 18טען יוני,
וועט בערמאנ'ס שאפּ ווידער ערקלערט
ווערען אין סטרייק. און דעם 18טען יו-
ני איז דער שאפּ ערקלערט געוואָרען אין
סטרייק. דעמזעלבען אווענט איז א ספּע-
שעל מיטינג פון די יוניאָן אפּגעהאלטען
געוואָרען און די מעהרסטע מעמבערס הא-
בען ערקלערט, אז די מאנופעקטשורערס
פּלאנעווען אויפצומאכען די ווינטער אר-
בייט בעפאר דעם 1טען סעפּטעמבער, אום
צו קענען דאמאלס באקעמפען די יוניאָן.

עס איז ווינשענסווערט צו באמערקען,
דאס די מאנופעקטשורערס האבען גע-
וואוסט אז די לאָס-אנדזשעלעס קלאָוקמא-
כער וועלען פאָדערען דיזעלבע באדינגונ-
גען ווי די וואס זיינען שוין אין די אנדע-
רע שטעדט אויסגעקעמפט געוואָרען, אז
די לאָס-אנדזשעלעס קלאָוקמאכער וועלען
זיך מעהר נישט צופרידענשטעלען מיט די
קאליפארניער זונען-שיין, און פון פארשי-
דענע שעפּער איז געוואָרען באריכטעט אן
אונערוואַרטעטע ביזי ביים ווינטער אר-
בייט און א אפּשטימונג פון די מעמבערס
אויף דעם מיטינג האט באוויזען, אז 95
פּראָצענט זיינען פאר א סטרייק. און
מאקי גלייך אויף מארגען, דעם 13טען
יוני, זאָל זיך דער סטרייק אנפאנגען.

באלד האבען מיר דעם אינטערנעשאָ-
נעל אָפיס געלאָזט וויסען טעלעגראפיש
ווענען דעם [illegible]. מיט א טאג שפּע-
טער באקומען מיר א טעלעגראם פון ברו-
דער שלעזינגער, אז מר. קאנעל, דירעק-
טאָר פון יונייטעד סטייטס קאמישאָן אוו
קאָנסיליאיישאָן פאר לאָס-אנדזשעלעס,
באט אן זיין הילף אום צו סעטלען דעם
סכסוך. און ער ראטה אונז, זיך שטעלען
מיט איהם אין פארבינדונג. מיר האבען
דאס אנגענומען. מיר האבען אבער גלייך
ערקלערט מר. קאנעל'ן, אז בעפאר ... גע-
העז אין וועלכע נישט איז אונ...האנד-
לונגען מיט די אסאָסיאיישאָן מוז די לעצ-
טע צו אלער ערשטען גוטמאכען איהר
חוב צו דער יוניאָן. מר. קאנעל, אנער-
קענענדיג אונזער גערעכטען פארלאנג,
האט געמאכט מר. בערמאנען דאס געלט
צו באצאהלען, און די אסאָסיאיישאָן האט
פארלאנגט פון דער יוניאָן דעם סטרייק
באלד צוריקצורופען און שיקען די ארביי-
טער צוריק אין די שעפּער; אז א נייער
אגרימענט זאָל געמאכט ווערען ערשט אין
אויגוסט און ביז דאן זאָל דער אלטער
אגרימענט בלייבען אין קראפט. די יוניאָן
האט אבער באוויזען, אז אין מעהרערע
פעלע האבען די מאנופעקטשורערס גע-
בראכען די פונקטען פון דעם אגרימענט,
און אז א נייער אגרימענט מוז פארנעמען
דעם פּלאץ פון'ם אלטען אגרימענט, וועל-
כער זאָל פארענטפערען די פראגען פון
דער צייט, ווי א 44 שטונדען ארבייטס-
וואך, העכערע סקייל און אז. וו. אבער
די מאנופעקטשורערס האבען באשריטען
דער יוניאָנ'ס פארלאנג, קליימענדיג, אז
דער אגרימענט ענדיגט זיך ערשט ענדע
אויגוסט.

זאָל דא געזאגט ווערען, אז די קאָנ-
פערענצען זיינען געהאלטען געוואָרען צו-
זאמען מיט פארטרעטער פון סענטראל-
לייבאר קאונסיל פון לאָס-אנדזשעלעס, ווי
אויך מיט'ן ארגאנייזער פון די א. פ. א. ל.,
און טראץ די צושטימונג פון די לייבאר
רעפּרעזענטאטיווס, אז דער אלטער אגרי-
מענט עקזיסטירט נישט מעהר, האט זיי
דאך גענומען א היבשע פאר וואכען ביז
דער סטרייק איז פון זיי אינדאָסירט גע-
וואָרען. די מאנופעקטשורערס פון זייער
זייט האבען, אנשטאט צו סעטלען דעם
סטרייק פרידליך, געזוכט צו מאכען ארער-
טען, און ארויסגענומען קאורט אינ-

מאָדערנע צעכען און טרייד יוניאָנס

פון דזשוליעט סטואַרט פּאוינץ

גאַנץ אָפט ווערט אונטערשטראָכען דער אונטערשיעד צווישען די צעכען פון מיטעלאַלטער, און די טרייד יוניאָנס פון דער איצטיגער צייט. לעצטענס אָבער איז ענטשטאַנען א נייע ריכטונג, וואָס אונטערשטרייכט זייער עהנליכקייט. פאַר די יעניגע פון דער נייער ריכטונג זיינען די פאַראייניגען פון די פּראָדוצירענדע אַרבייטער, וועלכע האָבען קאָנטראָלירט זייערע פאַכען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק, גוטע מאָדעלען פאַר די פאַראייניגען פון די ווײַדזש־אַרבייטער פון א סך א שפּעטערער צייט. דער „צעך־מאַן". פון אמאָל זאָגט, דאָס די אויפגאַבען פון דעם היינטיגען טרייד יוניאָן מאַן דאַרפען זיין צו קאָנטראָלירען דעם טרייד און אין גאַנצען אָפּצושאַפען דעם ווײַדזש־סיסטעם. דורך דעם אָרגאַניזירטען קאַמפּף דאַרפען די אַרבייטער זוכען ניט בלויז א העכערונג אין שכירות, א פאַרקירצונג פון שטונדען און א פאַרבעסערונג פון די אַרבייטס־באַדינגונגען בכלל, זאָנדערן גיכער א פאָלשטענדיגען קאָנטראָל איבער דער אינדוסטריע, אָנפאַנגענדיג פו׳ם שאָפּ. אינדוסטריעלע דעמאָקראַטיע וועט קענען פאַרווירקליכט ווערען בלויז דורך נאַציאָנאַלע צעכען פון אַרבייטער, פאַראייניגט מיט די נאַציאָנאַלע צעכען פון די אַרבייטער פון אַנדערע אינדוסטריען אין א צעך־קאָנגרעס, אָדער אין א נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון פּראָדוצירער פאַר דער פאַרוואַלטונג פון דער אינדוסטריע. דיעזער קאָנגרעס ווידער וועט זיך פאַראייניגען מיט דער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע פון די קאָנסומערס (פאַרבּרויכער) פאַר געמיינשאַפטליכע צוועקען.

איהר וועט אפשר זאָגען, אז דאָס איז א צו גרויסער פּראָגראַם פאַר א געזעלשאַפט פון א פּאָר הונדערט מענשען, וואָס רופט זיך „די נאַציאָנאַלע צעך ליגע" וועלכע האָט אויפגעהויבען די פאָהן פון דער נייער אידעע אין ענגלאַנד! אָבער די שטאַרקייט פון דער צעך־אידעע ליגט ניט אזוי אין דער „פּראָפּאַגאַנדאַ פון קליינע גרופּען ווי אין דער היינטיגער. ווירקליך גרויסער אַרבייטער־באַוועגונג. די צעך־אָנהענגער האָבען בלויז קלאָר געמאַכט א פּאָר אינטערעסאַנטע פראַגען, דעם פּראָצעס פון דער גרויסער אינדוסטריעלער אַרבייט וואָס געהט איצט אָן אין דער וועלט. די גרויסע טרייד יוניאָנס אין ענגלאַנד און אַנדערע לענדער זיינען מאָדערנע צעכען אין דער פאַרפּערטיגונג, ניט דערפאַר ווייל מען האָט זיי געלערענט צו זיין אזוי, נאָר ווייל זיי זיינען געצוואונגען דאָס צו ווערען. נאַציאָנאַלע פאַראַנטוואָרטליכקייט און מאַכט ווערט פּאַקטיש אַרויפגעוואָרפען אויף די אַרבייטער אָרגאַניזאַציאָנען, נאָך איידער זיי זיינען דערפאַר צוגעגרייט.

דער רעפּאָרט פון דער „קאָול קאָמישאָן" אין גרויס בריטאַניען, וואָס איז ערשיענען דעם לעצטען 8טען דזשון, ענטהאַלט אין זיך די אידעע פון א פאָלשטענדיגען דעמאָקראַטישען קאָנטראָל. דער רעפּאָרט איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרען נאָך אַן אונטערזוכונג פון מאָנאַטען, אויף וועלכער עס זיינען אויסגעהערט געוואָרען פיעלע סענסאַציאָנעלע עדות, און דאָס מערקווירדיגסטע דערפון איז, וואָס דאָס איז פאָרגעקומען אין דעם קעניג׳ס צימער פון פּאַרלאַמענט, פאַר א „דזשאָינט קאָמיטע" פון מינען־אייגענטימער, מינען־אַרבייטער און „דאָס פּובּליקום".

ראָבערט סמיילי, דער פיהרער פון די מיינערס, האָט פון די עדות אַרויסגעצויגען די געשיכטע פון דעם ניט פאַרדינטען רייכטום פון די מינען־באַזיצער, וועלכען זיי שלעפּען אַרויס פון דעם אַרבייטער׳ס געזונד און לעבען. עס איז דאָרט באַוויזען געוואָרען, דאָס וועהרענד די קויהלען־גראַבער זיינען געצוואונגען צו וואוינען מיט זייערע פאַמיליען אין איין צימער, פאַרוואוינען די מינען־אייגענטימער גאַנצע פּאַלאַצען און לעבען אין גרויס לוקסוס. די איינציגע „באַרעכטיגונג" פון גאָר פיעלע פון די מינען־מאַגנאַטען אויף דאָס לאַנד, וואָס זיי באַזיצען, שטאַמט פון דעם, וואָס די אמאָליגע קעניגע האָבען זיי דאָס אָוועקגעשענקט, „פאַר געטריישאַפט צום טהראָן". אין אַנגעזיכט פון אָט אַזעלכע באַווייזען, האָט זיך די גאַנצע קאָמישאָן ניט געקענט אַנדערש העלפען ווי רעקאָמענדירען די נאַציאָנאַליזירונג פון די מינען.

דער פּלאַן פון דער אַדמיניסטראַציע איז אינטערעסאַנט. דער קאָנטראָל זאָל ווערען איבערגעגעבען צו א מיניסטער פון קויהלען־מינען, וועלכער זאָל זיין פאַראַנטוואָרטליך צום פּאַרלאַמענט. זיינע מיטהעלפער זאָלען זיין אַן אַדוויזאָרי קאָמיטע פון 18 מיטגלידער, ערוועהלט פון א נאַציאָנאַלען מינען־קאָונסיל. דיעזער קאָונסיל דאַרף זיין א צענטראַלע קערפּערשאַפט, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון 14 דיסטריקט קאָונסילס פון די פאַרשיעדענע מינען־דיסטריקטען, וועלכע האָבען געזאָלט זיין די קערפּערשאַפטען וואָס זאָלען פאַרוואַלטען די קויהלען מינען, טעכניש, אינדוסטריעל און קאָמערציעל.

ווי אָבער זאָלען די מינען דיסטריקט קאָונסילס אויסגעקליבען ווערען? וואָרים דאָ דאַרף דאָך ליגען די גאַנצע מאַכט. זיי דאַרפען באַשטעהן פון דריי עלעמענטען, פיער אַרבייטער, פיער אויפזעהער, פיער קאָנסומענטען און א טשערמאַן מיט א וויס־טשערמאַן אַפּאָינטעט פון דעם מינען־מיניסטער; צוזאַמען, אלזאָ, פערצעהן מיטגלידער.

דער רעפּאָרט פון דער קאָול קאָמישאָן איז פון דעם ללאָיד דזשאָרדזש קאָבינעט ניט אָנגענומען געוואָרען. ער איז אָבער געוואָרען דער שטורם־צענטער, אַרום וועלכען עס שלאָגען זיך היינט די כוואַליעס פון דער אינדוסטריעלער אומרוהיגקייט אין ענגלאַנד. די מיינערס, וועהרענדיג אונטערשטיצט פון דער גאַנצער מאַכט פון דעם טרייד יוניאָן קאָנגרעס אין ענגלאַנד, ווילען זיך מיט קיין אַנדער זאַך מעהר ניט צופריעדען שטעלען. עס איז באַשלאָסען געוואָרען צו געבען דער רעגירונג נאָך א געלעגענהייט דעם פּלאַן אָנצונעהמען, און אויב ניט, זאָל איינגערופען ווערען א צווייטער קאָנגרעס צו באַשליסען וועגען אַן אַלוועלטליכען גענעראַל סטרייק פון א רעוואָלוציאָנערען כאַראַקטער איבערצובייטען די גאַנצע געזעלשאַפטליכע מאַכט און שטעלען איהר אונטער׳ן קאָנטראָל פון אַן אַרבייטער־רעגירונג.

אַן עהנליכער פּלאַן פאַר א נאַציאָנאַלען צעך פון ריילראָוד־אַרבייטער האָט די אונטערשטיצונג פון דזש. ה. טהאָמאַס און וועט איינגעשלאָסען ווערען אין אירנענד וועלכער פּראָגראַם פון די ענגלישע אַרבייטער אין דער נאָהענטער צוקונפט. דער גאַנצער פּלאַן פון נאַציאָנאַליזירען די הויפּט־אינדוסטריען האָט די צושטימונג פון דער דרייפאַכער אַליאַנץ, די מיינערס, די ריילראָוד און די טראַנספּאָרט אַרבייטער, וועלכע צוזאַמען האַלטען אין זייערע הענד דאָס לעבען פון דער נאַציאָן.

אויך אין אַמעריקאַ מאַכט פּראָגרעס די נאַציאָנאַלע צעך־אידעע. עס איז אמת דאָס דאָס וואָרט צעך ווערט דאָ ניט געברויכט, אָבער ווי זאָגט מען דאָס: „די בלום שמעקט, מיט וועלכען נאָמען מען זאָל איהר ניט רופען". מר. גלען ע. פּלאָמב האָט וואַהרשיינליך קיין מאָל ניט געהערט פון נאַציאָנאַלע צעכען, ווען ער האָט אויסגעאַרבייט זיין באַריהמטען פּלאַן. עס איז אָבער דאָך א גוטער צעך־פּלאַן פאַר אַן אינדוסטריעלער דעמאָקראַטיע. דער סיסטעם פון א דרייפאַכען קאָנטראָל איז פונדאַמענטאַל דערזעלביגער ווי דער פּלאַן פון דער ענגלישער קאָהל־קאָמישאָן. די אַרבייטער, די טעכנישע אויפזעהער און דאָס פּובּליקום דאַרפען זיין גלייך פאַרטראָטען אין דעם נאַציאָנאַלען דירעקטאָריום פון די אייזענבאַהנען, לויט דעם פּלאָמב־פּלאַן. די אייזענבאַהנען דאַרפען איבערגענומען ווערען, און מען דאַרף פאַר זיי באַצאָהלען, לויט זייער אמת׳ען ווערטה. דער „וואָסער סטאָק" וועט אזוי נאָך אַרויסגעקוועטשט ווערען, פאַר וועלכען זייערע באַזיצער לאָזען זיך איצט צאָהלען „דיווידענדס". דער שטאַאט זאָל אָנהאַלטען דעם איצטיגען קאָנטראָל אויף פראַכט און דעם פּאַסאַזשירען־רייט דורך דעם איצטיגען „אינטערסטייט קאָמערס קאָמישאָן". אחוץ די שכירות, דאַרפען די אַרבייטער באַקומען ביז 5 פּראָצענט פון די פּראָפיטען אויף דעם גאַנצען איינקונפט און דאָס איבעריגע זאָל געהערען צום שטאַאט.

אונזערע מיינערס געהען אין די זעלביגע פוס־טריט פון די אייזענבאַהן־אַרבייטער. אויף זייער קאָנווענשאָן, וואָס זיי האָבען אָפּגעהאַלטען מיט א פּאָר וואָכען צוריק, האָבען זיי ניט נאָר גוטגעהייסען דעם פּלאָמב־פּלאַן פאַר די אייזענבאַהנען, נאָר זיי האָבען נאָך אויסגעברייט דעם דעמאָקראַטישען קאָנטראָל אויך איבער די קויהלען־מינען פון לאַנד. די קויהלען־מינען אזוי גוט ווי די אייזענבאַהנען דאַרפען ווערען דאָס אייגענטום פון פאָלק און דאַרפען באַטריבען ווערען צוזאַמען מיט די אַרבייטער און דעם שטאַאט. און די מיינערס זיינען געגאַנגען נאָך א טריט ווייטער; זיי האָבען אינסטרואירט זייערע פאַרטרעטער פאָרצושלאָגען די אייזענבאַהן אַרבייטער, און די אַרבייטער פון אַנדערע וויכטיגע אינדוסטריען, די אידעע פון א פאַראייניגונג, צו פאַראייניגען קרעפטען אום דורכצופיהרען די נאַציאָנאַליזירונג. עס איז אזוי נאָך געבאָרען געוואָרען דער אַמעריקאַנער אינדוסטריעלער דרייבונד.

נאַטירליך, די קאָנסערוואַטיווע פּרעסע האָט באַגריסט די נייע באַוועגונג פאַר דער נאַציאָנאַליזירונג פון דער אינדוסטריע, אלס דאָס אָנקומען פון א סאָוועט הערשאַפט אין אַמעריקאַ. די אַרבייטער ענטפערען אָבער, אז דאָס איז א נאַטירליכער אויסוואוקס פון דער אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע.

עס איז אָבער א מערקווירדיגע זאַך! די זעלביגע מעטאָדע פון א דרייפאַכער פאַרוואַלטונג איבער די אינדוסטריען איז שליסליך אויך אָנגענומען געוואָרען אין דעם סאָוויעטען־רוסלאַנד. די גילד־ אָדער צעך־אידעע לעבט אויך דאָרטען! די אַרבייטער אין רוסלאַנד האָבען איצט אויסגעפונען, דאָס די אינדוסטריען קענען ניט באַטריבען ווערען פון זיי אליין, אָהן דער מיטאַרבייטערשאַפט פון אויפזעהער, אינזשינערען, כעמיסטען און עקספּערטען פון איין זייט, און די גרויסע מאַסע קאָנסומערס פון דער צווייטער זייט. דער איצטיגער סיסטעם פון פאַרוואַלטונג, פון דער פאַבריק ביז די קאָנטראָלירענדע קערפּערשאַפטען, באַזירט זיך דעריבער אויף א דרייפאַכיגען קאָנטראָל, פון א גלייכער פאַרטרעטערשאַפט פון די אַרבייטער, די אויפזעהער און די קאָנסומערס, די פאַרברויכער. אלע דריי האָבען די זעלביגע דעה. נאָך מעהר, עס זיינען עטאַבלירט געוואָרען נאַציאָנאַלע צעכען פאַר די צענטראַליזירטע אינדוסטריען, מיט א נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישען קאָונסיל — כמעט דאָס זעלבינע, וואָס דער „גילד־קאָנגרעס" פון די ענגלישע פּרעדיגער פון דער אידעע.

די טענדענץ פון דעם איצטיגען מאָמענט אין דער אַרבייטער־וועלט איז צו דער גרעסערער יוניאָן, די יוניאָן וואָס שפּרייט זיך אויס ווייטער פון די קליינע שאָפּ־אינטערעסען, וועלכע פאַרלאַנגט פאַר זיך די מאַכט פון אינדוסטריעלער קאָנטראָלירונג. עס איז איצט ניטאָ קיין אַנדער מאַכט אין דער וועלט, ניט אפילו דער אָרגאַניזירטער קאַפּיטאַליזם, וואָס איז שטאַרק גענוג צו נעהמען אויף זיך אזא גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט.

א שרייבער אין דער לאָנדאָן „ניישאָן" האָט דאָ ניט לאַנג צוריק געשריבען:

„וואָס מען באַרף איצטער, איז א פול פאַרשטענדיגע אינדוסטריעלע פּאָליסי, וואָס זאָל אומפאַסען דעם גאַנצען פּראָגראַם אַרום וועלכען עס האַלטען זיך די פּאָליטישע אָנהענגער פון דער אַרבייטער־באַוועגונג. איידער דאָס ווערט דערגרייכט וועלען די איינצעלנע פּראָמינענטע מענשען אין דער טרייד יוניאָן באַוועגונג, וועמענס השגה איז ניט פאַרענגט געוואָרען פון דער רוטינער, געוועהנליכער יוניאָן־טעטיגקייט, זיך דאַרפען אַביסעל אָנשטרענגען מיט זייער פיהרערשאַפט. אין פיעלע טריידס איז בעפאָר די ברויט און פוטער פּראָבלעם כמעט געווען דאָס איינציגע געשפּרעך צווישען יוניאָן־בעאַמטע. פראַגען פון איינענטום אויף די פּראָדוקציאָנס־מיטעל און וועגען סאָציאַלע אומענדערונגען, האָט מען פריהער געמיינט, באַלאַנגען אין גאַנצען צו דער פּאָליטישער זייט, און פיעלע יוניאָן־בעאַמטע זיינען געווען גאַנץ טאָלעראַנט צו זייערע סאָציאַליסטישע מיטגליעדער, אַזוי לאַנג ווי זייער אַגיטאַציע האָט זיי ניט פאַראורזאַכט פיעל זאָרג."

בערג האָט געהאַלטען א קורצע, באַגייסטערענדע רעדע און דאַן אויסגעטיילט ווערטער צו אַנדערע.

גערעדט האָבען ברודער בערלין, דער פּרעזידענט פון דעם לאָקאַל; דזשאָרדזש דזשייקאָב פענקין; דער געוועזענער מענעדזשער פון לאָקאַל 10, ברודער דזשעסי קאָהן, דר. הענרי מאָסקאָוויטש, אלדזשערנאָן ליע און פּרעזידענט שלעזינגער.

עס איז אויך פאַרגעלעזען געוואָרען א טעלעגראַמע פון ברודער מאָריס זיגמאַן, דער דזשענעראַל מענעדזשער פון דזש. באָאָרד, וועלכער איז גראָדע געוועזען אויסער ניו יאָרק און ניט געקענט בייוואוינען דעם באַנקעט.

לאָקאַל 10 האָט אויך באַזאָרגט דעם באַנקעט מיט א מוזיק אָרקעסטער, וועלכער האָט אמוזירט דעם עולם בעפאָר דעם עסען, ביים עסען און נאָכ׳ן עסען. דער עולם, וואָס קען, האָט אויך געטאַנצט א טענצעל.

מאַגען מאַטיוועָן

עקס־לאַקס איז א גוטע זאַך,
זיס ווי פּאָמעראַנצען;
ווען די קינדער זעהען עקס־לאַקס,
זינגען זיי און טאַנצען.

גיב אונז עקס־לאַקס, מאַמעניו,
ליארמען זיי און שרייען,
דאָס וועט אונז פון מאַגען־קרעמפּף,
פון מאַגען־ווייטאָג באַפרייען.

און די מאַמע מיט פאַרשטאַנד,
לאָזט זיך ניט לאַנג בעטען;
זי קויפט א באָקסעלע עקס־לאַקס
און גיט זיי צו טאַבלעטען.

שטענדיג געווען ענטשלאָסען. אָבער דו האָסט קיינמאָל ניט געהאַט קיין פונק פון א געניע, דו האָסט עס אויך ניט איצט. דערפאַר באַגלייטען דיך איצט געשפּענסטער. דו האָסט שלעכט געהאַנדעלט. דו האָסט פאַרטיליגט א לעבען אין וועלכען דו וואָלסט פאָרט געקענט געפינען גליק. דו האָסט זיך געלאָזט פיהרען פון א פייערעל, וואָס דיין פאַנטאַזיע האָט אויסגעטראַכט. דערפאַר גיט דיר דיין ארבייט קיין רוה ניט. דיך באַגלייטען שאָטענס, וואו דו ווענדסט זיך נאָר.

דיך באַגלייטען שאָטענס. יא, איך האָב זיך געפיהלט דערשלאָגען; רעדענדיג אָפען — איך האָב גענומען מורא קריגען פאַר דער פינסטערניש. איך האָב גענומען מורא קריגען פאַר פיעלע זאַכען. צום ביישפּיעל, מיך האָט געשראָקען דער פינסטערער צימער, וואָס איז געווען נעמען מיין קאַבינעט. א קעלט פלעגט אָפטמאָל דורכלויפען דורך מיינע גלידער, ווען איך בין געזעסען און געאַרבייט — מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז אימיצער געהט דאָרט ארום. איך פלעג צומאַכען די טיר, דאַמאָלט האָט זיך מיר געדאַכט, אז עס הערט זיך פון דאָרטען א שאַרכען. איך פלעג ווידער אמאָל עפענען די טיר און אָנצינדען אין מיין צימער די גרויסע לאָמפּ.

אָבער עפּעס האָט מיך אַלץ אומרוהיג געמאַכט אין דעם צימער, וואו זי האָט אמאָל געוואוינט. עס האָט מיך געשראָקען די שטול און די איבריגע זאַכען וואָס זיינען געשטאַנען אין צימער.

איך האָב זיך ארויסגעקליבען פון דאָנען. איך בין אוועקגעפאָהרען אין א קליין שעהן שטעטעל. מיין פריינד, דער קאָנסול, האָט מיך ארויפגעבראַכט אויף דעם געדאַנק און ער האָט מיר געראַטען אָט דאָס שטעטיל.

און איך האָב זיך אריבערגעקליבען אהער. אָבער די דאָזיגע שטילע הייזלעך האָבען מיך מעהר אויפגערעגט ווי באַרוהיגט. איך בין ווידער צוריק אין מיין שטאָדט געוואָרען לעהרער אין שול און אין אלגעמיין געפיהרט א רוהיג ארט לעבען און געאַרבייט אויף מיין וויסענשאַפטליך ווערק. די צייט איז זיך געגאַנגען. איך בין איינציגווייז צוגעוואוינט געוואָרען צו דער אומרוהיגקייט, וואָס האָט מיך געמאַטערט. איך בין נאָך איהר נעגאַנגען אנטקעגען. ענדליך האָב איך נאָר נישט געהאַט געגען דער איבערציינוגג, אז דער קאַלטער הויך, וואָס פלעגט מיך אָנריהרען אין איינזאַמע שטונדען, איז געווען א נאַכריכט פון מיין פאַרשטאַרבענער פרוי. איינמאָל אין אן אָבענד האָב איך געזאָגט, און געזאָגט האָב איך עס הויך, אז מיין שטימע האָט ווי אן אויפפאָדערונג געקלונגען אין דער שטילקייט, וואָס האָט מיך ארומגערינגעלט: „טאָ באַווייז זיך, לאָמיר זיך דורכרעדען, איך וויל דיר עפּעס זאָגען". סוף כל סוף איז אין מיר געבאָרען געוואָרען א שטאַרקער פאַרלאַנג, אז עס זאָל אזוי געשעהן. „דו, וואָס האָסט מיך ליעב געהאַט, — האָב איך געמורמעלט, „וואָס האָט געפּאָפּערט מיט זיך צוליעב מיר. דו, וואָס האָסט אזוי זאָנדערבאַר געקוקט אויף מיר דעם לעצטען טאָג — קום צו מיר, זאָג, אז דו נעמסט אראָפּ פון מיינע פּלייצעס די זינד, וואָס דריקען מיך, זאָג, אז דו ביסט מיר מוחל".

וואָס איז אזוינס דאָס לעבען? די לייט, וועמען עס ארען ניט די געהיימניסען פון לעבען פאַרזיכערען, אז מענשען זיינען מאַשינען, וואָס זיינען באַשאַפען פאַר'ן באַנוצען אזוי פיעל און אזוי פיעל שפּייז און צו ארויסברייגען א געוויסע צאָהל ארבייט. זיי לאַכען פון אַלץ, וואָס האָט צו טאָן מיט יענעם זייט פון לעבען. א, א, זיי קענען לאַכען פון דעם אונבאַוואוסטען, וואָס ריהרט זיי ניט אָן. אָבער די געצעהלטע, וואָס פיהלען, אז די וואָרצלען פון זייערע נשמות ריהרען אָן זאַכען, וואָס האָבען ניט צו טאָן מיט דעם פאַרגענגליכען לעבען, — זיי דאַרפען מורא האָבען פאַר דעם אונבאַוואוסטען. איך האָב ניט געדאַרפט אזוי האַנדלען, איך האָב ניט געדאַרפט ארויסרופען דאָס אונבאַוואוסטע.

אָבער איך האָב עס געטאָן. איך האָב אונאויפהערליך ארויסגערופען מיין ווייב פון קבר.

זאָנדערבאַר האָב איך זיך גראַד דאַמאָלט געפיהלט. איך האָב געזוכט די שול, אָבער אָפטמאָל בין איך געווען ווי צוטומעלט. ניט זעלטען, ווען איך בין געזעסען אויף דעם לעהרשטול און ערקלערט, האָט זיך מיין שטימע מיר אויסגעוויזען ווי א פרעמדע, און איך האָב זיך געכאַפּט, אז איך האָב געטראַכט וועגען ניט עקזיסטירענדע זאַכען, פונקט ווי זיי וואָלטען עקזיסטירט. ווי זיי וואָלטען געווען א ווירקליכקייט. געוויסע זאַכען האָב איך זיך געקענט ערקלערען, אָבער אנדערע — איז געווען אונמעגליך, און איך האָב געמיינט, אז זיי באַלאַנגען צו דער געהיימער וועלט, דער צוטריט צו וועלכער איז מיר נאָך פאַרבאָטען.

* * *

דאָס איז געווען איינמאָל ביינאַכט. איך בין געשלאָפען.

אין אן אויפגערעגטען צושטאַנד האָב איך זיך געפונען דעם גאַנצען טאָג. אין שלאָף האָב איך זיך אראָפּגעלאָזען אין עפּעס א תהום. איך געדענק, אז צוזאַמען מיט'ן חלום האָב איך געזעהן עפּעס א גאָלד־אראַנזש קאָליר. מיין באַליעבטען קאָליר. ער איז דער קאָליר פון מיין יוגענד, פון די פרעהליכע מאַסקאַראַדען, אפשר אויך פון מיינע חלומות וועגען די הערליכע, פאַרגאַנגענע דורות.

אין אנפאַנג האָט דער קאָליר העל געפלאַטערט אין מיין נשמה. שפּעטער איז אַלעס געוואָרען שוואַרץ. אָבער איך האָב אַלץ ווייטער בעקוקט און געפאָדערט נאָך. עפּעס האָט א ציטער נעטאָן אין מיר; עפּעס, דאַכט זיך, האָט מיך א שטופּ געטאָן: טו עס איצט, איצט אין די צייט.

א פּאָר רגע'ס זיינען פאַראיבער. דערנאָך האָט זיך אין דער ווייט באַוויזען אימיצענס א געשטאַלט. און אָט זעה איך מיין ווייב...

איך וויל אָנהויבען צו רעדען, נאָר איך שווייג.

און זי איז דיזעלבע. וואָס זי איז געווען אין דעם לעצטען אָוונט פאַר איהר טויט; נאָר איהרע אויגען זיינען כמעט אין גאַנצען פאַרמאַכט, אָבער ווען איך האָב אָנגעשטרענגט א קוק געטאָן, האָב איך דערזעהן, אז איהר מויל איז פאַרקרימט און רויט, פּונקט ווי פון בלוטיגען שוויים.

אָט שטעהט זי פאַר מיר. פּאַמעליך עפענט זי איהרע מילדע אויגען, אויף וועלכע עס ליגט דער שטעמפּעל פון טויט און כאַפּט מיך אָן פאַר דער האַנד. איך פיהל ווי זי דריקט מיין האַנד. „ביסטו מיר מוחל?" מורמעל איך. „זי ענטפערט ניט. זי קוקט אויף מיר און, מעגליך, אז איהר ענטפער באַשטעהט אין [illegible] וואָס ניט רעדענדיג קיין וואָרט, בויגט זי זיך פּאַמעליך איין צו מיין האַנד כדי זי א קוש צו טאָן. אָבער, ווען זי ריהרט זיך אָן מיט איהרע בלוט־רויטע ליפּען צו מיין האַנד, באַפאַלט מיך א שרעק, איך וויל זיך אָוועקדרעהען, שטערען איהר: „קוש מיך ניט מיט ליפּען, פון וועלכע עס טריפט נאָך דאָס בלוט פון דיינע ליידען".

זי ענטפערט ניט .זי האַלט מיך פעסט. בויגט זיך איין און קוקט די גאַנצע צייט אויף מיר. זי קושט מיין האַנד. א, איך בין פאַרלאָרען! איך פיהל בלוט, איהרע ליפּען בריהען מיך. איך שריי פאַר וועהטאָג און שרעק.

איך שפּרינג אויף, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. עס איז נאָך נאַכט. איך צינד אָן א ליכט. איך געדענק, אז איך האָב געוויינט. „יא, אָבער ווען איך האָב ניט געקענט זיין אנדערש" האָב איך געזאָגט. „מיר איז דאָך געווען זעהר שלעכט. איך האָב קיין אויסוועג ניט געהאַט".

ביסלעכווייז האָב איך זיך באַרוהיגט. איך געדענק, אז איך האָב אויפמערקזאַם באַקוקט מיין האַנד און איך האָב דערזעהן א רויטען פלעק, א בלוטיגען צייכען, פּונקט אויף דעם אָרט וואָס עס האָבען אָנגעריהרט איהרע ליפּען.

מעהר בין איך שוין יענע נאַכט ניט געשלאָפען. ביים שיין פון ליכט בין איך געלעגען און געפיהלט די גאַנצע צייט ווי פון דעם רויטען פלעק צושטראָמט איבער'ן גאַנצען לייב א שרעקליכער וועהטאָג. דער רויטער פלעק האָט זיך ארויסגעזעהן נאָך שאַרפער.

פיעל טעג זיינען שוין פון דעמאָלט פאַראיבער. איך בין נאָך אין דעם קליינעם שטעדטעל. איך וואוין אין מיין אַלטער דירה.

איך טראַכט אָפט אפשר פאָלגען די פּאָר איבערגעגעבענע פריינד מיינע און איבערקלייבען זיך אין דער הויפּט־שטאָדט. ניט קוקענדיג, וואָס זייערע מיטלען זיינען זעהר בעגרענצט ווילען זיי מיר פאָרט העלפען אביסעל, און איך וועל זיך דאָרט קענען באַראַטען מיט א גוטען דאָקטאָר, וואָס צו טאָן צו מיין אזוי־גערופענער „נערווען קראַנקהייט". דערצו וואָלט זיך מיר ווילען נאָכאַמאָל זעהן די דאָזיגע שעהנע שטאָדט, מיט איהרע גאַסען און פּאַרקען, מיט איהרע מיליאָנען מענשען, מיט וואָסער פאַרגניגען וואָלט איך איבער דער שטאָדט שפּאַצירט, אויפגעזוכט די פריהערדיגע פּלעצער, דערמאָנט זיך די גליקליכע טעג, וואָס איך האָב אמאָל איבערגעלעבט און וועלכע זיינען פאַרגאַנגען, פאַרגאַנגען!

אָבער דער רויטער פלעק אויף מיין האַנד — וועט ער פאַרשווינדען? ניין, ער וועט אָהן צווייפעל פאַרבלייבען. איך האָב געקוקט אויף איהם אַלע טאָג יעדע שעה האָט ער מיך ערשטוינט. איך האָב געהאַט א פאַרגעפיהל, אז דאָס איז א סימן פון אומגליק. מיט גרויזאַמקייט האָט ער מיך פאַרפאָלגט, מיינסטענס דערפאַר, וואָס ער האָט מיך שטענדיג דערמאָנט אָן דער לעצטער באַגעגעניש מיט העלענאַ'ן. ניין, ער פאַרשווינדט ניט, ער וואַקסט נאָך. ער האָט זיך פאַרוואַנדעלט אין אן ענטצינדונג. און איך פיהל, אז ער שטעקט אָן מיין בלוט מיט זיין סם.

וואָס איז דאָס אזוינס? אן עראינערונג פון דער געשטאָרבענער? נקמה? פאַר וואָס?

...אָדער, אפשר, איז דאָס אן אָנדייטונג: דיר וועט סיי־ווי־סיי קיין זאַך שוין ניט העלפען. דו וועלסט שוין קיין תקומה ניט האָבען. קום ליעבערשט אהער.

זאָל עס זיין וואָס עס וויל. איך וועל וועגען דעם מעהר ניט טראַכטען. איך בין רוהיג. זאָל נאָר וואָס גיכער פאַראיבער די צייט און אָנקומען די שעה פון פאַרניכטונג. מיר איז איצט אַלץ קלאָר אין מיר און אין מיין לעבען. מיין איינגעשפּאַרטקייט, מיינע ברענענדיגע שטרעבונגען צו פאַרשטעהן איז אין אמת'ען די בענקשאַפט נאָך מיין פאַרבאָרגענעם איך, נאָך מיין אייגענטימליכקייט, אין טיפערען זין, א בענקשאַפט נאָך דעם געטליכען אין מיר.

דאָס וועט קיינמאָל ניט שטאַרבען. ניט קוקענדיג אויף אַלע מיינע טעות'ן, וועל איך אריינדרינגען אין די גרויסע וואונדער. מיר וועט נאָך אמאָל געלינגען, ניט טועענדיג קיין צווייטען קיין שלעכטס, ארויסווייזען מיינע פעהיגקייטען. אמאָל וועל איך נאָך דערגרייכען יענעם געהיימניספולען צושטאַנד, וואָס איז בעסער פון שטילקייט: דערקוויקענדיגען אָפּרוה, רוהיגקייט.

ע נ ד ע.

די יוניטי סענטערס אין פילאַדעלפיא

די וויסט און דרעסמאכער יוניאָן, לאָקאַל 15, פון פילאַדעלפיא, וועט דעם יאָהר האָבען צוויי יוניטי סענטערס, איינעם אין די סויטהערן היי־סקול, קאָרנער בראָד און דזשעקסאָן סט. און א צווייטען אין דער וויליאַם פען היי סקול, קאָרנער וואָלאַס און 15טע סטריט. פּאַקטיש וועלען אין ביידע יוניטי צענטערס געגעבען ווערען דיזעלבע לעקטשור־קורסען. מיר האָבען דעם סיזאָן געזוכט צו באַקומען אויך די וויליאַם פען היי־סקול, ווייל די סקול וועט זיין א סך נעהענטער פאַר די מיידלאַך וואָס וואוינען אין נאָרטה און אין וועסט פילאַדעלפיא.

מיר וועלען האָבען קלאַסען אין ענגליש, עקאָנאָמיקס, ארבייטער פּראָבלעמען, היידזשין און ליטעראַטור. מיסס מערשמאַן, מיסעס גאַללעגער און מר. מאַריאַרלאָ, וועלען ווידער זיין אין די ענגלישע קלאַסען. מיס בראַון און מר. מילער וועלען זיין אין די גימנאַסטיק קלאַסען. די לעהרער פון די אנדערע קלאַסען וועלען שפּעטער באַקאַנט געמאַכט ווערען. עס קען אָבער מיט זיכערהייט געזאָגט ווערען, דאָס אַלעס וועט געטאָן ווערען צו באַקומען די בעסטע מענשען אלס לעהרער פון די קלאַסען.

לעצטען יאָהר האָבען זיך אין די קלאַסען פאַרשריבען אריבער דריי הונדערט שילער און דאָס יאָהר ווילען מיר האָבען א סך מעהר. ווי ערפאָלגרייך מיר זאָלען ניט האָבען געווען זיין אין אונזער ערשטען סיזאָן, ווילען מיר דעם סיזאָן זיין ערפאָלגרייכער. דער ערפאָלג פון דער ארבייט העננט אָפּ פון די אינטערעסע וואָס יעדער באַזונדער נעהמט אין דער אונטערנעהמונג. אַלע מיטגליעדער אונזערע, וואָס דענקען, אז אונזער ארבייט אין דער ריכטונג איז נוט און ווינשענסווערטה, זאָלען אין די שפּעטער זיך צוזאַמענרעדען מיט די אנדערע ארבייטער, פרויען און מענער, דאָס אויך יענע זאָלען זיך איינשרייבען און זיך באַטייליגען אין אונזערע קלאַסען. עס איז ניט בלויז דאָס קומען אין קלאַס וואָס אונז איז ליעב, אונז איז אויך ליעב און טייער די פריינדליכע מיטאַרבייטונג פון אונזערע מיטגליעדער צו יעדער צייט.

רעדזשיסטריישאַנס פאַר די קלאַסען אין ביידע סקולס ווערען אָנגענומען אין די סקולס גופא און די וואָך עפענען זיך שוין די קלאַסען. לעגט ניט אָפּ, רעדזשיסטרירט אייך גלייך.

רעדזשיסטריישאַן קאַרדס קענען אויך אויסגעפילט ווערען אין 38 נאָרט 11טע סטריט. טוט עס באַלד.

עלען א. קענאַן.

„דאָס הייליגע פייער" מיט עמיליע סטיווענס אין דער הויפּט ראָלע.

ווען אבר. שמר, דער באַריהמטער דראַמאַטורג האָט געענדיגט זיין נייעסטעס מייסטערווערק „דאָס הייליגע פייער", האָט ער ניט געקענט רוהען ביז ס'איז איהם ניט געלונגען צו אנגאַזשירען אלס הויפּט־סטאַר די באַריהמטע בראָדוויי אקטריסע מיס עמיליע סטיווענס.

שמר'ס „דאָס הייליגע פייער" איז א גרויסע פּראָדאַקשאָן און ער האָט זי ניט געוואָלט פּראָדוצירען מיט געוועהנליכע מואווינג פּיקטשור אַקטיאָרען. זיין פריייד איז געווען זעהר גרויס ווען מיסס עמיליע סטיווענס האָט איינגעוויליגט צו שפּיעלען די הויפּט ראָלע, ווייל אַלע ווייסען, אז מיסס ע. סטיווענס שפּיעלט בלויז אין ערשט קלאַסיגע דראַמאַטישע ווערק.

און אן ערשט קלאַסיג ווערק איז „דאָס הייליגע פייער" אויף וועלכען שמר האָט געאַרבייט א גאַנץ לאַנגע צייט. עס איז קיין געלד, מיה און ענערגיע ניט געשפּאָרט געוואָרען אז די אויפפיהרונג זאָל דערפרעהען יעדעס עסטעטישע אויג.

עס וועט לאַנג ניט נעהמען און „דאָס הייליגע פייער" וועט „רעליעזט" ווערען. עס איז קיין שום ספק ניט, אז די מואווינג פּיקטשור טעאַטערס וועלען באַלאַגערט ווערען פון צעהנדליגע טויזענדע וואָס וועלען זוכען צו זיין פון די ערשטע צו באַוואונדערען דאָס גרויסע ווערק „דאָס הייליגע פייער" מיט עמיליע סטיווענס אין דער הויפּט ראָלע.

דזשאַנקשאַנס געגען פּיקעטען, און אַלס געוועזענע ארבייטער אַליין גענומען אונטערסקעבען. ארבייטער אַלס סקעבס איז געווען אונמעגליך צו קריגען.

די יוניאָן האָט זיך, נאַטירליך, ניט אונטערגעגעבען. מען האָט זיך צוגעפּאַסט מיט'ן סטרייק צום אינדזשאַנקשאַן, און זעהענדיג אז דער סטרייק ווערט א פאַרביסענער, האָבען מיר גענומען זוכען מיטלען פאַר פינאַנציעלער שטיצע פאַר אונזערע מעמבערס ביים יעצטיגען יקרות. גלייך האָט אונזער לאָקאַל 8 פון סאַן־פראַנציסקאָ זיך אָפּגערופען ברידערליך און געשיקט גלייך 2 הונדערט דאָלאַר פון די טרעזשורי און געטעקסט אַלע זייערע מעמבערס, מענער מיט 2 דאָלאַר און פרויען מיט 1 דאָלאַר א וואָך, פאַר די גאַנצע צייט פון סטרייק. דער לאָקאַל האָט אויך געמאַכט א פּיק־ניק בענעפיט פאַר אונזער סטרייק, ביישטייערענדיג די רונדע סומע פון 2,600 דאָל. דער לאָקאַל האָט אויך ארויסגענומען א געוויסע צאָהל פון אונזערע סטרייקער צו זיך און זיי באַזעצט אין זייערע שעפּער מיט ארבייט.

אונזער לײדיס טיילאָר יוניאָן, לאָקאַל 97, פון לאָס־אַנדזשעלעס, האָט איינבערופען א רעליעף קאָנפערענץ פון אַלע ראַדיקאַלע ארגאַניזאַציאָנען, אום צו שאַפען פינאַנציעלע הילף פאַר אונזער סטרייק, און דורך דעם קאָנפערענץ איז געוואָרען געזאַמעלט ביי 15 הונדערט דאָלאַר.

אונזער אינטערנעשאָנעל, זייענדיג פאַרנומען מיט מעהרערע און גרעסערע קעמפּפע אין דערהיים און זייענדיג ווייט אוועק פון אונז, האָט אונז געשטיצט מיט דער קליינער סומע פון 2 טויזענד דאָלאַר.

מיר האָבען אויך ארויסגעשיקט א הילפס־רוף צו אונזערע שוועסטער לאָקאַלס איבער'ן לאַנד, צו וועלכען די גאָר גרויסע צאָהל פון אונזערע לאָקאַלס האָבען ניט געענטפערט. מיט די אויסנאַמע פון עטליכע לאָקאַלס, האָבען אַלע איבעריגע, ווי עס ווייזט אויס, אונזער רוף קיין אויפמערקזאַמקייט געשאָנקען. מיר האָבען אויך געקראָגען א ביסעל שטיצע פון אַנדערע אידישע און קריסטליכע יוניאָנס, אויך פון א גרויסע צאָהל ארב. רינג בראַנטשעס איבער'ן לאַנד.

ווען אונזער אוידיטינג קאָמיטע וועט זיין פאַרטיג מיט'ן רעפּאָרט, וועלען מיר דאָס פאַרעפענטליכען מיט אַלע איינצעלהייטען.

און אזוי האָבען מיר געטרייט טאָן דאָס בעסטע און געהאָלפען אונזערע נויטלײדענדע מעמבערס.

ארום אָנפאַנג אויגוסט האָבען די מאַנופעקטשורערס ארייגגעשיקט צו דער יוניאָן אַן אָנבאָט וועגען א סעטלמענט, וועלכער האָט אָבער נישט געקענט אָנגענומען ווערען צוליעב די נידעריגע סקיילס וועלכע זיי האָבען פאָרגעשלאָגען. נאָך דעם אָפּהאַלטען פון עטליכע קאָנפערענצען און נישט קענענדיג קומען צו קיין צופרידענשטעלענדען סעטלמענט, זיינען די קאָנפערענצען געוואָרען אָפּגעבראָכען. ארום דעם 15טען אויגוסט ווענדעט זיך מר. ב. קאהן צו ביידע צדדים, איינלאַדענדיג צו א קאָנפערענץ, וואו ער באָט אָן זיין דינסט אלס מידיאייטאָר־טשערמאַן, וואָס ביידע צדדים נעמען אָן, און עטליכע קאָנפערענצען ווערען אָפּגעהאַלטען, אָבער פון א צופרידענשטעלענדען סעטלמענט איז נאָך אַלץ ווייט.

אין דער לאַגע האָט זיך ניט געזעהען קיין ענדערונג ביז דעם 20טען אויגוסט, ווען אונזער באַליעבטער פעלד־מאַרשאַל, פּרעזידענט שלעזינגער, קומט אָן אין שטאָדט. גאָר אַנדערש האָבען גענומען פיהלען אונזערע קלאָוקמאַכער און אויך אונזערע מאַנופעקטשורערס.

ראשית האַלט ברודער שלעזינגער א מיטינג מיט די סטרייק קאָמיטע און קאָנפערענץ קאָמיטע, און באַטראַכט גענוי די אישוס פון סטרייק, און טאַקע דעמזעלבען אָוונט האָט ער שוין געהאַט א קאָנפערענץ מיט די מאַנופעקטשורערס, און ווען ברודער שלעזינגער, אדרעסירענדיג אויף צו מאָרגענס דעם ערשטען מיטינג פון די סטרייקער אין א פול געפּאַקטען האָל, האָט צווישען אַנדערעס אויסגערופען: „דער נעקסטער מיטינג, וואָס איך וועל אייך אַדרעסירען, וועט זיין אָדער א זיגעס־מיטינג, וואו דער אויסגעאַרבייטער אגרימענט וועט פאַר אייך פאָרגעלעזען ווערען פאַר גוטהייסען, אָדער עס וועט זיין א קריעגס־ערקלערונגס־מיטינג, און די גאַנצע אינטערנעשאָנעל וועט זיך ארייגוואַרפען אין קאַמף" — האָבען זיך די אַפּלאָדיסמענטען געקענט הערען בלאָקס ווייט.

און דער נעקסטער מיטינג איז טאַקי געווען א זיגעס־מיטינג!

דאָס איז געווען מאָנטאָג, דעם 25טען אויגוסט, וואו דער אגרימענט, אויסגעאַרבייט פון ברודער שלעזינגער, איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

אויף שנעל איז א „וויקטאָרי באַנקעט" אראַנזשירט געוואָרען, אַלאַ ניו יאָרק, פאַר מיטוואָך, דעם 27טען אויגוסט, וואו 300 פּערזאָן, מעמבערס און געסט, זיינען געוועזען אנוועזענד און געפייערט דעם זיעג מיט ברודער שלעזינגער בראש. ביים באַנקעט איז ברודער שלעזינגער פּרעזענטירט געוואָרען פון דער יוניאָן מיט א זילבערנע סיגאַרעט־קייס, און לאַנג־לאַנג וועט דער אָוונט נישט פאַרגעסען ווערען ביי די אַלע וואָס זיינען געוועזען אנוועזענד.

און איצט ווילען מיר באַדאַנקען אונזער אינטערנעשאָנעל יוניאָן בכלל און ברודער שלעזינגער בפרט פאַר'ן העלפען דערפיהרען אונזער קאַמף צו א זיעג. אויך באַדאַנקען מיר אַלע אינטערנעשאָנעל לאָקאַלס וועלכע זיינען געוועזען ברידערליך גענוג צו שטיצען אונזער סטרייק פינאַנציעל. ספּעציעל באַדאַנקען מיר לאָקאַל 8 פון סאַן פראַנציסקאָ, וועלכער האָט געוויזען א מוסטער פון ברידערליכקייט! מיר באַדאַנקען אויך אַלע אַנדערע יוניאָנס, ארב. רינג בראַנטשעס פאַר זייער פינאַנציעלער שטיצע. מיר באַדאַנקען די לײדיס טיילאָרס יוניאָן, לאָקאַל 97, פון לאָס אַנדזשעלעס, פאַר זייער פינאַנציעלע שטיצע, און די רעליעף קאָנפערענץ פון אַלע ראַדיקאַלע ארגאַניזאַציאָנען וועלכע האָבען געהאָלפען אונזער סטרייק פינאַנציעל. מיר באַדאַנקען אויך אַלע פּערזאָנען וועלכע האָבען גענומען אנטייל אין אונזער סטרייק צו העלפען אונז פינאַנציעל און מאָראַליש.

א ספּעציעלען דאַנק ווילען מיר אויסדריקען עפענטליך צו מר. ב. קאהן, וועלכער איז געווען דער טשערמאַן פון אונזערע קאָנפערענצען מיט די מאַנופעקטשורערס ביז דעם סיינען פון אגרימענט.

י. מענקאָף.
מ. בעיל.
פּרעס קאָם. ל. 52 א. ל. ג. וו. י.

ערצעהלונג

דער קוש

פון טאָמאָס קראַג.
אידיש פון
זישא לאַנדוי

(שלוס).

ווי זאָנדערבאַר האָט זי גערעדט. איך האָב זיך פאַרלאָרען, ענדליך האָב איך ארויסגערעדט:

„ווי פריידיג ביסטו היינט, העלענא."

ערנסט האָט זי א קוק געטאָן אויף מיר. האָט גאָרנישט ניט געענטפערט. מאָדנע האָבען געקוקט איהרע אויגען. קיינמאָל האָב איך זיי נאָך אזוי ניט געזעהן.

זי האָט מיר, ווי אַלע מאָל, געזאָגט א גוטע נאכט. איהר קול האָט געקלונגען רוהיג און איהר האַלטונג איז געווען ווי אַלע מאָל. איך האָב באַמערקט, אז איידער זי איז אוועק, האָט זי דאָס צימער געבראַכט א ביסעל אין אָרדנונג. דאָך האָט זיך געפיהלט אין איהר עפּעס, וואָס האָט מיך געמאַכט אומרוהיג. ביי מיר איז געבאָרען געוואָרען א געדאַנק, זיך ערנסט דורכצורעדען מיט איהר וועגען דעם אַלעם, אָבער איך האָב עס ניט געטאָן. מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אז איך פיהל אויף זיך דעם בליק פון איהרע ברייט געעפענטע אויגען, ווען זי האָט פאַרלאָזען דאָס צימער.

איך בין א געוויסע צייט געזעסען אין עס־צימער, דערנאָך בין איך אוועק אין קאַבינעט.

ווי שטענדיג, האָב איך פריהער א ביסעל געלעזען, איידער איך האָב פאַרלאָשען דעם לאָמפּ.

איך בין איינגעשלאָפען, איך האָב קיין חלומות ניט געהאַט. מיטאמאָל האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. עס איז געווען יענע שטיינליך־וואַכיגע שעה פון גרויע דעמערונגען, וואָס קומט איידער עס ווערט אין גאַנצען ליכטיג. איך בין געלעגען און געטראַכט זאָנדערבאַר — וואָס האָט מיך געקענט אויפוועקען? מען הערט קיין שאָרך ניט און עס איז אויך ניט געווען קיין חלום, ווייל מיר האָט זיך גאָרנישט ניט גע'חלומ'ט.

א, די דעמערונגען... א זאָנדערבאַרער גלאַנץ איז געווען צוגאָסען אין דער לופט. אָט דער אונענדליך טרויעריגער גלאַנץ פון דעם באַגינען, וואָס מאַכט לייכטער יעדער ענטוישונג און פאַרצווייפלונג. העלענא! יא, איצט האָב איך זיך דערמאָנט. אָט דער גלאַנץ איז געווען אַן אָפּשפּיגלונג פון דעם שיין, וואָס האָט זי היינט ארומגערינגעלט.

העלענא! — איך האָב זיך ארומגעקוקט. יא, דאָס האָט זי מיך אויפגעוועקט. איז זי דאָ געווען? די לופט, האָט זיך געדאַכט, האָט נאָך געציטערט פון דער אנוועזענהייט פון א לעבעדיגען וועזען.

איך האָב זיך אויפגעזעצט אויפ'ן בעט, געזעסען און זיך איינגעהערט. קיין שאָרך האָט זיך ניט געהערט. אָבער איך האָב זיך אויפגעהויבען און גענומען געהן איבער די צימערען. געעפענט די טיר פון איהר שלאָפצימער. איינגעהערט זיך. איך האָב ניט געהערט איהר אָטעמען.

מיט אמאָל בין איך רוהיג געוואָרען, מיט זיכערע טריט בין איך צוגעגאַנגען צו איהר בעט.

גיך האָב איך אָנגעצונדען א שוועבעלע. איך האָב זי קלאָר דערזעהן, זי איז געלעגען אזוי שטיל. די דאָזיגע שטילקייט איז שוין געווען איבער די גרענעצען פון מענשליכען באַגרייפען. אין א גרויסער מאָס איז איהר פּנים נאָך געווען באַדעקט מיט יענער לויכטענדער בלייכקייט, וואָס מען האָט באַמערקט אויף איהר אין דעם פאַרגאַנגענעם טאָג, נאָך ליכטיגער אפילו. זי האָט אין גאַנצען געלויכטען ווי דער הימן פון טויט.

איך האָב שטיל אוועקגעלייגט מיין האַנד אויף איהר קאָפּ. א קעלט איז דורכגעלאָפען דורך אַלע מיינע גלידער, אָבער איך בין געבליבען רוהיג. איך האָב אויפמערקזאַם באַקוקט א קליין פלעשעל, וואָס איז געלעגען אויפ'ן דיל. איך האָב זיך איבערצייגט, אז איהר לעבען האָט זיך פאַרלאָשען.

העלענא איז געשטאָרבען. זי האָט מעהר ניט געוואָלט לעבען מיט מיר.

איצט האָב איך פאַרשטאַנען דעם געדאַנק פון איהרע לעצטע ווערטער: נעם זיך ניט צוריק פאַר לעהרעריי. וואַרט כאָטש נאָך איין טאָג, איידער דו באַשליסט וואָס צו טאָן.

זי האָט דערמיט געוואָלט זאָגען: דו קענסט דיר רוהיג טראַכטען, ארבייטען און זיין גליקליך, ווי אמאָל... איך געה אוועק.

.10

האָט זי באמת אזוי געטראַכט? איך פרעג דאָס, ווייל איך געה אייך דערצעהלען אָט וואָס: וואָס נעהנטער עס איז געקומען דער טאָג פון דער קבורה, אַלץ שוואַכער איז געוואָרען דער הערליכער ווייסער גלאַנץ אין די מאַיעסטעטישע רוה, וואָס האָבען באַלויכטען איהר פּנים גלייך נאָך איהר טויט. עס האָט זיך באַוויזען א צווייטער אויסדרוק, א גרויזאַמער, בייזער, באַשולדיגענדער.

דאָס איז געקומען א דאַנק די ענדערונגען, וואָס קומען פאָר מיט טויטע. א פאַראויסזאָגונג אויף דער קומענדער צופאַלונג. אָבער פאַר מיין איבעראַרבייטען, אויסגעמאַטערטען מאָרך האָט די דאָזיגע ענדערונג באַקומען א מיסטישע באַדייטונג. זי האָט אין מיינע אויגען אויסגעזעהן ווי א באַשולדיגונג און א דראָהונג פון דער טויטער.

דאָך האָט דער דאָזיגער שרעק ניט לאַנג אָנגעהאַלטען. נאָך א געוויסער צייט האָב איך זיך גענומען פאַרטראַכטען וועגען אַן אויפגאַבע, וואָס האָט מיך שוין לאַנג געהאַט פאַרנומען. מיר האָט זיך געוואָלט אויפשרייבען א בוך, וואָס זאָל זיין געבויט אויף וויסענשאַפטליכע יסודות. איך האָב זיך געוואָלט פאַרנעמען מיט דער עפּאָכע, אויף וועלכער עס דייטען אָן די אַלטע קוועלען, אַן עפּאָכע, וואו דאָס מענשליכע לעבען האָט אין א גרויסער מאָס ענטשפּראָכען די חלומות, וואָס די אוטאָפּיסטען האָבען וועגען דער ווייטער צוקונפט, וועגען דער צייט, ווען דאָס לײדענשאַפטליכע יאָגען זיך נאָך געלד, דאָס בלוט־דורשטיגקייט און די היינטיגע אונרוהיגקייט וועט אָפּטרעטען דאָס אָרט פאַר שלום און צערטליכקייט. דאָס האָט געזאָלט זיין א וויסענשאַפטליך ווערק, אָבער אין דערזעלבער צייט וואָלט עס געהאַט אַן אַלגעמיינעם אינטערעס.

פאַר דער דאָזיגער ארבייט האָב איך געדאַרפט צוזאַמענקלייבען מיינע געדאַנקען; אין דער איינזאַמקייט און אין אַבסאָלוטער רוה. ארבייטען און זיין אזוי גליקליך, ווי אמאָל.

און דאָך... און דאָך...

עס קומט דאָס שרעקליכסטע: אין דער איינזאַמקייט, אין וועלכער איך לעב קען איך זיך פאָרט אַלץ ניט דערשלאָגען צו דער קלאָרקייט און רוה, וואָס עס פאָדערט מיין ארבייט. מיין קאָפּ איז שוין ניט אזוי קלאָר און בויגיג, ווי אמאָל. עס פלאַקערען אין איהם מעהר ניט אויף קיין ליכטיגע פונקען. דער ארבייטס־קאַבינעט — א גרויס רוהיג צימער, — נאָך וועלכען איך האָב אזוי געבענקט די לעצטע יאָהרען, זעהט מיר איצט אויס שרעקליך און ער שרעקט מיך מיט זיין אונהיימליכקייט. אין איהם פיהלט זיך א פאַרלאָזענקייט, וואָס דריקט ביז וועהטאָג צוזאַמען מיין האַרץ.

פול מיט שרעק האָב איך גענומען בעטען מיין גאָט, דעם גאָט פון מיין וויסענשאַפט: „א, העלף מיר! האָסטו דאָך מיר אַהער פאַרשלעפּט. דו ביסט דאָך די אורזאַכע, וואָס איך האָב קיינמאָל ניט ליעב געהאַט דאָס גליק נאָך וועלכען עס יאָגען זיך אַלע מענשען. דו האָסט געמאַכט אז איך זאָל זיך פיהלען איינזאַם צווישען מענשען, און אלס באַלוינונג פאַר מיין קרבן, האָסטו מיר געגעבען ניט דאָס לעבען, נאָר א כימערע... דו, וועמען איך האָב סיי־ווי־סיי ליעב, — פאַרהויל ניט דיין פּנים פון מיר".

אָבער אין דער זעלבער צייט, וואָס איך האָב געבעטען, האָט אימיצענס א שטימע געענטפערט: „איצט זוכסטו מיך ניט צוליעב מיר אַליין. דו ביסט ניט אין שטאַנד מיך מעהר ליעב צו האָבען. איך דאַרף דיר געבען פאַרגעסענהייט און רוה".

מעגליך, אז עס איז טאַקע אזוי געווען. איך האָב געזוכט א הילף געגען עפּעס, וואָס, ניט קוקענדיג אויף אַלע שכל'דיגע גרינדען, איז עס מיר פאָרט נאָהענט געווען. פון וואָס איך האָב זיך ניט געקענט באַפרייען.

אין דער צייט האָט א צווייפעל גענומען מאַטערען מיך: ווער ווייס, צי איך בין בכלל נאָך פעהיג אויף עפּעס? אפשר, האָב איך צו קיין זאַך קיינמאָל ניט געטויגט? אויב דו וואָלסט אמאָל געווען אויף עפּעס פעהיג, אויב דו וואָלסט באַזעסען דעם פייער פון א גאון, וואָלסטו שוין פון לאַנג באַזיגט דאָס, צו וואָס דו האָסט זיך אמאָל אונטערגעגעבען. דו וואָלסט גיך אָפּגערייניגט דיין לעבענס־וועג פון די אַלע שטרונגען און וואָלסט

דער גרויסער קאמף פאר יוניאניזם אין אמעריקא

פון ליליפוט.

לעצטען מאנטאג האט זיך אנגעהויבען דער ריזיגער שטאל-ארבייטער סטרייק אין אמעריקא. די שטאאטען פענסילווייניא, אילינאיז, אהייא, מינעסאטע, וויסקאנסין, מישיגען און נאך אייניגע אנדערע וועלען זיך פארוואנדלען, און האבען זיך שוין פארוואנדעלט, אין שלאכט-פעלדער צווישען קאפיטאל און ארבייט. די ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא זיינען מיט דיזען סטרייק אריין אין דעם לעצטען קאמף צווישען קאפיטאל און יוניאניזמוס און זיי וועלען אווענדען אלע זייערע כחות דיזען קאמף צו געווינען, זיי וועלען טאן אלעס דיזע לעצטע פעסטונג פון אפען-שאפ אין אמעריקא צו באזיגען.

ווארים פון דיזען גרויסען סטרייק הענגט אפ די גאנצע ארבייטער באוועגונג. ווען דיזער סטרייק געוואונען ווערען, דאן איז אין אמעריקא מעהר ניטא קיין פלאץ פאר אן אפען שאפ, דאן איז די גאנצע ארבייטערשאפט פון אמעריקא ארגאניזירט און די ארבייטער באוועגונג איז פאלשטענדיג אנערקענט. זאל אבער דיזער סטרייק פארלארען געהן דאן — — דאן וועלען אלע פינסטערע כחות פון לאנד ארויסקריכען פון זייערע נארעס און אלע הינט וועלען זיך אפרייסען פון זייערע קייטען און אנהויבען האווקען אויף די ארגאניזירטע ארבייטער.

אבער צו דעם וועט עס ניט קומען. צו שטארק איז יעצט די מאכט פון די ארבייטער, צו פארטגעשריטען איז די צייט אין וועלכע מיר לעבען יעצט און צו גערעכט זיינען די פאדערונגען פון די ארבייטער, אז זיי זאלען זיי קענען פארלירען.

די הויפט פאדערונג פון די ארבייטער איז דאס רעכט צו זיין ארגאניזירט און זייער ארגאניזאציאן זאל אנערקענט ווערען. אזא פאדערונג איז יעצט אין צוואנציגסטען יאהר-הונדערט נאך דער וועלט-מלחמה, ניט נאר גערעכט, זאנדערן זי איז אפילו ניט ראדיקאל. ניט נאר אין אלע אייראפעאישע לענדער, זאנדערן אפילו אין אלע גרויסע אינדוסטריען פון אמעריקא איז דיזע פאדערונג שוין נאכגעגעבען געווארען פון די ארבייטס-געבער. די אייניציגע אינדוסטריע, וועלכע האלט זיך נאך אן דעם אלטען פארשימעלטען פרינציפ פון אפען-שאפ איז די שטאהל-אינדוסטריע.

די יוניאן-סיסטעם איבעראל און די אפען שאפ סיסטעם אין דער שטאהל אינדוסטריע קענען זייט ביי זייט ניט לעבען, און איינער פון דיזע פרינציפען מוז זיגען. און ס'איז קיין צווייפעל ניט, אז די פיער מיליאן ארגאניזירטע ארבייטער פון אמעריקא מיט דער שטיצע פון אלע איבעריגע ארבייטער פון לאנד וועלען מוזען דעם שטאהל-טראסט ברעכען און די סיסטעם פון אפען-שאפ אפשאפען.

אמת, דער קאמף וועט זיין א שווערער און א ביטערער, פיליייכט דער שווערסטער און דער ביטערסטער אין דער געשיכטע פון דער גאנצער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג. אבער דער ציעל איז א גרויסער און דער פרינציפ איז א וויכטיגער און אויב ס'וועלען אפילו פאלען קרבנות — וועט עס ווערטה זיין. אלע ווייסען, דאס בעת מען האקט א וואלד, פליהען שפענער און די ארבייטער-פיהרער האבען גענוג געוואוינען און געמאסטען איידער זיי האבען זיך ענטשלאסען דעם גרויסען קאמף ארויסצורופען, און זיי האבען איהם ארויסגערופען ערשט דאן, ווען זיי זיינען געווען זיכער, אז עס וועלען פאלען וואס ווייניגער קרבנות.

א חוץ דער הויפט פאדערונג האבען די יוניאנס, וועלכע פיהרען אן דעם גרויסען קאמף ארויסגעשטעלט נאך עלף אנדערע פאדערונגען פאר די שטאהל ארבייטער, וועלכע זיינען באשעפטיגט ביי דעם שטאהל טראסט. אט זיינען דיזע אלע פאדערונגען :

1) דאס רעכט פון קאלעקטיווע פארהאנדלונגען.

2) ריענסטייטמענט פון די ארבייטער, וועלכע זיינען אוועקגעשיקט געווארען צוליעב זייער יוניאן-טעטיגקייט.

3) אן אכט שטונדיגער ארבייטס-טאג.

4) איין טאג רוה אין זיבען.

5) אפשאפונג פון 24 שטונדיגע שיפטס ביי דער ארבייט.

6) א העכערונג אויף די ווייזשעס, וואס זאלען געבען א מעגליכקייט צו מאכען אן אנשטענדיגען לעבען.

7) א סטאנדארד סקייל אוו ווייזשעס אין אלע טריידס און קלאסען.

8) דאפעלטע ווייזשעס פאר אווערטיים, זונטאג און יום טוב ארבייט.

9) איינפיהרען א סיסטעם פון קאלעקטינג יוניאן דיוס און אסעסמענטס.

10) ביים אננעהמען ארבייטער און געבען א רעיז זאל גענומען ווערען אין אנבאטראכט ווער ס'ארבייט לענגער און ווער ס'איז עלטער.

11) אפשאפונג פון די יוניאנס פון דער קאמפאני.

12) אפשאפונג פון פיזישע עקזאמינייזשאנס פאר נייע ארבייטער.

ווי מיר האבען שוין געזאגט, זיינען אין דיזען גרויסען קאמף פאראינטערעסירט 24 אינטערנאציאנאלע יוניאנס. וועלכע זיינען פארבונדען מיט דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר. די יוניאנס זיינען :

1) שמידען; 2) באילער מאכער און אייזערנע שיף-בויער; 3) ציגעל און ליים ארבייטער; 4) ציגעל לעגערס, פלאסטערערס און מייסאנס; 5) בריקען און אייזען ארבייטער; 6) באנדארעס; 7) עלעקטרישע ארבייטער; 8) פאנדרי ארבייטער; 9) אייזען, שטאהל און בלעך ארבייטער; 10) מאשיניסטען; 11) מעטאל פאלישערס; 12) מאין, מיל און סמעלטער ארבייטער; 13) מאלדערס; 14) פעטערן מייקערס; 15) פלאמבערס און סטים פיטערס; 16) גרובען ארבייטער; 17) אייזענבאהן וואגאנען מאכערס; 18) סיילארס; 19) שיעט מעטאל ארבייטער; 20) סטיישאנערי פייערמען; 21) סטיעם און אפערייטינג אינזשענירען; 22) סטים שאוועל און דרעדזשמען; 23) סוויטשמען, און 24) אלגעמיינע שטאהל ארבייטער.

די הויפט פיהרער פון דיזען ריזיגען סטרייק זיינען דזשאן פיטצפעטריק פון שיקאגא, דער פרעזידענט פון דער שיקאגא פעדערעישאן אוו לייבאר, און וויליאם דזש. פאסטער דער סעקרעטער-טרעזשורער פון דער ארגאניזאציאנס קאמיטע פון די שטאהל ארבייטער. סעמועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר איז דער עהרען-פרעזידענט פון דער דזשענעראל סטרייק קאמיטע, וועלכע פיהרט אן דעם גאנצען קאמף.

דער סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון א דזשענעראל סטרייק קאמיטע באשטעהענד פון איין פארטרעטער פון א יוניאן, ד. ה. א קאמיטע פון 24 דיזע קאמיטע פיהרט אן דעם גאנצען סטרייק. אויף די פלעצער ארבייטען סאב-קאמיטעס אין יעדען שאפ און אין יעדער פעקטארי זיינען באשטימט געווארען קאמיטעס, וועלכע פיהרען אן דעם סטרייק אויף'ן ארט.

ווי מיר האבען שוין געזאגט איז דיזער סטרייק ניט קיין געוועהנליכער סטרייק, אין זיין אויסגאנג איז פאראינטערעסירט די גאנצע ארבייטערשאפט פון אמעריקא, און די מיליאנען ארבייטערשאפט פון אמעריקא וועט דיזען סטרייק שטיצען.

דאס קאפיטאל וואס ליגט אינוועסטעט אין דער שטאהל אינדוסטריע, דער ביטערסטער שונא פון די שטאהל ארבייטער, שלאפט אבער אויך ניט, און אלע מאנופעקטשורערס אססאסיאיישאנס און גאנץ וואל סטריט, שטעהט הינטער דעם שטאהל טראסט, וועלכער זוכט די ארבייטער צו באזיגען, און איהר דארפט וויסען, אז דער שטאל טראסט אליין איז אויך ניט קיין שיפע זיבעלע, קיין אבי ווער.

דער שטאהל טראסט, וועלכער פיהרט אן דעם קאמף געגען די יוניאנס איז אינקארפארייטעד אין ניו דזשוירזי אויף א סומע פון 508 מיליאן קאמאן סטאק, און 360 מיליאן פרעפערד סטאק, דאס הייסט, אז אינקאפארירט איז דער טראסט אויף א סומע פון רונד 868 מיליאן דאלער. דער שטאהל טראסט איז באקאנט אונטער'ן נאמען די יונייטעד סטייטס סטיל קארפארייזשאן פון וועלכע ריכטער גערי איז דער פרעזידענט. ער האט 11 געזעלשאפטען און קארפארייזשאנס וועלכע שטעהען אונטער איהם.

מיט דיזער ריזיגער קאפיטאליסטישער מאשין זיינען עס די שטאהל ארבייטער פון אמעריקא ארויס אין אן אפענעם קאמף און די נאהענטע צוקונפט וועט אונז ברענגען די איינצעלהייטען פון דיזען קאמף.

דער יעצטיגער קאמף פון די שטאהל ארבייטער איז אייגענטליך ניט קיין נייער. מיט 27 יאהר צוריק האט ער זיך אנגעהויבען אין האמסטעד. בלוט פון ארבייטער איז דאן געפלאסען ווי וואסער. מענשען זיינען אומגעקומען, מיליאנען זיינען דאמאלס פארלארען געגאנגען און די קאפיטאליסטען-באנדע וועלכע איז געשטאנען הינטער דעם דאמאלסטיגען הויפט בעל הבית קארנעגי'ס רוקען האט געזיגט. 27 יאהר האט געדויערט ביז די ארבייטער פון שטאהל פאבריקען האבען געקענט צו זיך קומען אום דעם אונטערבראכענעם קאמף איבער א נייעם אויפצונעהמען, דער סטרייק האט אויסגעבראכען און אזוי ווי יעצט זיינען די אומשטענדען אנדערע, קען מען [illegible], אז דער קאמף וועט געקרוינט ווערען מיט ערפאלג.

אבער ניט גרינג וועט די [illegible] מען. די שטאהל-מאגנאטען האבען פאר די 27 יאהר גאר נישט געלערנט און גאר נישט ניט אויסגעלערנט זיך. אנשטאט אנטקעגען קומען די ארבייטער, האבען זיי שוין פריהער איידער דער קאמף האט אויסגעבראכען, איינגעשווארען 10,000 גארדס און שפיאנען אלס ספעציעלע פאליסליים. זיי האבען אונטערגעקויפט די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע, וועלכע שיט שוועבעל און פעך אויף די יוניאן-פיהרער און שטעלען די ארבייטער פיהרער פאר אלס די ערגסטע מענשען. דיזע טריקס קענען שוין יעצט אבער ניט ווירקען. די ארבייטער פארשטעהען זייערע אינטערעסען און וועלען זיך ניט לאזען ארונטערפיהרען פון וועג פון זיסע ריידעלעך און פאלשע בלבולים. דער קאמף האט זיך אנגעפאנגען און וועט אויסגעקעמפט ווערען.

פארשטעהט זיך, אז דיזער קאמף וועט ניט אנריהרען די שטאהל ארבייטער אליין, זאנדערן דאס גאנצע אינדוסטריעלע לעבען פון לאנד. מאסען אנדערע ארבייטער וועט אויסקומען צו ליידען פון דיזען סטרייק, אבער אין א מלחמה איז ווי אין א מלחמה און אין קאמף פאר א פרינציפ איז אן איבערגעבענער סאלדאט גרייט צו פאלען.

די רעגירונג וועלכע האט געקענט צווינגען די שטאהל מאגנאטען מיט גערי'ן אויף דער שפיצע איינצוגעהן אויף קאמפראמיסען, אז עס זאל צו דעם קריזיס ניט קומען, האט זעהר ווייניג געטאן. דאס איינציגע וואס זי האט געטאן איז אויפצופאדערן די יוניאן-פיהרער דעם סטרייק ניט ארויסצורופען און אפצווארטען אויף דער אינדאסטר'על קאנפערענץ, וואס דער פרעזידענט רופט צונויף אויף דעם 6טען אקטאבער.

די ארבייטער-פיהרער האבען אבער קיין צוטרויען ניט צו דער אינדאסטריעל קאנפערענץ, ווייל צווישען די 22 אפאינטעטע פון „פאלק" געפינען זיך אזוינע פארשוינען ווי דזשאדזש גערי, דער הויפט פון שטאהל טראסט, דזשאהן ד. ראקפעלער דזשוניאר, דער העלד פון לודלאור פאגראם אויף די ארבייטער, קאלאוועי פון דזשארדזשיא, דער פיהרער פון דער נעשאנאל אססאסיאיישאן פון קאטאן מאנופעקטשורערס, וועלכער קעמפט פאר דעם, אז קליינע קינדער זאלען ארבייטען אין די טעקסטיל פעקטאריס און נאך אזוינע פארשוינען. און זיי האבען דעם סטרייק ניט אפגעלעגט, ווייל זיי גלויבען ניט, אז דיזע הערען וועלען זיי ברייננגען די גאולה. דער קאמף האט זיך אנגעהויבען און איצט הייסט עס קעמפען ביז צו א זיעג.

נאך איין כאראקטעריסטיק פון דעם סטרייק. ביז יעצט זיינען די מייסטע סטרייקס געפיהרט געווארען פון איין יוניאן, פון איין טרייד יוניאן און זיי זיינען געפיהרט געווארען אויף דעם טרייד-יוניאניסטישען פרינציפ. אויסנאהמען זיינען געוועזען די קלאוק מאכער סטרייקס און שניידער סטרייקס.

דיזער סטרייק אבער, דער ריזינער שטאהל ארבייטער סטרייק ווערט אנגעפיהרט פון 24 אינטערנעשיאנאל יוניאנס געמיינשאפטליך און ווערט געפיהרט אויף אן אינדוסטריעל יוניאניסטישען פרינציפ. אין פולסטען זין פון ווארט און א זיעג אין דעם שטאהל סטרייק וועט זיין א זיעג פון אינדאסטריעל יוניאניזמוס און וועט נעהנטער ברענגען צום אינדאסטריאליד-מיס די גאנצע אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר.

אין דעם סטרייק וועלען זיך באטייליגען א האלב מיליאן ארבייטער און אינדירעקט וועלען מיליאנען ארבייטער זיין באריהרט פון איהם.

דער סטרייק איז איינער פון די גרעסטע אין דער געשיכטע פון אמעריקא און ער איז געקומען אום צו מאכען געשיכטע פאר אמעריקא. ער איז דער אנ[illegible] פון ענד פון קאפיטאליסטישער זעל[illegible]שאפט. ער איז דער לעצטער [illegible] קאמף פאר יוניאניזם פון [illegible]עריקא און [illegible] קאמף מוז געוואונען ווערען אפילו ווען די גאנצע קאפיטאליסטישע וועלט זאל געהן חרובֿ — ער מוז געוואונען ווערען.

גאנצען 44 שטונדען, און קריגען באצאהלט אם וועניגסטען 44 דאל. א וואך, און אין שאפ פיהלען זיי זיך און פיהרען זיך אויף ווי פרייע מענשען, ניט ווי אונטערטעניגע שקלאפען, און דאס א דאנק זייער ביישפיעל האבען פיעלע אנדערע ארבייטער אין פארשיידענע טריידס געטאן דאס זעלבע, און פונקט אזוי גוט אויסגעפיהרט.

ווען די לוסק-קאמיטע וועט זיך דאס דערוויסען, און אלעס אויף ריכטיג, אזוי אז עס זאל גאר קיין צווייפעל ניט קענען זיין וועגען דעם, וועט זי ערשט קענען ארויסקומען מיט דעם ריכטיגען געשריי, אז ענדליך, ענדליך האט זי געכאפט די ריכטיגע : ביז איצט זיינען געוועזען אלץ קיי-און-שפיי רעוואלוציאנערען, קליינע פלאטקעס, אבער כאפען אן ארגאניזאציע פון איבער הונדערט טויזענד, אין אן ארבייט, וואס סטראשעט ממש דעם יסוד פון אונזער ארדנונג, דאס איז ווירקליך אן אויפטו, פאר וועלכען די גאנצע געזעלשאפט, מעהר, די גאנצע מענשהייט, וועט וויסען ווי איהר אפצודאנקען.

פרעזידענט שלעזינגער צוריק פון זיין רייזע אויף דעם פאסיפיק קאוסט

זעקס און א האלב וואכען האט זיך פרעזידענט שלעזינגער פארזאמט אויף דעם פאסיפיק קאוסט. די מייסטע צייט און ארבייט האט ער פארווענדעט אויף די דריי שטעדט : לאס אנדזשעלעס, סאן פראנציסקא און סיאטעל, וואשינגטאן. אין קורצען ווייסען שוין אונזערע לעזער, וואס ער האט אויפגעטאן פאר די דארטיגע ארבייטער. אבער מען באדארף איהם אליין הערען דערצעהלען וועגען אלץ, אום צו האבען א ריכטיגען באגריף סיי. וועגען זיין ארבייט דארט און סיי וועגען פיעלעס אנדערעס, וואס ער האט געזעהן. מיר האבען איהם געבעטען אזוי לאנג, ווי זיינע איינדריקע זיינען נאך פריש און לעבעדיג, זיי אנצושרייבען פאר דער „גערעכטיגקייט". ער האט עס צוגעזאגט צו טאן, און מיר זיינען זיכער, דאס זיינע איינדריקע וועלען זיין אינטערעסאנט פונקט אזוי פאר די ארבייטער פון אונזערע מקומות, ווי פאר די, פון וועמען ער וועט אונז דערצעהלען. וואס אנבעטרעפט דעם איינדרוק, וואס שלעזינגער האט אויף אונז געמאכט, קומענדיג צוריק פון זיין רייזע, איז ער א זעהר גינסטיגער. ער שיינט אונז צו זיין אזוי ווי אין גאנצען באנייט. ער איז אוועקגעפאהרען פון אונז אזוי פאראמט, אזוי מיעד און אזוי נערוועז, און געקומען איז ער צוריק א פאלשטענדיג אויסגערוהטער, און פול מיט באגייסטערונג פאר דער ארבייט, וואס קען אויפגעטאן ווערען אין יענע ווייטע מקומות און מיט דער ענטשיעדענסטער ענטשלאסענהייט, אז זי זאל געטאן ווערען.

אונז האבען באזאנדערס אינטערעסירט זיינע איינדריקע איבער דער ארבייטער-באוועגונג אין סיאטעל. איז זי טאקע דאס אלעס, וואס מיר דא אין דער איסט שטעלען זיך פאר? ער האט פיעל אינטערעסאנטעס מיטצוטיילען וועגען דעם ענין. וועניגסטענס אונז האט עס שטארק אינטערעסירט. אבער מיר ווילען עס ביי איהם ניט אויסכאפען און לאזען עס איהם אליין דערצעהלען אויף זיין אייגענעם שטייגער.

GERECHTIGKEIT

A Jewish Labor Weekly.

Published every Friday by the International Ladies Garment Workers' Union office, 31 Union Square, New York, N. Y. Tel. Stuyvesant 1126

B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — E. LIEBERMAN, Business Mgr.

Subscription price paid in advance, $1.50 per year.

Vol. I. No. 38 — New York, Friday, October 19, 1919

Entered as Second Class matter January 25, 1919, at the Postoffice at New York, N. Y., under the Act of March 3, 1879.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in Section 1103 Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-ביכעל

דער שטאל-סטרייק.

דער שטאל-טראסט, דאס איז די עכטע פארקערפערונג פון קאפיטאליזם. איצט איז עס זיין מעכטיגסטע פעסטונג. קעמפפענדיג פאר זיך בפרט, קעמפפט ער פאר'ן קאפיטאליזם בכלל. עס איז דארום קיין וואונדער ניט, וואס די גאנצע קאפיטאליסטישע פרעסע שטעהט שטאל און אייזען פאר'ן טראסט און איז אש להבה געגען די סטרייקער, איבערהויפט געגען די, וואס שטעהען אן דער שפיץ פון קאמפף. פון אלץ שמידען זיי א וואפע געגען די סטרייקער. סיי פיטצפעטריק און סיי גאמפערס האבען ערקלעהרט פאר דער סענאט-קאמיטע, אז פאר דעם סטרייק האבען געשטימט בלויז א הונדערט טויזענד ארבייטער, שלאגען די צייטונגען דערפון קאפיטאל, און זיי קומען אלע ארויס מיט א געפילדער: אהא, איז דאך אויף אזא אופן גערי געווען גערעכט, ווען ער האט ערקלעהרט, אז די מאיאריטעט ארבייטער זיינען געטרייע שקלאפען און ווילען פון קיין אמת'ער ארבייטער-יוניאן ניט הערען און ניט זעהן.

די דאזיגע פארקויפטע נשמות פארגעסען נאר, אז אויף דעמזעלבען גרונד וואלט מען געקענט פסל'ענען די רעגירונג פון די פאראייניגטע שטאאטען, ווי יעדע אנדערע רעפרעזענטאטיווע רעגירונג. ווארום, וואו איז דען דא אזא רעגירונג, וועלכע ווערט אויסערוועהלט פון א ווירקליכער מאיאריטעט? עס איז דאך אימער נאר אן אונבאדייטענדע מינאריטעט, וועלכע קען אדער נעהמט זיך די מיה צו שטימען. און איהר שטימע איז די ענטשיידענדע, טו ווארום זאל דאסזעלבע ניט זיין גילטיג פאר דעם שטאל-סטרייק?

געוויס ווייסען עס די צייטונגען, און אין הארצען ווייסען זיי, אז ווען פון הונדערט טויזענד מענשען האבען 98 טויזענד געשטימט פאר א סטרייק, האבען זיי אויסגעדריקט ניט בלויז זייער ווילען, נאר דעם ווילען פון דער גרויסער מאיאריטעט, וועלכע האט ניט געשטימט, ווי אויך פון די, וועלכע האבען ביז דאן נאך נאר ניט געהערט צו דער יוניאן, אבער אונזערע צייטונגען האבען דאך נאר איין אויפגאבע: צו פארדרעהען דעם קאפ פון עולם, וואס געלינגט זיי ליידער אויך אזוי אפט.

און דער פאקט, דאס בלויז אויף דעם רוף פון דער יוניאן זיינען ארויס אין סטרייק ניט בלויז די הונדערט טויזענד, נאר די גרויסע מאיאריטעט, איבער 300 טויזענד, איז דאך דער קלארסטער באווייז, אז גערי האט פשוט גענארט דעם עולם, ערקלעהרענדיג, אז זיינע ארבייטער ווילען גאר פון א יוניאן ניט וויסען. די יוניאן האט ניט און קען ניט געברויכען קיינע געוואלד-מיטלען געגען די ארבייטער. ווען די ארבייטער וואלטען ניט געוואלט סטרייקען, וואלט זיי די יוניאן בשום אופן ניט געקענט מאכען ארויסגעהן אין סטרייק. אלעס, וואס די יוניאן קען טאן אין באצוג צו די ארבייטער, איז צו אגיטירען, צו אפעלירען, צו איבערציינען. דער שטאל-טראסט, פארקעהרט, האט פון זיין זייט געברויכט די שווידערליכסטע געוואלט-מיטלען געגען די ארבייטער, וואס ווילען געהערען צו אן ארבייטער-יוניאן. ער האט פאר אזעלכע ארבייטער אימער געהאט דעם שארפען חלף פון הונגער, און האט זיך מיט איהם אויך גאנץ פלייסיג באנוצט. און דאך, ניט קוקענדיג אויף דעם, האבען הונדערט טויזענד ארבייטער זיך אנגעשלאסען אן דער ארבייטער-יוניאן. יעדען טאג האבען זיי ריזיקירט מיט זייער פרנסה. יעדען טאג האט זיי געסטראשעט די געפאהר, אז א שפיאן פון טראסט זאל זיי פאר'מסר'ען, און זיי זאלען ארויסגעווארפען ווערען אויפ'ן גאס. און דאך האט די א. פ. אוו ל. עס פארטיג געבראכט צו ארגאניזירען הונדערט טויזענד מענשען. איז עס דען ניט קלאר, אז ווען די א. פ. אוו ל. וואלט געהאט ווירקליך א פרייע האנד פאר איהר גאנץ געזעצליכע ארבייט, אז ווען דאס רעכט פון פרייער רעדע און פרייער פארזאמלונג וואלט ניט אזוי שענדליך אונטערדריקט געווארען אין די פארשיידענע שטעדט, וואו דער שטאל-טראסט האט זיין ממשלה, אז זי וואלט גאנץ לייכט געקענט ארגאניזירען די גאנצע מאסע פון 500 טויזענד שטאל-ארבייטער?

עס איז קלאר דארום, אז דזשאדזש גערי האט זיך פשוט ארויסגעוויזען אלס ליגנער, ערקלעהרענדיג, אז ער קען די פארשטעהער פון די ארבייטער ניט אויפנעהמען, ווייל ער איז זיכער, אז זיי זיינען ניט בארעכטיגט צו דעם טיטעל. דאס ארויסקומען פון דער מאיאריטעט פון די שטאל-ארבייטער אין סטרייק, ניט נאר ניט זייענדיג געצוואונגען פון דער זייט פון דער יוניאן, נאר וויסענדיג, אז זיי שטעלען פשוט זייערע לעבענס אין געפאהר, ווען זיי געהען דא ארויס אין קאמפף געגען דעם מעכטיגען שטאל-טראסט, שטעכט דאך איינפאך אויס די אויגען, אז די ארבייטער-פיהרער האבען דעם פולסטען צוטרוי פון די שטאל-ארבייטער; אז זיי, די ארבייטער, באטראכטען זיי אלס זייערע פארשטעהער און אלס זייערע אמת'ע פריינד, וואס האבען ניט קיין אנדער זאך אין זינען, ווי צו באשיצען זייערע אינטערעסען. וואלטען דאך די צייטונגען געמעגט איצט שטומען; און דזשאדזש גערי אליין, ווען ער וואלט געווען א מענש מיט דעם מינדעסטען געפיהל פון עהרליכקייט, וואלט איצט געמוזט צוגעבען, אז ער האט געמאכט א טעות, און דארום איז ער בערייט איצט צו קאנפערירען מיט אט די אמת'ע ארבייטער-פארשטעהער. אבער ניט די צייטונגען און ניט דזשאדזש גערי האבען ניט די מינדעסטע בושה ניט פאר זיך און ניט פאר דער גאנצער וועלט. געגען אט די אלע פאקטען האלטען זיי נאך אלץ אין איין טענה'ן, אז די ארבייטער פון שטאל-טראסט ווילען ניט קיין יוניאן, און האבען ניט דעם מינדעסטען נוצען פאר אט די אלע ארבייטער-אגיטאטארס.

פארשטעהט זיך, אז מען האט עס געמעגט ערווארטען. דער געשריי, אז די שטאל-ארבייטער ווילען ניט קיין יוניאן, איז דאך נאר זאמד אין די אויגען פון דעם עולם. דער אמת איז, אז ניט די ארבייטער ווילען ניט קיין ארבייטער יוניאן, נאר דער שטאל-טראסט וויל עס ניט און איז ענטשלאסען, מעג עס קאסטען וואס עס וויל זיך, אז די שטאל-ארבייטער זאלען קיינמאל ניט זיין ארגאניזירט. אונטער אזעלכע אומשטענדען איז יעדער תירוץ, ווי פויל, ווי ליגנעריש ער מעג זיין, אויב נאר ער קען פאר א מאמענט העלפען, ווערט ער געברויכט.

און אט איז נאך עפעס, אויף וואס עס איז כדאי אויפמערקזאם צו מאכען. אין אנפאנג זיינען די צייטונגען ארויס מיט דעם געשריי, אז דער גאנצער קאמפף ווערט ארויסגערופען ניט צוליעב דעם, כדי די לאגע פון די ארבייטער זאל פארבעסערט ווערען. זיי האט מען אפילו אין זינען ניט. נאר זיי ווערען געברויכט פון דער א. פ. אוו ל. אלס א ווערקצייג פאר די פארגרעסערונג פון איהר אייגענער מאכט.

באלד אבער האבען די צייטונגען אויסגעפונען, אז דער ארגומענט איז שוין צו אלט, אז דער עולם האט איהם שוין אזוי אפט געהערט, אז ער הויבט איהם ניט אן צו גלויבען, און עס איז באשאפען געווארען א שפאגעל-נייער ארגומענט, אז דער סטרייק מיינט גארניט קיין קאנפערענץ, קיין גרעסערע וויידזשעס, קיין אנדערע יוניאן פאדערונגען, נאר ער באצוועקט פשוט א באלשעוויסטישע רעוואלוציע. א ראיה האט איהר, אז איינער פון די פיהרער פון סטרייק, וויליאם ז. פאסטער, דער סעקרעטער טרעזשורער פון דער סטרייק-קאמיטע, האט מיט יאהרען צוריק אנגעשריבען א ביכעל, אין וועלכען ער האט זיך ערקלעהרט געגען דער וויידזש-סיסטעם, אדער האט אנגעשריבען א בריעף, אין וועלכען ער האט זיך אונטערגעשריבען — אהה, וועה געשריען! — „יורס פאר דהי רעוואלושאן". על כן באצוועקט דער סטרייק דאך ניט מעהר און ניט ווייניגער, ווי א רעוואלוציע, איז מיט א רעוואלוציע קען מען ניט פארהאנדלען, ניט מאכען קיינע קאמפראמיסען, איהר דארף מען דערטרינקען אין בלוט.

און קאפיטאליזם, ווען עס האנדעלט זיך וועגען אזא זאך, ווי פארגיסען בלוט פון ארבייטער, מיינט ניט קיין קאטאוועס. ער באנוצט זיך ניט בלויז מיט פראזען. ער איז שוין גאר ניט קיין טעאָרעטיקער. ער פראקטיצירט דאס, וואס ער פרעדיגט, און יעדער טאג ברענגט זיינע נייע קרבנות. מענשען ווערען געשאסען ווי ווילדע חיות נאר דערפאר, ווייל זיי מאכען א פארזוך צו האבען א מיטינג. אלע זייערע רעכטע, אלס בירגער, אלס מענשען ווערען געטראטען מיט די פיס. און דער סטרייק פון די שטאל-ארבייטער, יונג ווי ער איז, האט שוין דערגרייכט די שטופע, ווען ער איז ניט מעהר א קאמפף, וואס איז נוגע בלויז די שטאל-ארבייטער, נור די ארבייטער פון גאנצען לאנד, צו וועלכען פאך זיי זאלען ניט באלאנגען.

עס איז פאר אונז גאר ניט קיין צווייפעל, אז אין דעם סטרייק האט קאפיטאל באשלאסען צו נעהמען א פעסטע, ענטשלאסענע שטעלונג געגען ארבייט, און דער רעזולטאט פון דעם קאמפף וועט זיך באלד לאזען פיהלען אין אלע אנדערע אינדוסטריען איבער'ן לאנד.

עס איז פאר אונז קלאר, אז אין דעם קאמפף באגעגענען זיך צום לעצטען מאל די צוויי גרויסע ריעזען: קאפיטאל און ארבייט. און אין קאן איצט שטעהט ניט בלויז די יונגע ארבייטער-ארגאניזאציע פון די שטאל-ארבייטער, נאר יעדער ארבייטער-ארגאניזאציע.

וועט דער שטאל-טראסט געווינען און די ארבייטער וועלען פארלירען, אדער פארקעהרט?

מיר, פון אונזער זייט, זיינען איבערציינט, אז די ארבייטער קענען ניט פארלירען; אז דער טראסט מוז זיך סוף כל סוף אונטערגעבען, ווי גרויס עס זאלען ניט זיין זיינע געלד-מיטלען, און ווי מורא'דיג עס זאלען ניט זיין זיינע בלוטיגע האנדלונגען געגען די סטרייקער. אבער נאר אויף דעם תנאי, אז די גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אמעריקא זאל מאכען דעם קאמפף פון די שטאל-טראסט ארבייטער פאר איהר קאמפף.

און מיט סימפאטיע אליין קען מען ניט און מען טאר איצט ניט אפקומען. וואס קען העלפען א רעזאלוציע, ווי גוט זי זאל ניט זיין געמיינט, געגען הונגער און מאשין-ביקסען? אין דעם פאל מוז יעדע יוניאן קומען צו הילף די שטאל-סטרייקער מיט אלע איהרע כחות. נויטיגען זיך די שטאל-סטרייקער אין מעהר ארגאניזירערס, אין מעהר רעדנער, מוז עס יעדע יוניאן זיי געבען. נויטיגען זיך די שטאל-ארבייטער אין געלד, מוז עס זיי געגעבען ווערען מיט דער פולער האנד; און, ענדליך, אויב עס וועט אנדערש ניט קענען זיין, דארף מען זיין בערייט צו שטעלען זיך אין רייה און גליעד און קעמפפען צוזאמען מיט די שטאל-טראסט ארבייטער. ווארים, נאך א מאל, עס איז ניט בלויז א קאמפף, אין וועלכען בלויז די שטאל-ארבייטער קענען געשלאגען ווערען, נאר א קאמפף, וועלכער סטראשעט מיט פארניכטונג אונזער גאנצע ארגאניזירטע ארבייטערשאפט. ווארים אויב דער שטאל-טראסט קען אויספיהרען און ניט דערלאזען זיינע ארבייטער צו ארגאניזירען זיך, ווי זיי ווילען, טו ווארום זאלען עס די מינען-מאגנאטען ניט קענען אויספיהרען, איבערהויפט איצט, ווען די מיינערס יוניאן שטעלט אזעלכע „חוצפה'דיגע" פאדערונגען? ווארום זאלען עס די אייזענבאהן ארבייטער בלייבען אזעלכע מיוחסים, און ווארום זאלען די קלאוקמאכער בלייבען אזעלכע פריווילעגירטע?

די ארבייטער מוזען האבען אין זינען, אז עס איז ניט בלויז דער שטאל-טראסט וואס האט זיך געשטעלט אין קאמפף געגען זיינע ארגאניזירטע ארבייטער. דער גאנצער קאפיטאליזם איז מיט איהם. וואל סטריט איז מיט איהם. יעדער מאנופעקטשורער, אין אירגענד וועלכען טרייד, קוקט מיט אויגען פון האפנונג און פון אנגסט אויף דעם אויסגאנג פון דעם קאמפף.

דאס איז דער ערנסטסטער מאמענט אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער-באוועגונג אין אמעריקא. און איצט, ווען גאנץ קאפיטאל האט זיך פאראייניגט געגען די ארבייטער, קענען דען די ארבייטער טאן אנדערש, ווי ארויסצושטעלען א פאראייניגטען געשלאסענעם פראנט געגען דעם שונא?

און מיר אפעלירען צו אלע ארבייטער בכלל, און צו אונזער גרויסער אינטערנעשאנאל בפרט, צו שטעהן אויף דער הויך פון דעם איצטיגען מאמענט. איצט טאר מען ניט ווארטען ביז די שטאל-סטרייקער וועלען רופען צו הילף. די הילף מיט אלץ וואס איז נויטיג מוז אנגעבאטען ווערען פון אלע, אלע ארגאניזירטע ארבייטער.

די יוניאן, וואס וועט בלייבען שטעהן איצט פון דער ווייטענס, וועט פשוט באגעהן פארראט געגען זיך און געגען דער גאנצער ארבייטער-באוועגונג.

די לוסק-קאמיטע און די ראדיקאלע יוניאנס.

מיר פיהלען זיך באמת געשמייכעלט, יע, שטאלץ, וואס די לוסק-קאמיטע אין איהר זוכעניש פון קראמאלא אין לאנד מיט דעם צוועק איהר אויסצוראטען, האט אויך ניט איבערגעהיפט אונזער אינטערנעשאנאל און איינגעלאדען איהרע באאמטע אויף א פארהער.

א שאד, וואס דער פארהער וועט געהאלטען ווערען הינטער פארשלאסענע טירען, ווי עס פאסט פאר אזעלכע אינקוויזיטארען, ווי די לוסק קאמיטע, אבער מיר וואלטען באמת געוואלט זיין דערביי. עס איז דאך באמת א קאמפלימענט פאר אונזער אינטערנעשאנאל, ווען די לוסק-קאמיטע באטראכט איהר פאר ראדיקאל גענוג, אום צו נעהמען אויף א פארהער איהרע פארשטעהער. עס וואלט דאך געווען פשוט א שאנדע, אז די קאמיטע, וואס האט אזוי געבושעוועט אין דער רענד סקוהל, געמאכט אזעלכע עכט-צארישע אבלאוועס אויף דער באלשעוויסטישער ביורא אין ניו יארק, אז זי זאל אויסלאזען אזא ארגאניזאציע, ווי אונזערע. דאס וואלט דאך טאקע געשאפען דעם חשד, טאמער איז טאקע אונזער אינטערנעשאנאל אראפגעקראכען פון דרך הישר?

איצט אבער, אז מיר האבען די רעקאמענדיישאן פון דער לוסק-קאמיטע אליין, אלס „ראדיקאלע" יוניאן, קענען מיר האלטען הויך אונזער קאפ. טאמער וועט איצט קומען איינער פון אונזערע „קאונסיל-לייט" און אונז פארווארפען אין קאנסערוואטיזם, וועלען מיר איהם אפשיקען צו דער לוסק-קאמיטע: געהט פרעגט ביי איהר — וועלען מיר איהם ענטפערען מיט שטאלץ — זי ווייס דאך מסתמא, וואס זי טוט. טאמער וועט אימיצער וואגען צו פארדעכטיגען אויף א האר אונזער פרעזידענט אין זיין ניט „דאס", וועלען מיר מיט שטאלץ קענען אנווייזען אויף דעם פאקט, אז ער איז אויף דער ליסטע פון די „סאספעקטס", פון די פארדעכטיגע. יע, מיר פיהלען זיך פארפליכטעט צו דער לוסק-קאמיטע. זי האט אונז ערהויבען אין אונזערע אייגענע אויגען. מיר האבען גאר אליין ניט געוואוסט, ווי ראדיקאל מיר זיינען. עס איז באמת אן אויסצייכנונג פאר אן ארבייטער-ארגאניזאציע צו ווערען איינגעלאדען אויף א פארהער פון דער דאזיגער קאמיטע. מיר האפען, אז אונזער סעקרעטער-טרעזשורער באראף, וועלכער איז עס „איינגעלאדען" געווארען צו ערשיינען לעצטען מאנטאג פון דער קאמיטע, וועט מיט קיין ווארט ניט מאכען פיהלען די לוסק-קאמיטע, אז זי האט חלילה א טעות געמאכט; מיר האפען, אז ער וועט די לוסק-קאמיטע מאכען פיהלען גוט, אז זי האט אנגעטאפט דעם סאמע וועהטאגדיגסטען פלאץ; אז די געפאהר פאר אונזערע הייליגע אינסטיטוציעס איז ניט אין די עטליכע באלשעוויקעס, וואס מאכען אזעלכע קולות, אז מען מיינט גאט ווייס, וויפיעל זיי זיינען; ניט אין די אפיציעלע רויטע, אויך ניט אין די א. וו. וו. און נאך אזעלכע ארגאניזאציעס, נאר פשוט אין די ארבייטער-יוניאנס, וואס האבען איבער הונדערט טויזענד מעמבערס, וועלכע סטרייקען פון צייט צו צייט, און פיהרען אויס צו ארבייטען אין

פאלען ווערען פון אזא משונה, אז ער זאל זיך אליין רואינירען.

דאס גאנצע קלינגט דארום, ווי א שלעכט־אויסגעטראכטע קינדער־מעשה־לע. עס איז דא א וואונש אנצואווייזען אויף דעם שרעק פון אברגלויבען אין דארף, אבער דער שרעק פיהלט זיך ניט. מעהר פון אלץ איז עס לאנגווייליג. די ביהנע איז אימער פול מיט קולות, גע־רויש, אזוי אז מען הערט קוים וואס די מענשען ריידען, און עס איז אפשר בע־סער אזוי, ווארים הערט מען זיי ריידען, קלעפט זיך ניט א ווארט צו א ווארט.

פון אלץ, וואס איז געזאגט געווארען, ווערט שוין אויך זיין קלאר, אז פאר די אקטיארען, וואס שפיעלען די ראליען פון די דארפס־מענשען, בלייבט זעהר ווייניג וואס צו טאן. ווארים זיי האט דאך דער פארפאסער גאר אין זינען ניט געהאט. דארום זיינען זיי געבליבען אונגעמאלען און אונגעשילדערט, און דערפאר, כאטש אלע, וועלכע שפיעלען אין דער פיעסע, זיינען ווירקליך געקליבענע אקטיארען, אונזערע סאמע בעסטע, וועלכע האבען געבילדעט אט די נייע קאמפאניע, אום צו שפיעלען עטוואס בעסערע זאכען, ווי די, וועלכע ווערען געוועהנליך געשפיעלט, און כאטש זייער קונסט־דירעקטאר איז דער באקאנטע קינסטלער עמאנועל רייכער, און כאטש דער טעאטער איז א זעהר שעהנער און עס איז אלעס געטאן געווא־רען פאר דער געשמאקפולסטער אויס־שטאטונג פון דער פיעסע דורך די דעקא־ראציעס פון י. פאשקא, דאך, לויט מיין מיינונג, איז די פיעסע א דורכפאל; איך גלויב ניט, אויב זי ברענגט, אויב זי קען ברענגען אימיצען א ווירקליך גייסטיגען גענוס. דאס קען ניט זיין דערפאר, ווייל א פארזוך אליין, ווי גוט ער זאל עס זיין געמיינט, אבער זעהר אונגעלונגען אויס־געפיהרט, קען קיין מאל ניט ברענגען קיי־נעם קיין אמת'ע באפרידיגונג.

דער קריטיקער.

יובילעאום־קאנצערט פון די „פרייע ארבייטער שטימע.“

צו דעם פראגראם פון דעם פ. א. ש. יובילעאום קאנצערט איז צוגעקומען נאך א באדייטענדער ארטיסט, רודאלף ראוטער, אן אמעריקאנער פיאניסט, וועלכער פאר־נעמט אן אנגעזעהענעם פלאץ אין דער מוזיקאלישער וועלט. מיט אזעלכע אר־טיסטען ווי נינא טאראסאווא, וואן וויליעט און רודאלף ראוטער, פארשפרעכט דער קאנצערט צו זיין איינער פון די אינטע־רעסאנטסטע דיעזען סיזאן.

קארנעגיע האל וועט זונטאג אווענט, דעם 19טען אקטאבער, זיכער זיין איבער־געפאקט, און ווער עס וויל האבען דאס פארגעניגען צו זיין דארט, דארף זיך בא־צייטענס טאקע שוין באזארגען מיט טי־קעטס. טוט עס גלייך, אויב איהר ווילט דארטען זיין.

דער סענאט און זיין „ארבייטס־קאמיטע“

פון ב. מיימאן.

פאר אונז איז דאס ניט קיין שטוינענ־דע נייעס אויסצוגעפינען אז די ארבייטער ווערען אין דעם אמעריקאנעם קאנגרעס בעהאנדעלט ווי שטיף־קינדער. ווער עס האט בעאבאכטעט די פיהרונגען פון אונ־זער קאנגרעס האט דאס געקענט לייכט זעהן פון יעדער איינער האנדלונג. וואס איז יא א נייעס איז, אז דאס זאל אפען צו־געגעבען ווערען אויף דעם פלאר פון דעם יונייטעד סטייטס סענאט. און נאך פון וועמען, פון דעם טשערמאן פון דער „סע־נאט קאמיטע אוו עדיוקיישאן ענד ליי־באר“.

סענאטאר קענאן פון איאווא, איז דער טשערמאן פון דיזער קאמיטע וואס האט צו פארהאנדלען אלע בילס וואס זיינען נוגע ארבייט. זעהר פיעל ארבייט האט דיזע קאמיטע ניט, פשוט דערפאר ווייל אין סענאט ווערען ניט אריינגעטראגען קיין זעהר פיעלע בילס אדער רעזאלוציעס וואס זאל האבען א שייכות מיט ארבייט. ווער וויל זיך דאס באדערען מיט אזא קליי־ניגקייט?.... אבער די ווייניגע בילס וואס ווערען יא אריינגעטראגען, ווערען אויך ניט פארהאנדעלט. סענאטאר קענאן זאגט, אז ער קען קיינמאל ניט צוזאמענ־ברענגען די קאמיטע צו א זיצונג.

אט זיינען די ווערטער וואס דיזער סע־נאטאר, דער טשערמאן פון דער ארבייטס־קאמיטע האט געזאגט אויף דעם פלאר פון סענאט, דעם 29טען אויגוסט, 1919.

„איך וויל זאגען צום סענאטאר אז עס זעהט אויס צו זיין זעהר א שווערע אויפגאבע צוזאמענצוברענ־גען א קווארום פון דער קאמיטע אוו עדיוקיישאן ענד לייבאר; פאר וואס ווייס איך ניט“.

מיינט איהר טאקע אז ער ווייסט ניט פאר וואס עס איז אזוי שווער צוזאמענצו־ברענגען א קווארום פון דיזער קאמיטע? ער ווייסט, דער ממזר יונג. שפעטער אבי־סעל, ווען ער ווערט אביסעל מעהר צוגע־דריקט צו דער וואנט, זאגט ער פאר וואס דאס איז אזוי. אט זיינען זיינע ווערטער, ווי מיר געפינען זיי אין דעם קאנגרעשא־נאל רעקארד פון אויגוסט 29טען, פיידזש 4797:

סענאטאר קענאן: — מר. פרעזידענט, מעג איך זאגען נאך א ווארט? עס זיינען געווען מענער אין דיזען סענאט וועלכע האבען גע־וואלט זיין אין דיזער קאמיטע, מע־נער וועלכע וואלטען גענומען א ספע־ציעלען אינטערעס אין פראגעס פון מענשליכען וואוילזיין, ווי איך מעג דערמאהנען דעם סענאטאר פון מע־רילענד (מר. פרענס). איך האב גע־בעטען די קאמיטע אוו קאמיטעס (די וועלכע באשטימט די מיטגלידער פון אלע קאמיטען) אז זיי זאלען דעם סענאטאר פון מערילאנד באשטימען פאר דער ארבייטס קאמיטע. איך דענק, אז ווען מיר וועלען באטראכ־טען די ריכטיגע פאקטען וועלען מיר זעהן, אז עס איז געווארען פארדעכ־טיגט דאס דיזע קאמיטע ווערט אבי־סעלע צו ראדיקאל. זיי האבען מורא געהאט אריינצוזעצען דארטען צו־פיעל ראדיקאלע מענשען — מענער וואס נעהמען א שטאנדפונקט אין די ארבייטער פראגען וועלכע זיינען פי־לייכט ניט איינפערשטאנען מיט דיזע פון די מעהרסטע קאנסערוואטיווע עלעמענטען פון דיזען סענאט; און נאטירליך איך מיין חלילה ניט צו ריידען קיין שלעכטעס אויף קיינעם פון דער קאמיטע. זיי זיינען אלע פיינע לייטע, אבער פילע פון זיי הא־בען ניט דעם אינטערעס אין פיעלע פון דיזע פראגעס וואס דער סענא־טאר האט און וואס איך האב, און זיי האלטען ניט דיזע קאמיטע צו זיין פון זעהר גרויסער וויכטיגקייט, און פיעלע פון זיי קעהרען גאר ניט וועגען דער גאנצער ארבייטער פראגע. דאס איז דער ריינער אמת געזאגט ווי איך פארשטעה איהם; און דארום, אויב דאס וועט אזוי אנהאלטען, בין איך אייך מוחל די גאנצע קאמיטע“.

איהר הערט דבורים! מענשען וואס אינטערעסירען זיך מיט ארבייטער פראגען האלט מען פאר צו ראדיקאל און איבער דעם פאסען זיי ניט, אדער עס איז צו גע־פעהרליך זיי ארויפצוזעצען אויף דער אר־בייטער קאמיטע! וועמען זשע זעצט מען יא ארויף? אזעלכע וואס ווייסען גאר ניט וועגען דעם, וואס אינטערעסירען זיך גאר ניט וועגען קיינע ארבייטער פראגען און וועלכע ווילען אפילו ניט קומען צו קיין מיטינג פון דער קאמיטע. דורך דעם איז די קאמיטע ניט ארבייטספעהיג און קען קיין זאך ניט אויפטאן. איז דאס ניט א הימעל שרייענדער סקאנדאל?!

מיינט איהר אז דער סענאטאר פרענס, פון מערילענד, וועלכען מען האט מורא געהאט ארויפצוזעצען אויף דער ארבייטער קאמיטע, איז טאקע אזא געפעהרליכער „ראדיקאל“? איהר מיינט אודאי אז ער איז אן אנארכיסט, אן אי דאבעליו דאבעל־יו'ניק, א באלשעוויק? אסור חזיר! ער איז קיינמאל ניט געווען קיין חבר פון דזשאהן ריעד אדער עמא גאלדמאן.... ער איז א כשר'ער רעפובליקאנער און א בכבוד'ער בעל הבית'ל. פארקעהרט, די רעפובליקאנער האבען איהם נאמינירט און געארבייט מיט דער גאל איהם צו ער־וועהלען אלס סענאטאר פון מערילענד גע־גען דעם דעמאקראטישען קאנדידאט דייוויד דזש. לואיס. דערפאר וואס לואיס איז געווען צופיעל פריינד פון די ארבייטער. מר. לואיס, זייענדיג א קאנגרעסמאן, איז געווען דער טשערמאן פון דער לייבאר קאמיטע פון קאנגרעס און האט זיך ארויסגעצייגט פאר א שטיקעל פריינד פון די ארבייטער. לואיס האט אין קאנגרעס בעלאנגט צו דער זאגענאנטער „ארבייטער גרופע“ און איבער דעם איז ער געווען אביסעל צו געפעהרליך פאר'ן סע־נאט. פרענס איז געלאפען געגען לואיס'ן און איז מיט דער הילפע פון דער רעפוב־ליקאנער מאשין אריינגעשטופט געווארען אין דעם סענאט פון די פאראייניגטע שטאטען. איצט האט דיזעלביגע רעפוב־ליקאנער מאשין מורא געהאט צו מאכען דעם זעלביגען סענאטאר פרענס פאר א מיגטליעד פון דער לייבאר קאמיטע דער־פאר וואס ער איז „צו ראדיקאל“.

מילא זיין ראדיקאליזם, אפילו דער ראדי־קאליזם פון דעם טשערמאן פון דער קאמי־טע אליין, סענאטאר קענאן, קען קלעקען אויף דעם שפיץ מעסער, אבער אפילו ווען איינער איז נאר ניט פאלקאמען קאנסער־וואטיוו לאזט מען איהם שוין ניט אריין אין קיין קאמיטע וואס האט עטוואס צו טאן מיט ארבייטער פראגען און מען זעצט אהינצו אריין בלויז אזעלכע וואס ווילען אפילו צו קיין מיטינג פון דער קאמיטע ניט קומען. אט, אויף וויפיעל די ארביי־טער קענען ערווארטען פון אונזער גוטע, קלוגע, און הויפטזעכליך „אונפאר־טייאיש“ געזעצגעבער!

די פיהרונגען פון דעם סענאט זיינען אזעלכע אז קיין ביל קען ניט פארגעבראכט ווערען פאר דער גאנצער קערפערשאפט איידער זי ווערט ניט באטראכט פון א קא־מיטע און ווערט ניט באריכטעט צום סע־נאט. אויב די קאמיטע פארהאנדעלט ניט א ביל, שטארבט זי דארטען אוועק פון „אלד עידזש“ און זעהט קיינמאל ניט די ליכטיגע וועלט. וואס פאר א שאנסען א ביל, וועלכע איז באמת לטובה די ארבי־טער, האט דורכצוגעהן אזא ארבייטס קא־מיטע ווי דער סענאט האט איצטער — דאס קען שוין פארשטעהן אפילו א „סאי־מאן פיור טרייד יוניאניסט“.

ווער זיינען איצטער די מיטגלידער פון דער סענאט ארבייטס קאמיטע? עס וועט חלילה ניט שאדען פאר ארגאניזירטע אר־

דער שטאל־קעניג

(פעליעטאן)

פון א. וואהלינער.

אמאליגע קעניגע און היינטיגע — וואס פאר אן אונטערשיעד!

געווען אמאל א צייט, ווען מיר האבען זיך פארגעשטעלט:

קעניגע טוען ניט קיין האנד אין קאלטע וואסער און זארגען זיך וועגען קיין אנדער זאך ניט ווי וועגען זייער אייגענער באקוועמ־ליכקייט אין לעבען, נעבאך, אהן אידעאלען. זיי האבען מענשען, וואס גיסען זיך פאר זיי אפ נעגעל־וואסער. ספעציעלע גענעראלען גע־ניצען פאר זיי. באזונדערע גראפען לעגען זיך פאר זיי שלאפען. גוט־דרעסירטע פירש־טען שטעהן פאר זיי אויף פון שלאף. גוט באצאלטע הויף־לייט טראכטען פאר זיי. דאס איינציגע, וואס זיי דארפען טאן, איז צו זי־צען אויפ'ן טראן. און זייער איינציגער אידעאל איז — זיי אליין.

אזוי האבען מיר זיך פארגעשטעלט פאר דער מלחמה און אזוי איז עס טאקע באמת געווען אבער די מלחמה האט אלץ געענ־דערט.

True translation filed with the Postmaster at New York City on Oct. 3, 1919, as required by the Act of Congress approved Oct. 6th, 1917, known as the "Trading with the Enemy Act."

אלע קעניגע — האבען מיר זיך דער־וואוסט — קעמפען פאר אידעאלען: די — פאר קולטור און יענע — פאר דעמאקראטיע. און ניקאלאי האט געפלאנצט בלומען. און קעניג דזשארדזש פון ענגלאנד האט געגראבען קארטאפעל ביי זיך אין גארטען און די קע־ניגין פלעגט איהם ארויסברענגען אין גארטען אט טעפעל געקעכץ. און דער בעלגישער קע־ניג מוז איצט, נעבאך, ווי א פשוט'ער דעמא־קראטישער פרעזידענט, מאכען רייזעס איבער'ן ים — קיין אמעריקא. און דער ענגלישער צוקונפטיגער קעניג, דער קרוין־פרינץ — דאס זעלבע.

אנדערע צייטען, אנדערע קעניגע.

ווייל, ערשטענס, האט די מלחמה דעמא־קראטיזירט די וועלט. און צווייטענס — און הויפטזעכליך — ווייל עס זיינען אויסגע־וואקסען אנדערע קעניגע, נישט־געקרוינטע, דע־מאקראטישע, אינדוסטריעלע קעניגע, וועלכע זיינען די אמת'ע הערשער פון דער וועלט און אין דער ביטערער קאנקורענץ מיט זיי האבען זיך, נעבאך, די אלטע קעניגע געמוזט ארונטערלאזען צום עולם.

און דאריבער — לעבען זאל זיין דער נייער, נישט־געקרוינטער קעניג, קעניג־מאר־גאן און קעניג ראקעפעלער און, הויפטזעכ־ליך, זיין מאיעסטעט דזשאדזש גערי, דער שטאהל־קעניג!

דזשאדזש גערי!

ער קעניגט פון הודו ביז כוש, איבער 127 מלוכות און מלוכה'לאך פון דער גרויסער יענקי־מדינה. איהם זיינען אונטערטעניג צעהנדליגע פעלקער, וואס הארעווען אויף איהם און דיענען איהם געטריי אין זיינע שטאהל־פאבריקען. ער זיצט אויף א טראן פון שטאהל און אייזען, וואס איז, זאגט מען, פיעל שטארקער און פיעל זיכערער פון א גאלדענעם טראן. און זיין קרוין — דאס זעלבע. זיין קאפ איז געזאלבט פון גאט, זאגט ער, פונקט ווי אמאל ווילהעלמ'ס קאפ. ער קעניגט, זאגט ער, מיט דער זעלבער געטליכער גנאד, ווי אמאל ווילהעלם. ביי זיין רעכטער האנט שטעהן און באוואכען איהם די מלאכים מיכאל און גבריאל, ביי זיין לינקער זייט שטעהט זיין אייגענע גווארדיע פון גע־דונגענע שיסער און קוילער פון הינטען באוואכט איהם די אמעריקאנער ארמעע און פון פארענט — די שטאאט מיליץ און די שטאדטישע פאליציי.

ער איז א מעכטיגער קעניג, וועמען עס דיענט און צאהלט שטייער אפילו דער שטאל־צער, זיגרייכער וועלט־דערלעזענדער אנקעל סעם.

אבער זעהט, וואס פאר א חלוק צווישען איהם, דעם מאדערנסטען, דעם מעכטיגסטען קעניג און צווישען די אלטע אפגעלעבטע גע־קרוינטע קעניגע!

ער איז, צום אלעם ערשטען, א קעניג מיט אידעאלען און א דעמאקראטישער קעניג.

ווייסט איהר, פארוואס ער וויל זיינע אונ־טערטאנען קיין יוניאן ניט געבען און וויל מיט זיי גאר ניט פארהאנדלען און גיט א באפעהל, מען זאל אויסהונגערן און אויס־קוילען די בונטאווישטשיקעס? ניט ווייל ער איז א דעספאט, חלילה, אדער באשטעהט, חלילה, אויף זיינע קעניגליכע רעכט, נאר ווייל — ווייל ער קעמפט פאר דעמאקראטיע, פאר פרייהייט און פאר אמעריקאניזם.

און דעמאקראטיע מיינט ביי איהם: אלע שטאהל־ארבייטער און אלע ארבייטער אין אמעריקא בכלל האבען דאס זעלבע רעכט צו דיענען דעם קעניג און צו שטארבען פאר איהם. און פרייהייט מיינט: פרייהייט אריינצונעמען ארבייטער און זיי ארויסצוא־ווארפען, פרייהייט פון סטרייק־ברעכעריי און פרייהייט פון הונגער־טויט. און אמעריקא־ניזם מיינט ביי איהם גאר, גאר א נאבעלע זאך: אי די דערמאנטע דעמאקראטיע, אי די דערמאנטע פרייהייט, אי קאמף געגען יוניא־ניזם און סאציאליזם, אי מלחמה געגען די „פרעמדע“, וואס קומען אין אמעריקא און ווילען אויך לעבען.

און אלע אמעריקאנער טראסט־ און געלט־קעניגע זיינען אזעלכע קעמפענדע קעניגע, קעניגע מיט אידעאלען פון פרייהייט און אמעריקאניזם. א סימן האט איהר, אז א צווייטער גרויסער אמעריקאנער קעניג, זיין מאיעסטעט פיערפאנט מארגאן, טעלעגראפירט צו דזשאדזש גערי: „איך גראטולער דיך מיט דיין נאבעלען קאמף פאר אמעריקאניזם“.

און דעם אמת'ען כאראקטער פון אונזער שטאהל־קעניג גערי קענט איהר זעהן פון פאל־גענדען:

איהר האט דאך געהערט, אז אין וואשינג־טאן ווילען, אויף ווילסאנ'ס איינלאדונג, די טעג זיך צונויפקומען פארטרעטער פון ארבייט און פארטרעטער פון קאפיטאל, און זיי וועלען פרובירען בריינגען משיח'ען אויף דער וועלט. און כדי דער שדוך צווישען קאפיטאל און ארבייט זאל וואס שנעלער אויסגעפיהרט ווע־רען, און כדי פונ'ם נייעם פארעל זאל וואס שנעלער און גרינגער געבארען ווערען משיח, האט מען נאך איינגעלאדען דאס פאלק בכלל— דאס פובליקום, הייסט עס. און ווער איז איינער פון די פאלקס־פארטרעטער? ניט

אין דער טעאַטער וועלט

עס איז געווען אן אומזיסטע טרחה פון מיין זייט איינצולאדען אונזערע לע־זער און לעזערינס אין סעקאנד עוועניו טעאטער צו זעהן ליבין'ס פיעסע. וואָ־רים דאן, ווען איך האב אונשולדיגערהייד דאס געטאן, האבען שוין די טעאטער־גע־טער באשלאסען איבער איהר שיקזאל און איהר אוועקגעשיקט אהין, פון וואנען זעלטען־ווען א פיעסע קומט צוריק. דער־פאר, קלייבענדיג זיך איצט צו שרייבען איבער פרץ הירשביין'ס „פוסטע קרעטש־מע" אין נייעם אידישען טעאטער, אין 27טע סט. און מעדיסאן עוועניו, האב איך שוין מורא איינצולאדען די לעזער און לעזערינען, ווארום ווער קען גאראנ־טירען, אז מיט איהר זאל ניט געשעהן דאס זעלבע, וואס מיט דער ליבין־פיעסע אין סעקאנד עוועניו טעאטער?

אבער אחוץ דעם וואלט איך ניט גע־וואלט איינלאדען די לעזער און לעזערינס אין דעם נייעם אידישען טעאטער צו זעהן הירשביין'ס פיעסע, ווייל איך צווייפעל זעהר, אויב אונזערע לעזער וואלטען מיך ניט געשאלטען פאר אזא מין איינלאדונג, ווען זיי נעהמען איהר אן. איך האב מורא, אז זיי וואלטען מיך בא־שולדיגט צו האבען זיי פארנארט צו זעהן א פיעסע, פון וועלכער זיי וואלטען גאנץ ווייניג הנאה געהאט. מיט פיעל רעכט וואלטען זיי געקענט זאגען, אז די פריינד־שאפט מיינע צו פרץ הירשביין און זיין שאפען האט מיך פארפיהרט און פאר־בלענדט.

איך לאז דארום אין טעאטער קיינעם מעהר ניט איין. איך לאז יעדען און יע־דער איבער די ברירה נאך דעם, ווי זיי וועלען האבען געלעזען מיין קריטיק, צו טאן, ווי זיי פארשטעהען. עס קען דאך זעהר געמאלט זיין, אז א קריטיקער זאל אויך אמאל ניט טרעפען.

דער נאמען פון דער פיעסע איז אזא, וואס מאכט איך נייגעריג. א פוסטע קרעטשמע איז עפעס אזעלכעס, וואס איז געגען דער נאטור. א קרעטשמע דארף זיין אימער פול מיט מענשען, מיט גע־רויש, מיט לעבען. און פונקט ווי די נא־טור פארטראגט ניט קיין פוסטקייט, אזוי איז אויך דער מענש. זעהט ער עפעס, וואס איז פוסט, מוז זיין פאנטאזיע איהר אויספילען מיט עטוואס. זיינען ניטא קיין מענשען אין שטוב, איז ניט אנ־דערש מוזען דארט זיין „ניט גוטע", שדים.

איך ווייס ניט, אויב דאס איז ניט אזוי דער פאל אפילו מיט מענשען, וועל־כע זיינען שוין גייסטיג מעהר ענטוויקעלט, אויב אויך זיי האבען ניט מורא פאר פוסטקייט; אויב אויך ביי זיי טוט ניט א טיאַכקע אין הארצען, ווען זיי גע־העז פארביי א פוסטע הויז, וואו קיינער וואוינט ניט. ביי דעם דארפס־מענשען, וועלכער איז ווירקליך גאנץ פרימיטיוו, איז עס נאטירליך, אז זיין פאנטאזיע זאל באפעלקערען פאר איהם די פוסטע קרעטשמע מיט שדים.

און שדים, ווי עס איז באקאנט, שטע־העז ניט אויף א זעהר פריינדשאפטליכער פוס מיט'ן מענשען. איך ווייס ניט פאר וואס, אבער פון אייביגע צייטען אן איז עס אנגענומען, אז די שדים האבען נאר איין עובדא אין זייער לעבען: אפצוטאן עפעס א שפיצעל דעם מענשען. צוליעב דעם האבען די מענשען פון אייביגע צייי־טען אן געזוכט אלערליי סגולות געגען די שדים: די אידען האבען צוליעב דעם מזוזות א... די אושאקען פון זייערע טי־רען. די גוים ברענען א ליכט אין הויז, א צלם א. ז. וו.

ניט אלע מאל העלפען אבער די סגולות, און ווען עטוואס שלעכטעס פא־סירט מיט'ן מענשען, ווערט איהר זעהר אפט הערען, אז ער ווארפט די שולד אויף די שדים.

פרץ הירשביין, אלס קינסטלער, שא־פענדיג פאר אונז א בילד פון דעם לע־בען אין דארף, אום צו געבען אונז א ריכ־טיג בילד, קען ניט אויסלאזען דעם פאקט פון די שדים, פונקט ווי ער קען ניט אויס־לאזען די אנדערע פאקטען פון לעבען און די גאנצע נאטור, וואס רינגעלט ארום דעם דארף־מענשען. דערפאר קען מען צום פארפאסער נאר ניט האבען, וואס ער האט אין זיין פיעסע אריינגעבראכט שדים. און אזוי ווי מיט די דאזיגע חברה־לייט קענען מיר זיך גאנץ ווייניג, וואלטען מיר איהם נאר געמוזט דאנקבאר זיין, וואס ער האט זיך גענומען די מיה צו באַריי־כערען אונזער וויסען וועגען אט די אונ־באקאנטע ברואים. די צרה איז אבער, וואס, ווי עס ווייזט אויס, איז פרץ הירש־ביין אליין באקאנט מיט זיי גאנץ ווייניג, און דערפאר קומט אויס, אז די שדים בלייבען פאר אונז פונקט אזא געדיכטע געהיימניס אפילו שוין נאכדעם ווי מיר האבען געזעהן די „פוסטע קרעטשמע".

די מענשליכע מעשה פון דער „פוס־טער קרעטשמע" איז ניט קיין אויסער־געוועהנליכע. ניין, זי איז דוקא פון די געוועהנליכסטע. א מיידעל און א בחור, ביידע שוועסטער־קינדער, ליעבען זיך. וויל אבער דער כלה'ס טאטע ניט דעם שידוך, און ער צווינגט איהר חתונה צו האבען מיט אנאנדער בחור. זיינען אבער די פארליעבטע איינגעשפארטע, אנטלויי־פען זיי ביידע אין דער נאכט פון דער חתונה.

דאס איז א מעשה, וואס מעג זיך זיין געוועהנליך פאר אונז, שטאָדט־מענשען, אבער פאר דעם דארף־מענשען איז עס עטוואס גאנץ אונגעוועהנליכעס. וואס הייסט, א מיידעל זאל אנטלויפען מיט איהר געליעבטען נאך דעם, ווען זי איז שוין געשטאנען אונטער דער חופה מיט אנאנדערען? ווי קען עס גאר טרעפען? איז ניט אנדערש, אז דאס איז א שפיצעל פון די „ניט־גוטע".

און אט דא קומט אריין דער קינסט־לער מיט זיין פאנטאזיע. דאס, וואס די פרימיטיווע דארפס־לייט דענקען, פיהלען און זאגען, דאס שאפט ער פאר אונז דורך א בילד. ער קליידט אן, זא צו זא־גען, אין פלייש און אדערען אט די ניט גוטע, וועלכע זיינען אין דער פאנטאזיע פון די דארפס־לייט; ער גיט די געשפענ־סטער געשטאלטען, ער מאכט זיי פאר לעבעדיגע וועזענס, אזוי דאס מיר קענען זעהן דאן בחוש דאס, וואס שפיעלט אזא גרויסע ראליע אין דעם לעבען פון דעם דארף־מענשען.

דאס איז געווען זיכער די אבזיכט פון דעם פארפאסער, ווען ער האט פארטראכט אט די דאזיגע פיעסע. קיינער קען ניט לייי־קענען, אז די אבזיכט אליין איז א גאנץ שעהנע. אבער אין א פיעסע איז די אב־זיכט, דער גוטער וואונש, נאך ניט אלעס. די אבזיכט דארף אויסגעפיהרט ווערען, דארף פארקערפערט ווערען אין פלייש און בלוט, און אט אין דעם לאזט די פיע־סע זעהר פיעל איבער צו ווינשען. איהר זעהט דעם פארזוך, דעם גוטען ווילען, אבער איהר זעהט אויך, אז דער פאר־פאסער האט זיך גענומען צו עטוואס, וואס איז פאר איהם געווען צו שווער, וואס איז איבער זיינע כחות. און דארום נים איך ניט די פיעסע, וואס איהר זוכט און וואס איהר פיהלט זיך בארעכטיגט צו זוכען.

אין אנדערע פיעסען, אין אזעלכע, וועלכע מיר זעהען געוועהנליך אויף דער ביהנע, זוכען מיר לעבענס־בילדער, מענש־ליכע כאראקטערע, סיטואציאנען פון א קאמפליצירטען כאראקטער; געפינען מיר זיי, זיינען מיר צופריעדען, און מיר ער־קלעהרען אזא פיעסע פאר א גוטע; גע־פינען מיר ניט, זיינען מיר אונצופרידען, און עס טוט אונז לייד פאר דאס געלד און די צייט, וואס זי האט אונז געקאסט.

אין פרץ הירשביין'ס „פוסטע קרעטש־מע" זוכען מיר ניט קיין לעבענס־בילדער, קיין כאראקטערע, ווייל ערשטענס וואל־טען מיר געוויס זיך געפיהלט שטארק ענ־טוישט, ווען מיר זוכען עס יא, און, צוויי־טענס, ווי עס איז גאנץ קלאר פון דעם נאמען פון דער פיעסע, איז די אבזיכט פון פארפאסער דאס מאל פארצופיהרען פאר אונזערע אויגען א גאנץ אנדער העלד: די פוסטע ברעטשמע מיט איהרע איינוואוינער, די ניט גוטע, און ווייזען אונז, ווי זי ווירקט אויף דעם לעבען פון די דארף־מענשען. אבער גראדע פון דעם איז זעהר ווייניג צו זעהן און צו הערען אין דער דראמע.

דער העלד פון דער דראמע גלענצט דורך זיין אבוועזענהייט. און דארט, וואו ער איז יע דא, ווערט ער אריינגעשלעפט באר די האר, מיט געוואלד, אזוי אז ער זעהט אויס מעהר ווי א צוטשעפעניש, ווי צו זיין די באוועגענדע קראפט אין דער האנדלונג.

בענדעט, א ישוב'ניק, וואס האנדעלט מיט פערד, און פון נאטור אויס א שטיק סאמאדור, האט געווארפען אן אומחן אויף זיין ברודער'ס זוהן, איציק, און דערפאר וויל ער ניט הערען און זעהן פון דעם, וואס צווישען די קינדער איז עס שוין כמעט „אן אפגעמאכטע זאך", און בא־שליסט געגען דער מיינונג פון זיין פרוי, טאטען און געגען דעם וואונש פון דער מיידעל גופא, איהר חתונה צו מאכען מיט אן אנדערען.

פאר דער דאזיגער האנדלונג קענען זיכער די שדים ניט געמאכט ווערען פאר־אנטווארטליך. זעהט איהר, ווען בענדעט וואלט געווען פון דער נאטור א ווייכער, א מילדער מענש, וואס לאזט זיך רייידען, טענה'ן, און פלוצלונג וואלט ער געווארען אזוי ווילד און געפאדערט פון זיין בת יחידה, אז זי מוז דוקא חתונה האבען מיט דעם בחור, וואס געפעלט איהר ניט, אט דאן וואלט מען געקענט זאגען, אז דאס איז די ארבייט פון די ניט־גוטע. אבער צו וואס דארף מען די ניט־גוטע אין א פאל, וואו דער מענש אליין האנ־דעלט, ווי א ניט־גוטער?

מען האט ביי איהם ארויסגע'גנב'עט א פאר פערד, קומט ביי איהם אויס, אז ניט אנדערש, ווי דאס האט איציק איהם אפגעטאן. לעגט זיך עס אויפ'ן שכל? א ברודער'ס א זוהן, זיין טאכטער'ס א חתן, זיין צוקינפטיגער איידעם וועט ביי איהם גנב'ענען א פאר פערד? און ווי נאר ער האט געווארפען דעם חשד אויף זיין פלימעניק, אזוי איז עס ביי איהם גע־ווארען א זיכערער פאקט, און ער וויל ניט, מען זאל מיט איהם רייידען גאר וועגען דעם, אז איציק זאל ווערען מייטע'ס מאן. איז עס דאך קלאר, אז מיר האבען צו טאן מיט א איד אן עקשן, א שטיק משוגע'נעם, וואס קען אפטאן פיעלעס, וואס איז שלעכט, וואס איז אויסער'ן וועג, און מען זאל דערצו ניט דארפען האבען די הילף פון די ניט־גוטע.

דאס האט דער פארפאסער, ווי עס ווייזט אויס, אויך געפיהלט, און דערפאר האט ער אריינגעבראכט די ניט־גוטע אויף אנאנדער אופן.

הינטער'ן פארם־הויז שטעהט א פוס־טע קרעטשמע, פאלט איין אונזער בענ־דעטען אז די דאזיגע קרעטשמע וואלט געווען זעהר גוט פאר דאס יונגע פאר פאלק צו לעבען דארט נאך דער חתונה.

אי, איז דאך אבער די צרה מיט די שדים, וואס וועלען זיי זאגען דערצו? און אין דער הינזיכט איז בענדעט ניט קליגער פון אלע אנדערע. ער האט מורא פאר די שדים ניט ווייניגער, ווי זיין ווייב כיענע, זיין טאטע שכנא, און ווי אלע איבעריגע, אבער פון דעסטוועגען בא־שליסט ער דאך אריבערצוטראגען די קרעטשמע אויף אן אנדער פלאץ. ער מאכט עס רעכט דערמיט, וואס, לויט זיין מיינונג, איז די קרעטשמע אן און פאר זיך אללרייט; עס איז נור דער ארט, וואו די קרעטשמע שטעהט איצט, וואס גע־הערט צו די שדים. דערפאר מיינט ער, אז ווען ער וועט די קרעטשמע איבער־טראגען אויף אן אנדער פלאץ, קען עס גארניט שאדען. וועלען די שדים בליי־בען, וואו זיי זיינען, און די קרעטשמע וועט זיין א פיינע הויז פאר דאס נייע פאר פאלק.

פון וואנען בענדעט איז אזוי זיכער, אז ניט די פוסטע קרעטשמע איז עס דער פלאץ, וואו די שדים האלטען זיך אויף, נאר דאס שטיקעל ערד, אויף וועלכער די קרעטשמע שטעהט, דאס ווייסען מיר ניט. אפשר איז עס ריכטיג, לויט דער נייי־טער דעמאנאלאגיע, דער שדים וויסענ־שאפט. זיין פרוי און זיין פאטער אבער האבען א גאנץ אנדער מיינונג. זיי וואל־טען ניט געוואלט האבען די מינדעסטע מגע ומשא מיט דער קרעטשמע. איז אבער בענדעט אן עקשן, באשטעהט ער אויף דאס זייניגע, און אט דא הויבט אן די פוסטע קרעטשמע איהר טייפעלשע ארבייט.

דארפען מיר, הייסט עס, אט פון דעם מאמענט אן זעהן, וואס די שדים פון דער פוסטער קרעטשמע טוען אפ פאר א שפי־צעל אט דעם בענדעט'ען. אט פון דעם מאמענט דארף עס דער מאדנער העלד אויפטרעטען אויף דער ביהנע, איז אבער דאס פעהלט גראדע אין גאנצען.

ווען מיר וואלטען געזעהן, למשל, ווי די כלה נאך דער חופה ווערט פלוצלונג פארשוואונדען, בלאנדזשעט אין וואלד א גאנצע נאכט, און מען געפינט איהר א האלב־טויטע אויף מארגען, וואלט מען געקענט פארשטעהן, ווי אזוי בענדעט'ען און אלע אנדערע קומט דער געדאנק אין קאפ, אז עס איז ניט אנדערש, ווי דאס רעכענט זיך מיט איהם אפ די פוסטע קרעטשמע. ווען אבער דער, מיט וועמען אונזער כלה אנטלויפט, איז ניט קיין אנ־דערער, ווי איציק אליין, וועלכער האט שוין פון פריהער געסטראשעט, אז ער וועט עס ניט דערלאזען, אז עס וועט בענ־דעטען ניט אפגעהן אזוי גלאט; ווען מיר זעהען, אז עס איז מייטע אליין, וואס אנטלויפט מיט איהם אין וואלד, און דארט גיט זי זיך איבער צו איהם מיט דער העכסטער ליידענשאפט, קומט דאך אויס, אז די גאנצע פוסטע קרעטשמע־מעשה איז א צוגעטשעפעטע זאך; וואס איז עס פאר א העלד, וועלכער בלייבט אהן א שטאך מלאכה?

עס קומען אן אידען צו דער חתונה, וועלכע זיינען אייגענטליך ניט קיין מחותנים, גאנץ פרעמדע אידען, און וועל־כע ערקלעהרען, אז פאהרען, פאהרען זיי צוליעב מסחר, נאר הערענדיג, אז עס איז א חתונה, ווילען זיי בלייבען און אנטייל נעהמען אין דער שמחה. און זיי טיילען אן די כלה מיט טייערע מתנות, מיט גאלד, זילבער און אלערליי זיידענע שטאָ־פען. זיינען דא ווייבער אויף דער חתונה, וועמען דער עסק געפעלט עפעס ניט. פרעמדע אידען גיבען מתנות, עפעס איז עס ניט גלאט. קען זיין, אז די ווייבער זיינען גערעכט. אבער ווי באלד אלץ, וואס די פרעמדע סוחרים טוען, איז, וואס זיי העלפען שטארק צו אין דער אלגעמיי־נער לוסטיגקייט, טו זיינען עס דאך גאר ט י י ע ר ע שדים, און גארניט קיין נ י ט ־ג ו ט ע. זיינען זיי שולדיג, וואס מייטע און איציק האבען זיך פארט ליעב און גנב'ענען זיך ארויס פון שטוב אין סאמע מיטען טאנץ? דארף איציק צו דעם די הילף פון די שדים, וואס ער האט באשלאסען צו טאן אהן זיי?

נאכהער זעהען מיר איציק'ען און מייטען ביי א פייער אין וואלד, ליבען זיי זיך און קריגען זיך ניט פיעל אנדערש, ווי דאס איז דער שטייגער מיט אנדערע פארליעבטע. בענדעט און די אנדערע, וואס זיינען אוועקגעלאפען זיי זוכען אין וואלד, זעהען מיר ארומבלאנדזשען, ווי דאס מוז זיין דער פאל, ווען מענשען זיי־נען צוטומעלט, און אביסעלע אונטערגע־טרונקען, און דערצו נאך ביינאכט — דערצו דארף מען אויך ניט קיין שדים. טו וואס האבען די שדים פארט אזעלכעס געטאן? אדער, בעסער, וואס האט אזוינס פאסירט, וואס זאל מאכען בענדעטען און זיין ווייב און זיין טאטע און אלע אנדע־רע אין דארף דענקען, אז ניט אנדערש ווי דאס איז די ארבייט פון די ניט־גוטע?

און אט דאס איז דער הויפט־פעהלער פון דער פיעסע. מיר הערען די גאנצע צייט רייידען פון דער „פוסטער קרעטש־מע", אבער וואס זי האט אויפגעטאן, אדער וואס האט די מענשען געגעבען די מינדעסטע בארעכטיגונג צו גלויבען, אז דאס האט די קרעטשמע אויפגעטאן, פון דעם איז ניט צו זעהן און ניט צו הערען.

ווען בענדעט און חיענע וואלטען כאטש ניט געוואוסט, אז „די קינדער" ליעבען זיך; ווען מייטע און איציק בא־האלטען פון די עלטערען זייער ליעבע, און זיי וואלטען זיי דאן געפונען אין וואלד צוזאמען, וואלט עס געווען גלויב־ליך, אז בענדעט און חיענע, די איינפאכע דארפס־לייט, זאלען גלויבען, אז אט דא האט זיך די פוסטע קרעטשמע מיט זיי אפגערעכענט, אז איציק איז עס דער אינ־סטרומענט פון דער פוסטער קרעטשמע. איז דאך דאס אבער ניט אזוי. שוין אין סאמע ערשטען אקט זעהט בענדעט גאנץ קלאר, ווי זיין טאכטער מייטע נעהט פשוט אויכ נאך איציק'ען, און דאס, וואס מייטע ווילינט איין חתונה צו האבען מיט לייבוש'ען, איז עס פשוט אויס מורא, און ווייל א טאטען מוז מען פאלגען, טו ווי קענען מיר גלויבען, אז בענדעט זאל זיך טאקע איינרייידען, אז דאס איז נאר דער טייפעל שולדיג אין דעם.

און דערפאר איז אלעס, וואס בענדעט טוט נאך דעם, שטארק אונגלויבליך, און פארפעהלט צו מאכען אויף דעם צושויער דעם מינדעסטען איינדרוק. ווען מיר זע־הען איהם פארברענען די פוסטע קרעטש־מע, א גאנצען איינענעם געשפאן און דאן זיין אייגען הויז, קענען מיר עס קוים גלויבען, אז בענדעט זאל עס טאן. מיר זאגען זיך דאן, אז ער טוט אזוי, ווייל אזוי וויל דער פארפאסער; ווארים אין דער אמת'ען איז ניטא דער מינדעסטער גרונד פאר בענדעט'ען, פראסט און אבערגלויביג ווי ער איז, צו פאהרען אין שטאדט פרעגען עצות און דאן צו בא־

די פרויען וועלט

פון ראָזע בעדריק (בלינדער).

די הייַנטיגע מאָדעס אין פרויען־קליידונג פאַרדאַמט פון פרויען־דאָקטוירים

דאָקטאָר עדיטה העיל סוויפט פון באָסטאָן האָט אין אַ רעדע, געהאַלטען לעצטע וואָך אויף דעם אינטערנאַציאָנאַלען פרויען־דאָקטוירים צוזאַמענפאָהר, וואָס קומט איצט פאָר אין ניו יאָרק, געמאַכט אַ שאַרפע אַטאַקע אויף דער אַרט קליידען זיך פון די הייַנטיגע פרויען. אין איהר רעדע, וועלכע האָט אויפגערודערט די גאַנצע אַמעריקאַנער עפענטליכע מיינונג, האָט דאָקטאָר סוויפט אויפגעוויזען די לעכערליכקייט, זינלאָזיגקייט און די רעקטע שעדליכקייט פון די הייַנטיגע מאָדעס אין פרויען־קליידונג. זי האָט אויך אָנגעוויזען פון וואַנען די דאָזיגע מאָדעס שטאַמען, ווער עס זייַנען זייערע באַשעפער, און ווי אַזוי זיי דאַרפען באַקעמפט ווערען.

מיר געפינען צוויי עקסטרעמע קאָנטראַסטען אין דער הייַנטיגער אַרט פרויען־קליידונג — האָט דאָקטאָר סוויפט געזאָגט: אויף איין זייט זעהן מיר די מעהר־אויפגעקלערטע, פּראָפעסיאָנעלע פרוי, וועלכע זאָגט זיך אין גאַנצען אָפּ פון יעדער שעהנקייט און באַפּוצונג אין איהרע קליידער, און זוכט אין זיי בלויז די ניצליכקייט און בעקוועמליכקייט; און אויף דער צווייטער זייט — די מייסטע פרויען, וואָס אונטערשטרייכען מיט זייער אַרט קליידען זיך, אויף אַן איבערגעטריבענעם און שרייענדען אופן, זייער געשלעכט, און דיענען דערמיט צו דערזעלבער צייט אלס די בעסטע אַגענטען פאַר די מאָדעס־ערפינדער און קליידער־פאַבריקאַנטען.

די פאַבריקאַנטען נוצען אויס די דאָזיגע פרויען צו פאַרשפּרייטען דורך זיי אַלץ מעהר מאָדעס, אַלץ רייכערע, פאַרשידענאַרטיגערע און אַלץ מעהר־קאָסטבאַרע, ווייל דאָס באַטייט פאַר זיי אַלץ מעהר פּראָפיט; און וואָס מעהר מאָדעס עס זייַנען דאָ אַלץ מעהר קליידער מוז די פרוי האָבען, און אַלץ עפטער מוז זי זיי בייַטען. דאָס נוצען אויס די רייכע פרויען, וועלכע קענען אויספיהרען צו האָבען מעהר און פאַרשידענאַרטיגע קליידער, אלס איינעם פון די מיטלען צו גלאַנצען פאַר דער וועלט מיט זייער רייכטום און פאַרשווענדערישקייט.

די מיטעל־קלאַס פרויען טאַנצען נאָך די רייכע, און, ווי אַלע וואָס מאַכען נאָך אַנדערע, איבערטרייבען זיי די ווילדקייט און לעכערליכקייט פון די מאָדעס נאָך מעהר פון די רייכע, נאָר מיט ווייניגער טאַקט און געשמאַק.

און די אַרבייטער־מיידלעך, וועלכע זייַנען זיכער ניט אויסען צו דיענען די אינטערעסען פון די פאַבריקאַנטען, און אפשר אויך ניט צו פאַראַדירען אַזוי שרייַענד מיט זייער געשלעכט — קענען זיך אָבער ניט אָפּזאָגען פון די „אַלגעמיין־אָנגענומענע" מאָדעס, און זיי מוזען זיי נאָכפאָלגען אויף אַזוי פיעל, ווי זייערע מאָגערע מיטלען ערלויבען עס.

אַזוי פּאַסירט עס, אַז די גרויסע מאַסען אַרבייטער־פרויען און מיידלעך, וועלכע שטרעבען לאַזוי זיך צו דערהויבען צו אַ ביסעל אַ העכערען שטאַנד אין לעבען, טוען נאָך די פרויען פון די רייכערע קלאַסען אין זייער אַרט קליידען און פיהרען זיך. זיי הויבען זיך אויך אָן אויספּוצען אין דינע שמאָלע און ענגע קליידלעך, אין ענגע שיך מיט הויכע אָפּצאַסען, אין ווילדע, משונה'דיגע העטס, שטייף־פאַרשנירעוועטע קאָרסעטען, קאָרעלען, שפּילקעס, פּאַטשערקעס און כל המינים בילינע שמאַטעלייען. און זיי באַגרייפען ניט, אַז די אָרימע אַרבייטער מיידלעך, אַז די אַלע מאָדעס און זייערע אָנשיקענישען זייַנען אַן ערנסטע שטערונג פאַר'ן געזונט און קערפּערליכער ענטוויקלונג פון יעדער פרוי, דערהויפּט — פון שווער־האָרעוועגדע אַרבייטער־מיידלעך. חוץ דעם, זייַנען אַט די אַלע מאָדעס, פון אַ ריין־עסטעטישען שטאַנדפּונקט, איינפאַך לעפּיש און אָפּשטויסענד.

ווי אַזוי קען דער דאָזיגער מאָדע־איי־בעל אָפּגעשאַפט ווערען? אויף דעם ענטפערט דר. סוויפט מיט איין וואָרט — אויפקלערונג!

מיר דאַרפען — זאָגט זי — אויפקלערען און ערציהען יעדעם מיידעל, זי לערנען ריכטיג אָפּצושאַצען דעם ווערט פון זאַכען אין אַלגעמיין און פון דעם אייגענעם געזונט איבערהויפּט, און זי באַקאַנען מיט דעם גרויסען פאַרלוסט פאַר'ן גייסט און קערפּער, וואָס די מאָדערנע מאָדע־קנעכטשאַפט ברענגט פאַר דער פרוי...

* * *

אַ נייע באַוועגונג צווישען די פרויען פון די העכערע קלאַסען אין איטאַליען

די איטאַליענישע גרעפין, מאַריע אַ. לאָסטשי, וועלכע איז באַקאַנט ביי זיך אין לאַנד אלס די „אַרבייטער־גרעפין", און וועלכע געפינט זיך איצט אין ניו יאָרק, דערצעהלט מיט באַגייסטערונג וועגען דער נייער באַוועגונג, וואָס געהט איצט אָן צווישען די פרויען פון די דאָרטיגע העכערע קלאַסען, פאַר אַ ניצליכער, קאָנסטרוקטיווער, אינדוסטריעלער טעטיגקייט פאַר אַלע פרויען אין איטאַליען.

די מיידלעך פון פיעלע אַריסטאָקראַטישע פאַמיליעס ווערען געלערנט פּראָפעסיעס און מלאכות, און ווערען צוגעגרייט צו אַ וועלכער עס איז ניצליכער באַשעפטיגונג.

די איטאַליענישע פרויען, אפילו פון די העכסטע אַריסטאָקראַטישע קרייזען, הויבען אָן צו נעהמען אַ וואַרעמען אינטערעס אין אַלערליי געזעלשאַפטליכע טעטיגקייטען, און זיך אַקטיוו באַטייליגען אין אַזעלכע אַרבייטען, וועלכע זייַנען פריהער באַטראַכט געוואָרען אלס ניט־ווירדיג פאַר אַריסטאָקראַטישע דאַמען.

די גרעפין אַליין איז איינע פון די פּראָדוקטיווסטע צייטונגס־שרייבער אין איטאַליען. אָבער מיט איהר אַרבייט אלס צייטונגס־שרייבער באַנוגענט זי זיך ניט און טהוט אויך אַ סך אָרגאַניזאַציאָנס־אַרבייט. די לעצטע צייט האָט זי אין איטאַליען אָרגאַניזירט איינינע פרייע שולען פאַר קינדער אין די אינדוסטריעלע צענטערס, און אויך אַ גרויסע פאָלקס־קיך.

גרעפין לאָסטשי איז איצט אין אַמעריקאַ ניט צום ערשטען מאָל; און אויף יעדען פון איהרע וויזיטען האָט זי דאָ עפּעס געלערנט, זיך מיט עפּעס פּראַקטישעס באַקאַנט, און עס דערנאָך קאָפּירט דאָרט ביי זיך אין איטאַליען. איהר קומט אויך קרעדיט פאַר אַ גרויסען טייל פון דער אַרבייט אין אויפהויבען אָט די נייע באַוועגונג צווישען די פרויען פון די העכערע קלאַסען אין איטאַליען; און אויך אָט די אידעע האָט די גרעפין אַהין אַריבערגעבראַכט פון אַמעריקאַ און ענגלאַנד.

די איטאַליענישע פרויען — זאָגט די גרעפין — הויבען זיך אָן צו באַפרייען פון די אַלטע פריצישע טראַדיציעס, און הויבען אָן איינצוזעהן די שאַנדע פון אַ נאַרנישט־אויפטועדען און נאַרנישט־שאַפענדען לעבען. שוין הייַנט זייַנען דאָרטען די פרויען טעטיג אין פיעלע פאַרשיעדענע געזעלשאַפטליכע אַרבייטען, און עס וועט ניט נעהמען לאַנג ביז אַלע קלאַסען פרויען וועלען דאָרט זיין באַשעפטיגט אין טהאָן עפּעס אַ קאָנסטרוקטיווע אַרבייט, וואָס זאָל האָבען אַ פּראַקטישען נוצען און ווערט פאַר דעם גאַנצען כלל. דאָס פּוסט־און־פּאַסעווען און איבערפליסיגער וואוילטאָג אין די אַריסטאָקראַטישע „סאַלאָנען" ווערט — זאָגט די „אַרבייטער־גרעפין" — אין גיכען ווערען אַ שאַנדע פאַר דער פרוי, פּונקט ווי עס איז דאָס ליידיג־אַרומגעהן היינט פאַר דעם מאַן.

* * *

ניו יאָרקער טעלעפאָן־מיידלעך וועלען אין גיכען פאָדערען אַ העכערונג פון 25 פּראָצענט אויף זייערע שכירות, וועלען מעגליך אַרויסגעהן אין אַ גענעראַל־סטרייק.

— אַ לעבהאַפטע אַגיטאַציע פאַר אַ פעסט־אָרגאַניזירטער יוניאָן ווערט איצט אָנגעפיהרט צווישען אַלע נויאָרקער טעלעפאָן־אָפּערייטאָרס, מיט דעם צוועק אַרויסצושטעלען צו דער היגער טעלעפאָן קאָמפּאַניע אַ פאַראייניגטע פאָדערונג פאַר אַ העכערונג פון 25 פּראָצענט אויף די איצטיגע שענדליך־אָרימע שכירות פון די טעלעפאָן־אָפּערייטאָרס. פאַרבערייטונגען ווערען געמאַכט, אַז אין פאַל די דאָזיגע פאָדערונג זאָל די טעלעפאָן־מיידלעך ניט באַוויליגט ווערען אויף אַ פריעדליכען אופן, זאָל אַרויסגערופען ווערען אַ גענעראַל סטרייק פון אַלע אָנגעשטעלטע אין אַלע טעלעפאָן סטאַנציעס (עקסטשענדזשעס) אין גרויס נויאָרק.

אַ פאַרזאַמלונג הינטער געשלאָסענע טירען, אויף וועלכער עס זייַנען אָנוועזענד געווען אַרום פינף הונדערט דעלעגאַטען, פאַרטרעטער פון די מייסטע טעלעפאָן־סטאַנציעס, איז אָפּגעהאַלטען געוואָרען פאַרגאַנגענע מיטוואָך אין 351 וועסט 11טע סטריט. אויף דיזער פאַרזאַמלונג זייַנען אויפגעדעקט געוואָרען איינינע וויכטיגע פאַקטען וועגען די אוממענשליכע באַדינגונגען אונטער וועלכע די טעלעפאָן־מיידלעך זייַנען געצוואונגען צו אַרבייטען, און אויך וועגען דער איצטיגער אָרעם באַדינונג, וואָס די טעלעפאָן קאָמפּאַניע גיט היינט דעם נויאָרקער פּובליקום.

יעדען נויאָרקער איז צו גוט באַקאַנט די אונערטרעגליכקייט פון דער היינטיגער טעלעפאָן־באַדינונג, וואָס די טעלעפאָן־קאָמפּאַניע גיט דעם פּובליקום. אין דער היגער פּרעסע איז שוין ניט איינמאָל אויפגעהויבען געוואָרען אַ געשריי וועגען דעם; און פיעלע געשעפטסלייט האָבען זאָגאַר געפאָדערט, אַז די „פּאַבליק סוירוויס קאָמישאָן" זאָל וועגען דעם מאַכען אַן אונטערזוכונג, ווייל די נאַכלעסיגקייט אין דער טעלעפאָן באַדינונג איז געוואָרען אַזוי גרויס, אַז ס'האָט געבראַכט אַ סך שאָדען דער היגער געזעלשאַפטליכער וועלט.

אָבער ניט די פאָדערונגען פון די היגע געשעפטסלייט, ניט די קריוודעס פון'ם אַלגעמיינעם פּובליקום, און אפילו ניט דער געשריי אין דער פּרעסע האָבען געווירקט אויף דער קאָמפּאַניע צו מאַכען די נויטיגע אויסבעסערונגען אין דער טעלעפאָן באַדינונג. צו מאַכען אַזעלכע אויסבעסערונגען וואָלט געהייסען אָנצושטעלען מעהר טעלעפאָן־אָפּערייטאָרס, און זיי צאָהלען מענשליכערע שכירות — און אויף דעם איז די קאָמפּאַניע כלל קיין בעלן ניט. און, טאַקע, צו וואָס זאָל עס די קאָמפּאַניע מאַכען „איבעריגע" הוצאות? איהר לוינט זיך, ס'פאַרשטעהט זיך, בעסער צו האָבען וואָס ווייניגער אָפּערייטאָרס, און זיי צאָהלען וואָס קלענערע שכירות, כאָטש זיי מוזען אַרבייטען שווערער. איי, טאָמער, איז דאָס פּובליקום וואָס צאָהלט די ניקעלס, דאַיימס און קוואָרטערס, ניט צופריעדען — איז, ווי האָט יענער געזאָגט: „טו העל וויט דהי פּיפּל!"

און אויב דאָס איז דער ענטפער, וואָס די קאָמפּאַניע האָט פאַר איהרע „קאַסטאָמער" — וואָס פאַר אַ תירוץ קען מען שוין פון איהר ערוואַרטען אויף די נויטען, פאַרלאַנגען און פאָדערונגען פון איהרע אַרבייטער — די טעלעפאָן־מיידלעך? נו, צאָהלט זיי טאַקע די קאָמפּאַניע איצט, ביי די הייַנטיגע הימעל־הויכע לעבענסקאָסטען, אַזעלכע „געשוואָלענע" שכירות, ווי 12 דאָלאַר אַ וואָך צו אָפּערייטאָרס, און 14 דאָלאַר אַ וואָך צו אויפזעהערינס (סופּערווייזאָרס), אַז דאָס מוז יעדע מיידעל טהאָן די אַרבייט פון צוויי.

אָבער, ווי עס זעהט אויס, איז דאָס געדולד פון אפילו די נויאָרקער טעלעפאָן אָפּערייטאָרס ניט אַזוי אייזערשטאַרק ווי די טעלעפאָן קאָמפּאַניע האָט געמיינט. און דאַריבער — זייער איצטיגער ענערגישער פאַרזוך זיך צו אָרגאַניזירען אין אַ שטאַרקער יוניאָן, און פּרופען אויספיהרען דורך פאַראייניגטע קרעפטען דאָס, וואָס זיי וואָלטען איינצינווייז און באַזונדער קיינמאָל ניט אויסגעפיהרט.

אַז די טעלעפאָן־אָפּערייטאָרס וועלען אויף אַזאַ אופן זייערע פאָדערונגען זיכער געווינען — וועגען דעם איז ביי קיינעם קיין ספק ניט. נאָר מע מעג אויך האָפען, אַז אויב די קאָמפּאַניע זאָל זיין נאַריש גענוג צו ברענגען די אָפּערייטאָרס צו אַ גענעראַל סטרייק — וועט די סימפּאַטיע פון דער גאַנצער געזעלשאַפט זיין ניט מיט דער קאָמפּאַניע, נאָר מיט די סטרייקענדע טעלעפאָן־מיידלאַך.

פּרעזענטירען די טשערליידי

טשערליידי איוואַ טשענהעס פון בוירמאַן און סאַמסאָן, 16־20 וועסט 19טע סטריט, איז פּרעזענטירט געוואָרען פון די אַרבייטער פון דער פירמע, ביי אַ שאָפּ מיטינג, מיט אַ גאָלדענע וואַטש, פאַר איהר גוטע אַרבייט פאַר'ן שאָפּ און פאַר דער יוניאָן.

די פּרעסקאָמיטע.

פּרעזענטירען די טשערליידי מיט אַ דיימאָנד רינג

די אַרבייטער פון דער פירמע „אַמעריקאַן ליידי", 514 בראָדוויי, האָבען פּרעזענטירט די טשערליידי פון דעם שאָפּ מיט אַ דיימאָנד רינג אין ווערט פון הונדערט דאָלאַר.

ס. נעמיראָוו.

קורצע שמועסן

צווישען דעם רעדאַקטאָר און די לעזער.

נ. פ. — וועלען עס ביי געלעגענהייט פאַרעפענטליכען. מוזען אָבער זאָגען, אַז מעהר, ווי דרוקבאַר איז עס ניט.

ה. ק. — אַב. קאַהאַן, רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס" ווערט ערוואַרטעט די טעג צוריק פון זיין זעהר וויכטיגער און אינטערעסאַנטער רייזע אין אייראָפּאַ. מאַנכע פון זייַנע טעלעגראַמען און קאָרעספּאָנדענצען אין „פאָרווערטס" זייַנען געווען ווירקליך פון גרויסער באַדייטונג. די דעמאָנסטראַציע געגען די אידישע שחיטות אין ניו יאָרק, וואָס האָט געמאַכט אַ שטאַרקען איינדרוק אויף די גאַנצע וועלט, איז דער רעזולטאַט פון זייַנע באַריכטען איבער די שרעקליכע לאַגע פון די אידען אין פּוילען, גאַליציען און אז. וו. פאַרשטעהט זיך, אַז וועגען דעם פרידען אַליין, ווי איבער מאַנכעס אַנדערע האָט ער ניט געקאָנט שרייבען צוליב גאַנץ פאַרשטענדליכע אורזאַכען. ער וועט וואַהרשיינליך האָבען נאָך פיעל צו דערצעהלען, ווען ער וועט מעגען שרייבען פריי אין אונזער לאַנד פון „פרייע פּרעסע". יעדענפאַלס פאַרדינט ער כשר דעם ברוך הבא וואָס זייַנע „פאָרווערטס"־קאָלעגען מאַכען פאַר איהם. קיין צווייפעל, אַז אין דעם וועלען זיך באַטייליגען גאָר אַ היבשע ביסעל אידען פון ניו יאָרק, וועלכע מוזען צוגעבען, אַז אין זיין שטעלונג, אלס צייטונגס־קאָרעספּאָנדענט, האָט ער געטאָן דאָס בעסטע, וואָס מען האָט געקאָנט ערוואַרטען. אייער מילדע בראָמבלערייַ איז דאָרום שטאַרק־אונבאַרעכטיגט.

ל. ראַבינס. — אייער אַנבאָט אונז צו שרייבען אַזוי אָפט, ווי מעגליך, איבער אַלץ, וואָס קומט פאָר אין באָסטאָן, איז אונז העכסט ווילקאָמען. קיין באַזונדערע אינסטרוקציעס קענען האָבען מיר ניט, אויסער דאָס, וואָס אַלעס וואָס איהר וועט שרייבען, זאָלט איהר עס טאָן געוויסענהאַפט, מיט אַ געפיהל פון פאַראַנטוואָרטליכקייט. וואָס אַנבאַטרעפט דעם סטיל, איז וואָס איינפאַכער, וואָס ווייניגער מליצה, האַלט זיך אייער ביי די פאַקטען, און עס וועט שוין, בטילא אויסקומען שעהן און גוט.

מ. וואָלאָך. — ווען איהר וואָלט אונז אַרייַנגעשיקט אייער פּראָטעסט־בריוועלע געגען דאָס אויפגעבען פון דער קאָאָפּעראַציע, איידער דאָס איז געטאָן געוואָרען, וואָלט עס געהאַט אַ זין, און ערוואַרט פאַרדינט פאַרעפענטליכט צו ווערען. אָבער, וואָס קען עס העלפען איצט, אַז עס איז שוין נאָך אַלעמען, אפילו, ווען מיר זאָלען פאַרעפענטליכען, אַז איהר זייט געווען מיט אייער פּראָטעסט? איהר באַשולדיגט אַנדערע אין גלייכגילטיגקייט צו די אינטערעסען פון דער יוניאָן. נו, און איהר אַליין? וואָרום האָט איהר עס דערלאָזען, אַז דאָס זאָל זיין „אַ פּריוואַט ביזנעסעל אונטער דעם מאַנטעל פון אידעאַליזם?" און וועדליג אייער אייגענער כאַראַקטעריזירונג פון דער אונטערנעהמונג האָט עס גאָר כשר פאַרדינט דעם אונטערגאַנג. ניין, אונז שיינט, אַז אייער גאַנצער בריוועל איז פול מיט אַלערליי ווידערשפּריכע, און אַ בריוועל פון אַזאַ כאַראַקטער וואָלט ניט געטאָן דאָס מינדעסטע גוטס. אין איין זאַך זייַנען מיר אָבער פאָלקאָם איינפאַרשטאַנען מיט אייך, אַז עס איז זעהר וויכטיג, אַז די מעמבערס זאָלען קומען צו די מיטינגען און נעהמען אַ לעבעדיגערען אינטערעס, ווי ביז איצט אין אַלץ, וואָס איז נוגע זייער יוניאָן.

א. סילווער. — אונמעגליך געווען צו פאַרעפענטליכען אייער זעהר געפיהלפולען שיידונגס־בריף אין לעצטען נומער. עס האָט פשוט קיין פּלאַץ ניט געפּאַסט. געהמט ניט פאַר אומגוט, און געהט אָן מיט אייער גוטער אַרבייט פאַר די „גערעכטיגקייט", ווי אויך פאַר די, וועלכע וועלען זיך צוהערען צו אייער וואָרט, וועלכע, מיר האָפען, זייַנען דאָ אַ היבשע ביסעל.

א. סטאַלינסקי. — דורך אַ צופאַל איז דער עדיטאָריעלער נאָטיץ וועגען דער קאָנווענשאָן פון דער קאָאָפּעראַטיווער פעדעראַציע אויסגעלאָזען געוואָרען. איהר קענט זיך פאָרשטעלען, אַז דאָס האָט אונז זעהר שטאַרק פאַרדראָסען. וואָרים איהר ווייסט דאָך, ווי גרויס עס איז אונזער אינטערעס אין דער קאָאָפּעראַטיווער באַוועגונג. אַזוי, דאָס ווען אַלע זייַנען געווען צו איהר גאַנץ גלייכגילטיג, אויב ניט פייַנדליך, האָבען מיר פון אונזער זייט געטאָן אַלעס אין אונזערע כחות צו שטעלען איהר אויף די פיס. מעגליך איז די קאָנווענשאָן געווען אַ גרויסער ערפאָלג, און זי האָט פיעל אויפגעטאָן פאַר אַלץ אַ גרעסערען פאָרשריט אין דעם דאָזיגען העכסט־וויכטיגען טייל פון דער אַרבייטער־באַוועגונג.

ב. צ. — ליידער געפינען מיר ניט קיין איינציגע, וואָס מיר זאָלען האַלטען פאַר [illegible]

ביטער זיך צוקוקען אביסעלע צו די זאכען און אמאל א טראכט טאן וועגען דעם. אט איז די ליסטע:

טשערמאן, סענאטאר קענאן, פון איאווא. מיטגלידער זיינען דער פאלגענ־דער מנין סענאטארען: באראה, פון אידא־הא; פיידזש, פון ווערמאנט; מעק'ליען, פון קאנעטיקוט; סטערלינג, פון סאוטה דאקאטא; פיפס, פון קאלארעדא; האק־סמיטה, פון דזשארדזשיא; דזשאנס, פון ניו מעקסיקא; מעק'קעלאר, פון טענעסי; וואלקאט, פון דעלעווער; און וואלש, פון מאסאטשוזעטס.

צום אלעם ערשטען ווארפט זיך שטארק אין די אויגען אריין די סטייטס פון וועלכע די סענאטארען קומען. מיט דער אויס־נאהמע פון דעם סטייט מאסאטשוזעטס איז ניטא קיין איין סטייט וואס זאל זיין גרויס גענוג און וויכטיג גענוג אינדאסט־ריעל צו האבען א גרויסע אדער שטארקע ארבייטער באוועגונג. איאווא, אידאהא, ווערמאנט, קאנעטיקוט, סאוטה דאקאטא, קאלארעדא, דזשארדזשיא, ניו מעקסיקא, טענעסי און דעלעוואר — אזוי ווי אומים־טען אויסגעקליבען אלץ אזעלכע שטאאטען וואו די ארבייטער פראגען זיינען ניט קיין פארשארפטע און די סענאטארען האבען זיך ניט פיעל צו רעכענען מיט די מיינונ־גען פון דער ארבייטער באפעלקערונג.

אלע צעהן סטייטס צוזאמען האבען א באפעלקערונג וואס איין סטייט ניו יארק קען זיי אלעמען אריבערוועגען. פיער פון דיזע סטייטס, אידאהא, ווערמאנט, ניו מעקסיקא און דעלעוואר, האבען אפילו ניט צו קיין האלבען מיליאן איינוואוינער. צו־זאמען האבען אלע סטייטס בלויז א בא־פעלקערונג פון 10,727,521 נפשות. דער איינער סטייט ניו יארק קען זיך מיט אלע סטייטס צוזאמען פארגלייכען.

די יאהרען פון די סענאטארען זיינען אויך אפשר אביסעל וויכטיג. זעקס פון די צעהן מיטגלידער פון דער ארבייטער קאמיטע זיינען איבער זעכציג יעהריגע זקנים. איינער, סטוירלינג, איז אכט און זעכציג יאהר אלט, און פיידזש איז 76 יאהר אלט. אלץ פאסענדע מענשען צו פארטרעטען דעם נייעם גייסט פון דער נייער צייט...

היינט וואלט איהר געדארפט א קוק טאן אויף די באשעפטיגונגען פון דיזע „ארבייטס" מיטגלידער פון דעם סענאט! סענאטאר פיידזש, צום ביישפיעל, אין זיין ביאגראפיע אין דעם קאנגרעשאנאל רעקארד, באריהמט זיך די ערשטע זאך, אז ער איז א גרויסער הענדלער אין רויהע פעלען און איז פרעזידענט פון צוויי באנקען. מעקליען, אז ער איז ביי פראפעסיע א לאיער, געוועזען א דיסטריקט אטורני און א פראפעסיאנעלער פאליטישען זיין גאנצעם לעבען. דאס זעלביגע איז דער פאל מיט די איבעריגע מיטגלידער פון דער „ארבייטס קאמיט": לאיערס, דיסט־ריקט אטוירנים, א פאר גאווערנארס, ווי וואלש, פון מאסאטשוזעטס און האק־סמיטה, פון דזשארדזשיא. איינער בלויז אין דיזער גאנצער קאמיטע פון 11 סענא־טארען זאגט, אז ער האט „געארבייט אין אייזען פאבריקען פון קארנעגי און קא.". דאס איז סענאטאר פיפס, פון קאלארעדא, נאר אז מיר זוכען נאך וואס ער האט דאר־טען „געארבייט" געפינען מיר אויס, אז ער איז געווען דער וויים פרעזי־דענט און טרעזשורער פון דער „קארנעגיע איראן ווארקס". נישט קיין שלעכטע ארבייט, הלואי אויף אלע ארבייטער גע־זאגט געווארען!...

איז דאס אפשר ניט קיין פאסענדע קאמיטע צו פארטרעטען די אינטערעסען פון די ארבייטער אין דער העכסטער גע־זעצגעבענדער קערפערשאפט פון לאנד? איז עפעס א גרויסער וואונדער וואס דער טשערמאן פון דער קאמיטע באקלאגט זיך אז זיי האבען ניט די אינטערעסען פון אר־בייט אם הארצען? קען מען דען אנדערש ערווארטען פון אזעלכע מענשען צו פאר־טרעטען די אינטערעסען פון די ארביי־טער?

לויט דעם סטייטמענט פון דעם טשער־מאן פון דער סענאט קאמיטע, סענאטאר קענאן, איז דיזע סעלעקציע ניט קיין צו־פעליגע. טאמער האט מען אויף איינעם געהאט א שטיקעלע פארדאכט אז ער איז חלילה עטוואס „ראדיקאל" האט מען איהם אויף דיזער קאמיטע ניט געוואלט ארויפ־זעצען. אלע מוזען זיין פאלקאמען, 100 פראצענט קאנסערוואטיוו, ווען זיי פאר־האנדלען פראגען וואס האבען א שייכות צו ארבייט.

ביי דיזער געלעגענהייט ווילט זיך מא־כען א שטיקעלע באמערקונג אויך וועגען דעם ראדיקאליזם פון סענאטאר באראה, וועלכער איז אויך א מיטגליעד פון דער ארבייטער קאמיטע, און וועלכער האט א נאמען פאר א שטיקעל ראדיקאלען מענ־שען. באראה איז בלויז ראדיקאל ווען עס האנדעלט זיך צו אטאקירען פרעזידענט ווילסאן. ער קען די מלאכה פון באנוצען ראדיקאלע פראזען, אבער ווען עס קומט עפעס א פראגע וואס איז נוגע די ארביי־טער איז ער פונקט אזוי קאנסערוואטיוו ווי אלע אנדערע סענאטארען. ער קומט פון א סטייט וואו די אי. וו. וו. איז שטארק און טאמער דערמאנט איהר פאר איהם די אי. וו. וו. איז אזוי ווי איהר וואלט אן אקס געוויזען א רויטען טוך... זיין גאנצער רא־דיקאליזם ווערט דאן צורונען אין דער שיין פון דעם רויטען... צו די זיצונגען פון דער לייבאר קאמיטע איז ער פונקט אזוי וועניג געקומען און גענומען פונקט אזוי וועניג אינטערעס ווי אלע אנדערע. חוץ באראה און קענאן האט קיין איין מיטגליעד פון דיזער ארבייטער קאמיטע אפילו קיין נא־מען ניט, ניט נאר פון א ראדיקאלען מענ־שען נאר אפילו קיין שטיקעל פראגרעסי־ווער מענש איז צווישען זיי ניטא.

די אפענע דבורים פון סענאטאר קענאן האבען געמאכט א שטיקעל רושם. זיי זיינען געקומען פון א צו וויכטיגער קוועלע און אויף א צו וויכטיגען פלאץ אז מען זאל זיך אויף זיי ניט אומקוקען. זיי זיינען אויך געקומען אין א צייט ווען מען האלט אין איינריידען דעם ארבייטער אז ער דארף זיינע אייגענע כוחות פארבויגען און זיך פארלאזען אויף דעם וואס גוטע און פרומע לייט וועלען טאן פאר איהם. זיי־נען דאס אט די גוטע און פרומע לייט אויף וועלכע דער ארבייטער זאל זיך פארלאזען אז זיי וועלען שוין זארגען פאר איהם?

אויס דעם טאגעבוך פון א מיידעל

איבערגעגעבען פון מ. י. פייערשטיין.

היינט איז סעם'ס חתונה... ס'ארא מאדנע זאך... איך האב דאך איהם ניט געליעבט און דארף דאך על פי שכל זיך פרעהען דאמיט וואס מעהר וועלען מיך נישט פארפאלגען זיינע קאלטע פאר־בענקטע אויגען... און דאך בין איך עפעס אומרוהיג...

דער געדאנק, אז סעם, דער סעם וועל־כער האט זיך מיר ערקלערט אין ליעבע, וועלכער האט מיך פאר צוויי יאהר צייט פארפאלגט אויף יעדען שריט און טריט מיט זיינע בליקען — מוטשעט מיך און דאך פארשטעה איך ניט ווארום דאס איז, ווען איך דערמאן זיך וועגען דעם געדאנק, ווי וואלט ער געקענט זיין מיין מאן?

סעם מיין מאן?... א שוידער געהט איבער מיין קערפער. סעם דער נישט־שעהנער, כמעט מיאוסער, דער אומגע־לומפערטער... ער מיין מאן! אך, ווי שוידערהאפט! און דאך... דאך מוטשעט עס מיך... אפשר איז עס אייפערזוכט, וואס האט זיך אין מיר אויפגעוועקט געגען יע־נער, וועלכע איז גראדע א שעהנע און געבילדעטע, און פאסט זיך אויך ניט פאר סעם'ען....

כ'דערמאן זיך, אז א קורצע צייט נאך אונזער באקאנטשאפט האט ער אנגעפאנ־גען קומען צו מיר אהיים... שפעטער פלעגט ער מיך ארויסנעמען צו א באל אדער אין א טעאטער, און אין דערהיים, און צווישען די שכנים פלעגט מען שוין רעדען אז ער איז מיין „באי"... די מאמע פלעגט אזוי הארציג קוקען אויף איהם, פונקט ווי אויף א אייגענעם... און דער טאטע פלעגט זיך מסתמא טראכטען, אז גאר אין גיכען וועט ער פטור ווערען פון אן עול אויפ'ן קאפ, און נאך דערלעבען נחת, ווייל סעם פלעגט אלע מאל, ווען ער איז געווען ביי אונז אין שטוב, מיר ווייזען די „פעי־ענוועלאפס" אז מיינע עלטערן זאלען די קאנווערטלאך, וועלכע האבען געטראגען די ציפערן פון הויכע, זעהר הויכע סומען געלט, מיט וועלכע א מאן קען מאכען א גוט לעבען פאר א פרוי.

ער האט אנגעהויבען אפטער צו קו־מען, כמעט צוויי—דריי מאל א וואך, און יעדעס מאל ברענגען א פרעזענט מיין שוועסטעריל אדער ברודערל. איך בין איהם, ווייזט אויס, געפעלען געווארען. אך, ער האט מסתמא געטראכט אויף דיר זען וועג מיך צו קריגען...

כ'דערמאן זיך איינמאל אין א הייר סען זומער, זיינען מיר געפאהרען צום ים זיך באדען.... אך, ווי מאדנע אנטיפאטיש ער האט אויסגעקוקט אין דעם „ביידינג סוט". עס האט מיך געעקעלט צו קוקען אויף איהם... ווען מיר זיינען געזעסען אויפ'ן זאמד און גערעדט. ער האט מיט א פינגער אויפ'ן זאמד אנגעשריבען די ווער־טער „איך האב דיך ליעב" און מיך גע־בעטען אז איך זאל זיי איבערלייענען. דאס איז, ווייזט אויס, געווען זיין „ליבעס־ערקלערונג". ער איז, ווייזט אויס, געווען צו א גרויסער פייגלינג און געשעמט אדער מורא געהאט זיך צו ערקלערען מיר אין ליעבע.

איך האב איהם געזאגט, אז איך האב נישט געקענט איבערלייענען מעהר ווי די צוויי ווערטער „איך האב", ווייל אין יע־נעם מאמענט האב איך איהם נישט נאר נישט געליעבט, נאר פשוט געהאסט... זיין דאמאלסדיגער נארישער אויסדרוק אויפ'ן פנים... אך, ווי ער האט מיך געעקעלט... איך האב איהם געוואלט שטארקע ענט־פערען. איך האב אבער געשוויגען.

„וועל איך דאס זאגען", האט ער גע־זאגט, און נאך א נארישען שמייכעל האט זיך באוויזען אויף זיין פנים. „מינא", האט ער געזאגט, „איך האב דיך ליעב, שטארק ליעב, און איך בעט דיך צו ווע־רען מיין פרוי, — וואס זשע זאגסטו?"

איך האב פאר עטליכע מינוטען גע־שוויגען, איך האב אביסעל פארגעניגען געהאט וואס א מאן בעט ביי מיר א גע־פעלינקייט, ס'האט מיך אבער אנגעהויבען עקלען, און איך האב זיך אויפגעהויבען און אין וואסער צווישען די כוואליעס אריינגעשפרונגען.

זייט דאן האט ער אנגעהויבען זעל־טענער קומען צו מיר. ער האט, ווייזט אויס, פארשטאנען, אז איך קען איהם ניט ליידען און אז איך זאל זיין פרוי זיין איז שוין אפגערעדט. איך בין געווען זעהר צופרידען... איך האב געדאנקט גאט וואס ער האט זיך אפגעשפעט, אבוואהל ער פלעגט זיך נאך דרעהען ארום מיר.

איינמאל אין אן אווענט איז ער גע־קומען צו מיר. עס זיינען דאן גראדע גע־ווען ביי מיר צוויי חבר'טעס. מיר זיינען געזעסען אין קיטשען און גערעדט. ער איז אריינגעקומען און זיך אנגעהויבען אריינמישען אין אונזער געשפרעך. עס האט מיך פארדראסען זיין קומען, איך האב זיך אויפגעהויבען און צוזאמען מיט מיינע חבר'טעס ארויין אין א צווייטען צי־מער און מיט זיי אנגעפאנגען טאנצען. ער איז געבליבען אליין אין קיטשען, עס האט מיך יעדענפאלס נישט געקימערט וואו ער איז און וואס ער דענקט וועגען מיר... איינינע מינוטען שפעטער אבער איז ער אריין צו אונז אין צימער. זיין גע־זיכט איז געווען בלאס ווי די וואנט. ער האט קענטיג מיט זיך אליין געקעמפפט. עטליכע סעקונדען האט ער געקוקט אויף מיר, און מיט א שווערער וויינענדער שטי־מע א זאג געטאן „גוד־נאיט" און איז ארויס.

זייט דאן האט ער מיך אויסגעמידען... ווען ער פלעגט מיך ערגעץ זעהן, פלעגט ער בלויז קוקען אויף מיר מיט זיינע קאל־טע בליקען, קוקען און שווייגען...

און יעצט איז ער שוין א פארהיי־ראטער מאן. ער האט שוין זיין כלה מסתמא געגעבען דאס רינגעל און נאכגע־שעפטשעט דעם הרי־את... ווי מאדנע ער מוז אויסקוקען אין דעם צילינדער הוט, חא־חא!

און איך? — דיזעלבע. וועל ווייטער מוזען געהן ארבייטען אין שאפ, זיין א עול אויפ'ן טאטענס קאפ, און אפשר נאך גאר בלייבען א מיידעל ביז'ן גראהען צאפ?....

און צוריק גערעדט, וואס ארט מיך אז סעם האט חתונה געהאט? קיין שונא בין איך דאך איהם ניט, א שאד נאר וואס ער האט מיך ניט איינגעלאדען צו זיין חתונה, כ'וואלט א בעלן געווען צו זעהן ווי ער קוקט אויס אין דעם צילינ־דער הוט!....

איך און ניט מיין פריינד יאנאווסקי, נאר — דער שטאהל־קעניג גערי. ניט ווי א פאר־טרעטער פון קאפיטאל וועט ער זיצען ביי דער סעודה, ניט ווי א גאט־געזאלבטער קעניג, נאר ווי א פאלקס־מענש. מיך און אייך, מיי־נע ליעבע קלאוקמאכער און מיינע שעהנע לוידיס ווייסט־מאכערקעס, וועט פארטרעטען דזשאדזש גערי. פאר אונזערע אינטערעסען וועט ער קעמפען, צו אונזער גליק וועט ער שטרעבען.

און דאס איז דער מאדערנער, דעמאקרא־טישער, פאר'ן ריינסטען אמעריקאניזם קעמ־פענדער שטאהל־קעניג!

און ווען ארום די שטאהל־פאבריקען וועט זיך גיסען בלוט און מען וועט שיסען סטרייק־קער, זאלט איהר וויסען, אז דאס קעמפט מען פאר'ן דעמאקראטישען „אפען שאפ", פאר דער פרייהייט פון ארבייט און פאר גערי'ס אמעריקאניזם, וואס פארקערפערט אי די דא־זיגע פרייהייט, אי די דאזיגע דעמאקראטיע.

און בעת דארט, ארום די שטאהל־פאבריקען וועט קאכען און זידען דער קאמף, וועט דער שטאהל־קעניג גערי זיצען אין וואשינגטאן און וועט, נעבאך, אנשטרענגען אלע זיינע קעניגליכע כחות צו פארטרעטען דאס אמערי־קאנער פאלק און צו שאפען ליעבע־באציהונגען צווישען קאפיטאל און ארבייט.

און זייט זיכער: ער וועט שאפען. ווייל ער איז א גרויסער, א פרייהייט־ליעבענדער, אידעאליסטישער פאלקס־קעניג!

געדענקט איהר, ווי עס האט ביים ענד פון דער דייטש־רוסישער מלחמה זיך געפיהרט ביים רוסישען פראנט? אט אזא מין אידיליע וועט אונז מסתמא שאפען גערי.

געדענקט איהר, געדענקט איהר די צייט פון „פארברידערונג", די צייט פון „פראטער־ניזיישאן" ביים רוסיש־דייטשען פראנט? עס איז געווען ניט א מלחמה, נאר א האניג־מא־נאט.

אט דא — מאלט זיך אויס — איז די דייטשע ארמעע און אנטקעגען די רוסישע. און יעדע מינוט — א קוש. און יעדע סע־קונדע — א צערטליכקייט. און יעדע האלבע שטונדע — א ליעבע־בריוועל. און יעדע שטונדע פארבענקט מען זיך, מען כאפט א בוקעט בלומען און א קעסטעלע צוקערקעס און מען לויפט איינער צום צווייטען.

און פון איין פראנט צום צווייטען איז די לופט אנגעזאפט מיט אזעלכע ווערטלאך:

— דושענקא, גאלובטשיק, דאראגאי!

דאס איז פון איין זייט, פון דער רוסי־שער. און פון דער צווייטער זייט, פון דער דייטשער קומט אן ענטפער:

— שעצכען, ליעבכען, קעצכען!

און אזוי ווייטער.

אט אזא האניג־מאנאט האט מען פאר־בראכט ביים דייטש־רוסישען פראנט אין מי־טען פון מלחמה און קאמף. און אזא האניג־מאנאט צווישען קאפיטאל־ארבייט וועט זיכער איינפיהרען אין אמעריקא דער שטאהל־קעניג גערי, וועלכער וועט ביי דער געפלאנטער וואַ־שינגטאנער קאנפערענץ צווישען קאפיטאל און ארבייט פארטרעטען ניט חלילה זיין מאיעס־טעט — דעם קאפיטאל, נאר אונז אלעמען, דאס פאלק.

איהר זאגט: יענער רוסישער האניג־מאנאט איז געווען א מאדנער האניג־מאנאט. איהר זאגט: אז דער רוס איז טאקע באמת געווען פאר'שכור'ט פון ליעבע, איז דער דייטש דערווייל אלץ ווייטער געקראכען אין רוסלאנד. איהר זאגט ווייטער: אז בעת דער נארישער רוס איז געקראכען זיך קושען מיט'ן דייטש, האט מען ביי איהם דערווייל צוגענו־מען די ביקס, כדי מען זאל איהם קענען בע־סער שמייסען. איהר זאגט...

אבער דא שטעלט זיך אפ. ווארים איהר קענט נאך, אזוי זאגענדיג, למשל, זאגען אט אזוי: דער נייער געפלאנטער האניג־מאנאט צווישען קאפיטאל און ארבייט קען זיך ענ־דיגען פונקט ווי דער רוסיש־דייטשער האניג־מאנאט, דאס הייסט: דער נאר וועט בלייבען דער ארבייטער און דער האניג־מאנאט וועט איהם אויספאלען באקאפ און ער וועט כאפען די סאמע פלאם־פייערדיגע שמיץ און דזשאדזש גערי אליין וועט איהם מסתמא די שמיץ געבען — דערזעלבער דזשאדזש גערי, וואס קעמפפט פאר פרייהייט און אמעריקאניזם און פאר־טרעט מ י ך — דאס פאלק.

אזוי קענט איהר נאך זאגען. און דאריבער שטעלט זיך אפ און צושטערט ניט מיין חלום און פארשוועכט ניט מיין באגייסטערונג.

איך האלט זיך ביי מיינעם:

עס איז א נייע צייט מיט נייע קעניגע. און דער נייעסטער פון דער נייעסטער צייט איז — גערי. און דאס גליק פון דער וועלט ליעגט אין זיינע זיכערע הענט. אי, עס גיסט זיך בלוט אין זיין מלוכה, איז עס דערפאר, ווייל מען קען ניט קריגען קיין פרייהייט און גלייכהייט, קיין דעמאקראטיע און אמת'ען אמעריקאניזם אהן בלוט־פארגיסונג.

א סימן האט איהר: ווילסאן לאדעט איין גערי'ן צו דער שלום־קאנפערענץ פון קאפי־טאל און ארבייט אלס אונפארטייאישען פאלקס־פארטרעטער. און מארגאן אליין גרא־טולירט איהם מיט זיין קאמף געגען דער יו־ניאן.

און נאך אמאל און נאך אמאל און צום לעצ־טען מאל רוף איך אויס:

לעבען זאל דער גרויסער, מעכטיגער, פרייהייט־ליעבענדער, דעמאקראטישער שטאהל־קעניג גערי!

ארבייטער, פאראייניגט אייך

די קינדערלעך פון אייערע אונגליקליכע פריינדע וועלכע זיינען געשטארבען פון דער אינפלוענצא, אדער פון קאנסאמפשאן, אדער פון אנדערע קראנקהייטען וועלכע ארבייטער זיינען אונטערווארפען, שטרעקען אויס זייערע הענטלאך צו אייך נאך הילפע. טויזענדער יתומים׳לעך זיינען פשוט אויף הפקר געבליבען אין דער שטאט ניו יארק. קיינער פון אייך קען ניט וויסען ווי גרויס דער צער איז א חוץ די יעניגע וועמען דאס אונגליק האט געטראפען און אויך די פיהרער פון דעם אידיש נאציאנאלען בית יתומים פון 52 סט. מארקס פלייס. פיעלע פון אייערע ארגאניזאציאנען האבען אונז אריינגעשיקט אפליקיישאנס און מיר האבען, צום טיעפסטען באדויערען, גאר ניט געקענט טאן פאר זיך, איינפאך ווייל מיר האבען ניט געהאט קיין פלאץ.

איצט אבער האבען מיר אפגעקויפט דעם גרויסען דייטשען בית יתומים, אין וועלכען מיר וועלען קענען אריין נעמען פיעלע הונדערטע קינדער, און מיר מוזען האבען דאס געלט אויף נאכצוקומען אונזערע צאלונגען. איהר מוזט געדענקען אז דער אידיש נאציאנאלער בית יתומים באלאנגט ניט צו קיין פעדעריישאן, און ווערט אויך ניט געשטיצט פון אונזערע רייכע ברידער, און קריגט ניט קיין שטיצע פון די פובליק טשאריטיס, און מיר זיינען געצוואונגען אנצוקומען צו אייך ארבייטער איהר זאלט אונז ארויסהעלפען צו באצאהלען פיר דער נייער בילדינג. די צעהנדליגע טויזענדער דאלער וואס מיר האבען שוין איינגעצאהלט קומען אויך פון די ארעמע מאסען, און מיר זיינען זיכער אז איהר וועט אונז באלד קומען צו הילף מיט דעם איבריגען געלט וואס מיר דארפען זאפארט האבען אום צו דעקען.

מאכט טשעקס צאהלבאר צו היברו נייִשאנאל ארפאן הויז, און שיקט זיי צו די קעמפעין העדקוואטערס, 1 סעקאנד עוועניו, ניו יארק.

די סטייט באנק

ריסארסעס איבער $65,000,000

אייב איהר מהוט ביזנעס מיט אנדערע לענדער אדער איהר דענקט פערגרעסערען אייער ביזנעס דורך איטפארט אדער עקספארט, זיינט איהר נעלאדען זיך צו בענוצען מיט די אויסערגעוועהנליכע פאסיליטיעס פון דער סטייט באנק.

מיר נעבען ארוים לעטערס אוו קרעדיט, קאמערשאל לע־טערס אוו קרעדיט, טרעוועלערס טשעקס און דרעפטס נאך אלע טהיילען פון דער וועלט.

די וואס ווילען העלפען זייערע קרובים אין אויסלאנד, בעזאנדערס אין פוילען, רומעניע, גאליציע, און טשעכא־סלאוואקיע, קענען שיקען געלד מיט די ביליגסטע רעיטס דורך דער סטייט באנק.

די פאלגענדע בייגק זיינען איינינע פון אונזערע קארעספאנדענטס אין אויסלאנד

ENGLAND
Credit Lyonnais, London.

FRANCE
Comptoir National d'Escompte de Paris.

BELGIUM
Banque Generale Belge.

SWITZERLAND
Swiss Banking Corporation.

HOLLAND
Rotterdamsche Bank Vereeniging.

CZECHO-SLOWAKIA
Bohmische Union Bank, Prague.

GERMAN AUSTRIA
Wiener Bank Verein, Vienna.

POLAND
Polska Krajowa Kasa Pozyczkowa, Warsaw.

אייער געלד וועט איבערגעגעבען ווערען דורך דיזע קוועלען אדער אויסלענדישער קרעדיט וועט פאר אייך ארראנזשירט ווערען און איהר וועט זייך פערזיכערט צו האבען גוטע סערוויס.

THE STATE BANK

376 און 378 גרענד סטריט. ניו יארק.

בּרענטשעס:

100 עסעקס סטריט; 7 וועסט 26טע סטריט;

1400 פיפטע עוו.; 158 יוניאן און וועסטשעסטער עוועס.

פיטקין און סטאון עוועניוס, ברוקלין.

גרעהעם עוועניו און וועריען סטריט, ברוקלין.

דעם, וואס אנדערע מענשען וועלען פארבעסערן דעם אויבערשען. פאר דורך דעם, וואס מאנכע ארגאניזאציאנס־פארמען וועלען שוואס גע־ענדערט ווערען. וואס עס איז נויטיג, אז די ארגאניזאציאן זאל שטעהן אויף דער פולער הויך פון איהרע אויפגאבען, איז א שטאר־קערע מאס פון באוואוסטזיניגקייט פון יעדען און אלע איינצעלנע וואס שטעלען צוזאמען די ארגאניזאציאן. שוין דעם וועלען שלעכטע רעפארמען זיין ארויסגעווארפען. דאס קען אבער ברייגנען מיט זיך נור די צייט און, א שולע, מוכטיגע פראפאגאנדעטעטיגקייט.

ס. שאלימאוו. — די ערציהונגס־ארבייט פון דער אינטערנעשאנעל פאנגט זיך אן די טעג. צוליב די יום־טובים און צוליב אנדערע וויכטיגע אורזאכען האט מען עס ניט געקאנט פריהער אנפאנגען. קיין פראגע ניט, אז די דאזיגע ארבייט, וועלכע האט געפונען א שטאר־קען אפקלאנג אין ווייטע קרייזען, אויסער דער אינטערנעשאנעל, וועט אנגעהאלטען ווערען אויף העכערער הויך, און מיט נאך פיעלע פארבעסערונגען, וועלכע די ערפאהרונג האט געלערנט די, וועלכע לייטען די דאזיגע וויכ־טיגע טעטיגקייט.

א לעזערין פון „גערעכטיגקייט". — אויב איהר ווילט ניט די „קורצע שמועסען", האבען מיר פאר אייך א גוטען פלאן: לייענט עס ניט. איבערהויפט האבען מיר דאך מיט אייך זיך ניט דורכגעשמועסט, נאר מיט די, וועלכע פרעגען ביי אונז עפעס. נו וואס טוט אייך, וואס מיר ענטפערען זיי, און ווי מיר ענטפערען זיי? וואס מישט איהר זיך אין זאכען, וואס געהען אייך גארניט אן? און ווי וואלטען מיר אייך געקענט ענטפערען, וועלכע גיט ניט דעם נאמען און ניט די אד־רעסע, אויב ניט די „קורצע שמועסען". באַ־דענקט זיך און איהר וועט איינזעהן, אז עס איז ניט אזוי שלעכטע זאך, די „שמועסען", און איהר וועט שלום מאכען מיט זיי.

סלאוס שעפער קאלעס־שאנס פאר'ן 100 טוי־זענד דאלאר פאנד געגען דער רעאקציע

ווייטערע קוויטירונגען.

אין שאפ פון — הערימאן און דובאף, דורך דזש. ראבינאוויטץ	$42.00
סאלאמאן נאלדמאן, דורך סינעל און סימקין	6.75
אלשעריטצקי סקוירט שאפ, דורך מ. ראבוטשיק	17.00
קאנטינענטאל קלאוק קא., דורך העני פאלענבוים	25.00
ווארטה טעק קא., דורך דייוו זאהן	30.00
זוקער און אראנעל, דורך מארדים קראלל	26.00
סינעל און שאפירא, דורך ס. ראטניק	4.00
מיוטשעל סקוירט קא., דורך ס. שילדענפרייער	2600
זוסמאן און שילטז, דורך ה. לאפידוס	19,00
אלפיין־דרעס קא., דורך סעם קאטרען	1.00
טשעטהעם קלאוק קא., דורך דזש. קלאינבערג	17.75
גאלדמאן בראדערס, פאסעיק, ני ודזש., דורך סעם וואים	12.50
בינג. דרעס קא., דורך בענדזש. בלומענבלאט	4.00
ג. סיננער, דורך קאלערשטיין	17.00
מאדערן קלאוק קא., דורך אב. מארם	6.75
ס. און ב. דרעסס קא., דורך ר. שיינמאן	9.75
נעווירצמאן און פרייער, דורך סעמועל קאטץ	16.50
ווילשטיין און נראד, דורך ל. אייזענשטיין	15.50
ר. באדינשטיין, דורך וויליאם ראזען	13.25
קעסמנביז, דורך ס. לעמבעק	7.00
טאטאל	$316.25
פריהער קוויטירט	1045.23
צוזאמען	$1361.48

פיליפ קאפלאוויטש,
טרעזשורער דזש. ב.

צו פארעפענטליכען. עס איז ווירקליך טרויער־ווירדיג, מיר דערמאנען זיך נאך מיט פארגעניגען פון עהליכע זאכען, וואס מיר האבען געדרוקט פון אייך מיט יאהרען צוריק, און מיר שווי־גען, וואו איז אהינגעקומען די יעדער פונק פון אריגינעליטעט, פון וואהרהייט, פון חשי־בותקייט? אבער קען עס זיין, אז מיר האבען יענעמאלט געזעהן אלעס מיט אנדערע אויגען? מיר ווייסען ניט, אבער די זאכען, ווי זיי שיינען אונז איצט, זייגען אזוי זאמלשו, אזוי אויסגעדראשען, אזוי באנאל, זייגען גארניט ווערט.

א. שפארין. — געווים האט איהר עס ניט געמיינט, אז מיט דעם אנגעהמען פון אלערליי אויסזייטיגע ארבייט זאל מען פארנאכלעסיגען דאס סאמע וויכטיגע. מיר האבען אייך אויך ניט אזוי פארשטאנען. אבער אין וואס מיר אונטערשיידען זיך, איז עס אין וואס: איהר מיינט, אז די יוניאנס, ווי זיי זייגען, האבען כוח און ענערגיע פאר אלץ, מיר אבער רעכ־נען, אז אפילו פאר דאס סאמע נויטיגסטע פעהלען די נויטיגע כוחות, און דערפאר גלוי־בען מיר, אז דאס ביסעלע כוח, וואס איז דא דארף אנגעווענדעט ווערען אויף דאס, וואס איז דאס סאמע וויכטיגסטע. איהר רעדט פון געגענזייטיגע הילף, ווי וועגען עפעס, וואס פעהלט דער אינטערנעשאנאל, מיר אבער רעכ־נען, אז דאס איז דוקא איהר איצטיגער און איינציגער יסוד. וואס טוט אנדערש די אינ־טערנעשאנאל? געגענזייטיגע הילף קען זיך אויסדריקען אין פארשידענע פארמען, און די פארם, וואס די יוניאנס האבען אויסגעקליבען, איז, לויט אונזער מיינונג, די סאמע וויכטיג־סטע. מיר זייגען מיט אייך להלוטין ניט איינ־פארשטאנען, אז אן ארגאניזאציאן מוז פאר־קערפערן אין זיך אלע סארטען טעטיגקייטען. ערשטענס זייגען אפט די טעטיגקייטען אזוי פארשידען, אז עס איז פשוט נויטיג א געוויי־סע ספעציאליזירונג, א צוטיילונג. צווייטענס, איז עס ניט אמת, אז דאס „צושפליטערן" דאס ארט דרענקען פון דעם ארבייטער". ניטא איצט א מענש, וואס זאל ניט געהערען צו פארשי־דענע ארגאניזאציעס, און דאס דוקא מאכט פאר איהם דאס לעבען פיעל אינטערעסאנטער. נור מיינט ניט, אז מיר האלטען די דערמאנטע פון אייך אויפגאבען פאר ניט וויכטיג, און דאס זיי זייגען אין גאנצען נלט אין די ראַ־מען פון יוניאן־טעטיגקייט. וואס מיר מיי־נען, אז צוערשט מוז געטאן ווערען די סאמע וויכטיגסטע ארבייט. און זי ווערט געטאן, און מיט א גאנץ היבשען ערפאלג. מיר ווייסען ניט, ווארום איהר מיינט, אז עס איז ניט אזוי. געווים, די פאלקסמאסען פעהלט א היבש בי־סעל, אבער וואו האט איהר געזעהן אין אונ־זער אויפגעקלערטער וועלט עפעס פאלקאַ־מענס? און נאך עפעס, כאטש מיר זייגען ניט דאגעגען דער איינפיהרונג פון אלערליי בענעפיטס, דער ווערט צו א יוניאן, וועלכע האלט זיך נור צוזאמען צוליעב איהרע בענע־פיטס. עס האט פאסירט זעהר אפט, אז וועלכע בענעפיטס האבען באדייטענד געשטערט דער קאמפלוסטיגקייט פון די ארבייטער און זייע־רע פארהעלטניסע צו זייערע באסעס.

קלארא. — די לאגע אין לאקאל 25 איז ניט געשילדערט געווארען פון ל. פ. אין לעצ־טען נומער אין צו דאזיגע ארבעגן. די לאגע איז ווירקליך א זעהר גוטע. „די קאלטקייט און גלייכגילטיגקייט פון די מעמבערס צו דער ארגאניזאציאן", פון וועלכע דער ליפלעט רעדט, איז אן אויסגעטראכטע זאך, א בלבול. עס איז ניט אמת, אז „די מעמבערס זייגען אויסגעשלאסען פון דירעקטער באטייליגונג אין דער טעטיגקייט פון דער יוניאן." חלואי וואלטען זיי נאר געוואלט, וואלט מען מיט פארגעניגען באגריסט זייער טעטיגקייט. עס איז אמת, אז עס זייגען נאך איצטער דא איי־ניגע פראבלעמאכער, אבער די מאכען טראַ־בעל ניט דעריבער, ווייל מען לאזט זיי גארניט טאן, נור ווייל זיי האבען זיך ארויסגענומען א נארישען און שעדליכען געדאנק אין קאפ ניט צו לאזען אנדערע גארניט טאן, מיינענ־דיג, אז זיי וואלטען נאר א וועלט איבערגע־קעהרט, ווען מען לאזט זיי נור צו. מיר מוז־זען אבער זאגען, אז פאר אמת טעטיגע מענ־שען קען גארניט געפעלט זיין אזא זאך, ווי ניט ווערען צוגעלאזען. דער פאקט, אז ווי זייגען דרויסען, און מוזען גרינדען אלערליי ליגעס מיט אלערליי פלענער, איז פאר אונז דער קלארסטער באווייז, אז אין זייערע ריהען הערשט א שרעקליכער דלות אין פעהיגקייטען, אין אונטערנעהמונגסגייסט. צו רעדען פון א „מאשין" איז זעהר ליכטיג, אבער אונז דאכט זיך, אז די וועלכע ארגאניזירען אליין א מאשין, מיט וועלכען נאמען זיי זאלען עס ניט רופען, האבען ניט קיין רעכט צו פיל־דערען געגען מאשין־פאליטיק. צו דער וועלכער גיט מיינען מיר ניט צו זאגען, אז עס איז אלעס אזוי גוט, אז מען דארף גארניט בעסער. זיין, פלאץ פאר פארבעסערונג איז אימער דא און וועט זיין, אבער עס איז א גרויסער טעות צו גלויבען, אז עס קען ווערען בעסער דורך

טאמאשעווסקי טעאטער

האוסטאן סט. און סעקאנד עוועניו
טעל. ארטשארד 2612.
הערי טאמאשעווסקי, סטיידזש מענ.

ל גאלדבערג פרעזענטירט

דאס שעהנסטע אידישע טעאטער אויף דער וועלט.

די גרעסטע קינסטלער פון דער אידישער ביהנע פעראייניגט.

די בעסטע פרימאדאנאס, די בעסטע סוב־רעטינס, די בעסטע מוטער ראליסטען פעראייניגט מיט דעם שטאלץ פון דער אידישער ביהנע

דייוויד קעסלער און בארים טאמאשעווסקי

די הערליכסטע אידישע קאמעדי מיט דער שעהנסטער אידישער מוזיק

די צוויי חזנים

מיט די גרעסטע 2 אידישע ארטיסטען בא־רים טאמאשעווסקי, דייוויד קעסלער, מיט אונזער איינציגען בעסטען קאמיקער סעם קעסטין, רעגינא צוקערבערג, בע־סי וויסמאן, קלמן יאוועליער, וויליאם שווארץ, מאר. זיעבעל. מאדאם ווילענסקי, מאדאם מאנע.

די לעצטע 3 מאל פון די 2 חזנים

שבת אבענד (מוצאי יום כפור) 4 אקט.
זונטאג מאטינעע און אבענד דעם 5טען אקטאבער

דער גרויסער סוקסעס פון אונזער נייער קאמעדי מיט מוזיק

די 2 חזנים

פון ה. קאלמאנאוויטש, פריי בעארבייט פון בארים טאמאשעווסקי. עכט אידישע מוזיק פון אונזער בעריהמטען קאמפאזי־טאר און דירינענט הערמאן וואהל.

נייעס! לכבוד סוכות נייעס!

טאמאשעווסקיס א נייע אפערעטע

„דאס הייליגע ליעד"

24 נומערען געזאנג, פון דעם בעריהמטען קאמפאזיטאר און דירינענט ה', הערמאן וואהל.

חברות, לאדזשען, יוניאס און רעליעף סא־סייעטיס, ווי אויך פריוואט פערזאנען קע־נען קריגען בענעפיטס און טיקעטס פאר דעם נייעם סיזאן. זיך צו ווענדען צו מר. מענדעלסאן.

אודווינג פל. טהעאטער

טעלעפאן, סטייוועסענט 1359
מאקס ווילנער, מענעדזשער
מארים שווארץ, דירעקטאר.

מארים שווארץ'ס
נייער ליטערארישער סוקסעס

7טע וואך — 7טע וואך

שבת אבענד, מוצאי יום כפור, דעם 4טען אקטאבער, זונטאג מאטינע און אבענד, דעם 5טען אקטאבער, און גאנץ יום טוב סוכות

מאקס ר. ווילנער פרעזענטירט
הערר מארים שווארץ אין

טביה
— דער —
מילכיגער

וועגען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון אירווינג פלייס טעאטער.

דאס נייע אידישע טעאטער

(27טע סטריט און סעקנד־ סען עוועניו)
עמאנועל רייכער, קונסט דירעקטאר.
שלמה גראסמאן, דזשענ. מענעדזשער.

5טע וואך! ריעזיגער ערפאלג!

שבת אבענד, מוצאי יום כפור, דעם 4טען אקטאבער, זונטאג מאטינע און אבענד, דעם 5טען אקטאבער.

פרץ הירשביין'ס
ראמאנטישע פאלקס־קאמעדיע

„די פוסטע קרעטשמע"

רעזשיסירט פון עמנואל רייכער. דעקא־ראציעס פון פאשקא.

רעזערווירט אייערע טיקעטס פער טעלע־פאן: מעדיסאן סקווער 579.

געביל'ס טעאטער

235 באוערי. טעל. ארטשארד 4345.
מאקס געביל, דירעק. הערי גאטי, מענ.

מאקס געביל'ס „הייליגע ליבע" האט אלעס איבערטראפען.

6טע וואך! 6טע וואך!

טיקעטס 8 וואכען אין אדוואנס.

דיזע וואך שפילט מען בלויז 3 פאר־שטעלונגען.

שבת אבענד (מוצאי יום כפור), דעם 4טען אקטאבער און זונטאג מאטינע און אבענד, 5טען אקטאבער און גאנץ סוכות

מאקס געביל, דזשעני גאלדשטיין, עליאס ראטהשטיין, גאלדע שאפירא, יאקאב האכשטיין, יאקאב קאצמאן, פעפי סינקאף, אייב סינקאף, יאקאב גאלדשטיין, אידא גראפער, פרידריך בלייכער און איזי־דאר האלענדער אין

מאקס געביל'ס גרויסע מייס־טערווערק

הייליגע ליעבע

מעלאדראמא אין 4 אקטען, מיט א פאר־שפיעל פון מאקס געביל.
מוזיק פון אונזער קאמפאזיטאר ארנאלד פערלמוטער.
וועגען בענעפיטס און טיקעטס זיך צו ווענדען אין אפיס פון טעאטער.

די יוניאן־קאאפעראטיוו סאסייעטי
לאקאל 35 א. ל. ג. וו. יוניאן
פערקויפט אויסשליסליך
ווייט לילי טהעע
קאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי

י. סראוז

בעדזשעס און בענערס
פאר יוניאנס, סאסייעטיס און ס. פ. בר.
סטריקטלי יוניאן ארבייט.
134 קלינטאן סטריט. ניו יארק

אהרן באלעבאווסקי, געוואוינט אין כאר־קאוו, רוסלאנד, מיט זיין פאטער, שטיעף־מוטער און צוויי שוועסטער, געוועזן אין בערהיים א וואיעבנער שניידער, ווערט גע־זוכט פון זיין שוועסטער פריידעל. ווער עס וויים פון איהם זאל מעלדען:
E. WEINER, 26 E. 115th Street, New York City.

די שאמער־ראסס פראדאקשאן אינק.
האלט אין פארענדיגען א ערשט־קלאסיגע
ארטיסטישע מאווינג־פיקטשור

דער הייליגער פלאם

("THE SACRED FLAME")

וואס וועט מיט דער ארטיסטישער אויסשטאטונג, קינסטלערי־שען שפיעלען און פראכטפאלער אויפפיהרונג פארשאפען דאס גרעסטע פארגעניגען פאר דער בעסערער קלאסע מאווינג פיק־טשור באזוכער.

די בעריהמטע בראדוועי אקטריסע

מיסס עמיליע סטיווענס

שפיעלט דארט די הויפט ראלע און זי ווערט אונטער־שטיצט פון ניט קיין קלענערער ארטיסטקע אלס מוריעל אסטריטש און א גאנצען סטעף בעריהמטהייטען.

ערווארטעט שאמער'ס נייעסטע שאפונג „דער הייליגער פלאם" גאר אין גיכען — ערווארטעט עטוואס גרויסעס און שעהנעס.

ליידים טיילארס און אלטעריישאן ארבייטער לאקאל 80

די יוניאן ציהט די אויפמערקזאמקייט פון יע־דען שאפ־טשערמאן און פון יעדען מעמבער בא־זונדער ניט צו ערלויבען קיין ארבייטער צו זעצען זיך צו דער ארבייט אהן א ווארקינג קארד פון דער יוניאן.

די שאפ־טשערלייטע ספעציעל וועלען גע־האלטען ווערען פאראנטווארטליך פאר דורכפיה־רען דיזען רול.

ה. הילפמאן, סעקרעטער.

בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען
215 East Broadway — 100 Lenox Avenue
1709 Pitkin Ave., Brooklyn — 895 Prospect Ave., Bronx

A. DELBON
פיקסט און שארפט שערס.
484־90 6טע עוועניו, ניו יארק.
צווישען 29טע און 30טע סטריט.

טשאטהאם פרינטינג קא.
2 איסט בראדוויי
קריגט אונזער עסטימייט.

דיזע צייטונג
ווי אויך פיעלע אנדערע אידישע און ענ־לישע צייטונגען, ביכער און זשורנאלען ווערען געדרוקט אין די
אפ־טו־דייט פרינטינג קא.
195 קאנעל סט. ניו יארק
טעלעפאן 5425 פרענקלין.

דארפט איהר א מוזיק לעה־רער?

ל. גאלדבערג, דער באוואוסטער פיעדעל שפיעלער, וועלכער האט די הסכמה פון דעם גרויסען זשעניע, פרא־פעסאר לעאפאלד אוער, דער לעהרער פון צימבאליסט, מישא עלמאן און נאך אנדערע קינסטלער
גיט לעססאנס אין פיעדעל שפיעלען צו גאנץ מעסיגע פרייזען, ספעציעל צו קינדער פון קלאוקמאכער.
אדרעס:
507 איסט מאונט עדען עוו., בראנקס.
טעלעפאן: טרימאנט 1505.
נ. ב. — נעמט דריטע עוועניו על־וויטער און סטאפ ביי 171טע סטריט און קלערמאנט פארקוויי.

טעלעפאן גרעמערסי 2441
די לענארד פרעס
42 איסט 23טע סטריט, נ. י.

עקסטרא! עקסטרא!

די אמעריקאן יוראפיען דיסטריבוטינג קא., אינק.

מיט דעם מעין אפיס אין 116 נעסאו סטריט און הויפט ברענטש אפיס אין 33 עסעקס סטריט

האט געעפענט א גרויסען און שעהנעם אפיס אין

176 עווענין „בי"

די אידען פון יענעם געגענד קאנען דורך אונזער נייעם ברענטש, 176 עווענין „בי", שיקען קליידער און שפייז צו זייערע נויטליידענדע קרובים אויף יענער זייט ים.

מיר שיקען שפייז און קליידער צו אייערע ליידענדע און הונגעריגע קרובים פון פוילען, ליטא, גאליציע, רומעניען, דייטשלאנד, עסטרייך, טשעכא־סלאוואקיא, פינלאנד, עסטלאנד און קורלאנד!

וואס פריהער איהר וועט שיקען שפייז קיין יוראפ, אלץ שנעלער וועט איהר שטילען זייער הונגער

ברייננט די קליידער צו אונז
אין 33 עסעקס סטריט
און מיר וועלען זיי אוועקשיקען פאר אייך.
אויב איהר וואהנט אויסערן שטאדט, קענט איהר די קליידער צושיקען ביי פארסעל פאסט אדער עקספרעס.

אויב איהר וואוינט אויסער'ן שטאדט

און קענט פערזענליך ניט קומען אין אונזער אפיס

33 עסעקס סטריט

דאן שניידט אויס דעם אונטערשטען קופאן און שיקט איהם אונז צו מיט דער באטרעפענדער סומע און אלעס וועט ריכטיג באזארגט ווערען.

קופאן

איך שיק אייך .... $ פאר .... פעקעדזש(עס)
וואס איהר זאלט שיקען צו:

Name ....
Address ....
City or Town ....
Province ....
Country ....

געשיקט פון:

Name ....
Address ....
City and State ....

באלד ווי מיר קריגען אייער באשטעלונג, צוזאמען מיט דער באטרעפענדער סומע אין א טשעק, מאני ארדער אדער קעש, שיקען מיר אייך גלייך ארויס אן אפיציעלען רעסיט.

מיר האבען פארטיגע פעקלעך מיט פרישע שפייז פאר $17.50 א פעקעל, שוין אריינגערעכענט אלע דעליווערי און אינשורענס־קאסטען. פאר פינלאנד, עסטלאנד און קורלאנד קאסט דער זעלבער פעקעל מיט א דאלאר מעהר צוליעב דעם וואס די פארבינדונגען מיט דיעזע לענדער זיינען מעהר קאמפליצירט.

אונזער נעקסטע שיף נאך יוראפ געהט אפ דעם 30טען סעפטעמבער

אייער געלד איז אבסאליוט געזיכערט!

אונזער קאמפאני האט זיך אוועקגעשטעלט אויף א ראיעלען באדען. אז איהר מאכט ביי אונז א באשטעלונג, קריגט איהר א גאראנטי, אז אין פאל מיר געפינען ניט אייערע קרובים, אדער מיר קענען ניט, צוליעב וועלכע ניט אורזאכע, דעליווערען אייער פעקעל, דאמאאל גיבען מיר אייך אפ דאס געלט!

וואס אנבאטרעפט די זיכערהייט פון אריבערשיקען, זאלט איהר וויסען, אז מיר אינשורען יעדען פעקעל נעגען פייער, גנבה, רויבעריי, פלינדערונג און נעגען אירגענד וועלכען ריסק. מיר האבען געמאכט פארבינדונגען מיט איינע פון די גרעסטע און רייכסטע אינשורענס קאמפאניעס.

אונזערע ברענטשעס:

Bhanch 1.
33 ESSEX STREET
NEW YORK.
ADOLF HUNAU, Mgr.

Branch 2.
1946 SECOND AVE., NEW YORK.
JOE SANN, Mgr.

Branch 3.
235 SPRINGFIELD AVE.,
NEWARK, N. J.
HERMAN H. DENBURG, Mgr.

Branch 4.
176 AVENUE B,
Cor. 11th St., NEW YORK.
Miss CELIA TROPP in charge.

Branch 5.
266 MONROE STREET,
PASSAIC, N. J.
JOSEPH SILVER, Mgr.

Branch 6.
71 EVERETT AVENUE
CHELSEA, MASS.
I. WINTMAN, Mgr.

Branch 7.
458 ST. LAWRENCE BLVD.
MONTREAL, CANADA.
RAM & WALL, Represent.

געלט, טשעקס און מעיל־ארדערס זאלען געשיקט ווערען צו אונזער הויפט אפיס:

American - European Distributing Co., Inc.
116 NASSAU STREET,
NEW YORK

AMERICAN-EUROPEAN DISTRIBUTING CO. Inc.

Shipping and Receiving Dept:
33 ESSEX ST., NEW YORK
Telephone: Orchard 9928.

Main Office:
116 NASSAU ST., N. Y.
Telephone: Beekman 2862—2863

אונזער פירמא ווערט אפערירט אונטער א שורעטי באנד מיט די
NEW AMSTERDAM SURETY COMPANY.

אונזער רעפערענס:
CHATHAM PHOENIX NATIONAL BANK, EAST SIDE BRANCH.

GERECHTIGKEIT — (JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה (איוב, כ"ז, ו). אין מיין גערעכטיגקייט האַלט איך זיך שטאַרק, און וועל איהר ניט פאַר־לאָזען.

„מיר ווילען, מיר מוזען זיין גערעכט אפילו צו די, צו וועמען עס גלוסט זיך אונז צו זיין אונגערעכט". וואודראָו ווילסאָן.

אפיציעלער ארגאַן פון דער אינטערנעשאַנאַל לידיעס גאַרמענט וואָירקערס יוניאָן

VOL. I. No. 39. New York, Friday, October 10, 1919 פרייטאָג, דער 10טער אָקטאָבער, 1919 PRICE 3 CENTS

ערשטע צוויי זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד א. ל. ג. וו. י. אין באַפאַלאָ.

בעת די צייִלען ווערען געשריבען, האָט שוין דער דזשענעראל עקז. באָארד אָפּגעהאַלטען זיינע ערשטע צוויי מיטינ־גען, אויף וועלכע ב. שלעזינגער, דער פּרעזידענט פון דער אינטערנעשאַנאַל, אב. באַראָף, דער סעקרעטער־טרעזשורער פון דער אינטערנעשאַנאַל, און די וויצע־פּרעזידענטען מאָריס זיגמאַן, לעפקאָ־וויטש, סקולמאַן, פערלשטיין און אַמדור האָבען דערצעהלט די ווירקליך וואונדער־ליכע געשיכטע פון די לעצטע עטליכע מאָנאַטען אין דעם לעבען פון דער אינ־טערנעשאַנאַל.

אלע רעפּאָרטען וועלען פּערמאַנענט־ליכט ווערען אין די קומענדע נומערן פון „גערעכטיגקייט". דאָ ווילען מיר נאָר זאָגען, אז כאָטש יעדער רעפּאָרט איז גע־שריבען אין די איינפאַכסטע ווערטער, דאָך פון יעדען וואָרט שלאָגט א קוואַל פון לעבען און ענערגיע און א טיפער אריינדרינגען אין די פּראָבלעמען פון דער אינטערנעשאַנאַל בפרט און פון דער אר־בייטער־באַוועגונג בכלל.

יעדער רעפּאָרט ענטהאַלט אלעס, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען, און פון דאָס אויפגעטאָנענע ווערען געצויגען שליסע און עס ווערען געמאַכט רעקאָ־מענדיישאַנס פאַר ווייטערער טעטיגקייט.

דערווייל איז נאָך דאָס פאַרלעזען פון די רעפּאָרטען פון די וויצע־פּרעזידענטען, יעדער אויף זיין פעלד פון טעטיגקייט, ניט געענדיגט. אָבער מען ערוואַרט, אז אין דער נעקסטער זיצונג וועט די אר־בייט זיין געענדיגט, און מען וועט צו־טרעטען צו דער דיסקוסיאָן איבער די פאַרשיעדענע פראַגען, וואָס זיינען דורך די רעפּאָרטען אויפגעהויבען געוואָרען.

א העכסט אינטערעסאַנטען רעפּאָרט האָט אָפּגעגעבען ב. שלעזינגער. ער האָט געגעבען א זעהר אינטערע־סאַנטען איבערבליק איבער אלץ, וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרען פון דער אינ־טערנעשאַנאַל. ער האָט דערצעהלט פון די קעמפּפע און זיגע אין ניו יאָרק, באָס־טאָן, באַלטימאָר, קליוולאַנד און שיקאַ־גאָ. אויף די שטעדט האָט ער זיך ניט אָפּגעשטעלט זעהר לאַנג, אייניגע דער־פאַר, ווייל די דאָזיגע אלע אויפטואונגען זיינען מעהר אָדער ווייניגער באַקאַנט.

ער האָט זיך אָבער לענגער אָפּגע־שטעלט אויף זיין רייזע צום פּאַסיפיק קאָוסט, אויף דער לאַגע פון די לאָקאַלס אין לאָס אַנדזשעלעס, סאַן פראַנציסקאָ און סיאַטעל, און האָט אָנגעוויזען וואָס פאַר א ברייט פעלד פון גרויסער טעטיג־קייט עס עפענט זיך פאַר דער אינטער־נעשאַנאַל סיי אין די דריי דערמאָנטע שטעדט און סיי אין פיעלע אַנדערע שטעדט אויף דעם פּאַסיפיק קאָוסט.

ער האָט מיט אמת'ער באַגייסטערונג, כמעט פּאָעטיש, געשילדערט די לאַגע פון די דאָרטיגע ארבייטער. ער האָט דער־צעהלט אויף א זעהר אינטערעסאַנטען אופן וועגען דעם סטרייק פון די ארביי־טער אין סיאַטעל, און ווי ער איז געסע־טעלט געוואָרען. ער האָט מיט אייניגע שטריכען קלאָר געמאַכט דעם גרויסען איינפלוס, וואָס די אינטערנעשאַנאַל האָט דאָרט, און ניט נאָר צווישען די ארביי־טער, נאָר אויך צווישען די מאַנופעק־טשורערס, און עס איז אויסגעקומען, אז די פּערספּעקטיווען פאַר די ווייטערע טע־טיגקייט אויף דער פּאַסיפיק קאָוסט זיי־נען ווירקליך גלענצענדע. עס ליגט א פעלד פון אמת גוטער שוואַרצער ערד, און וואַרט נאָר אויף דעם, וואָס זאָל איהם באַפרוכטען דורך זיין פלייס און ענער־גישער ארבייט.

וואָס די אינטערנעשאַנאַל וועט טאָן אין דער הינזיכט, ווי אויך דער גאַנצער רעפּאָרט גופא פון דעם פּרעזידענט, אויף דעם וועלען מוזען אונזערע לעזער און די מיטגלידער פון דער אינטערנעשאַנאַל זיך אביסעל געדולדען און וואַרטען ביז נעק־סטען נומער.

דער סעקרעטער־טרעזשורער האָט זיין רעפּאָרט געבראַכט א פאַרטיג־אָנגעשרי־בענעם. דער רעפּאָרט זאָגט עדות פון דער גרויסער פלייסיגקייט פון סעקרע־טער, כאָטש ער איז בלויז א קורצער, זייט ער איז צו זיך געקומען פון זיין ערנסטער קראַנקהייט, וועלכע האָט זיך גראָדע אָנגעפאַנגען אויף דעם פאַריגען פערטעל־יעהרליכען מיטינג פון דעם דזשענעראל עקז. ב. אין פילאַדעלפיא.

אָבער דער רעפּאָרט טראָגט אויף זיך ניט בלויז סמנים פון פלייסיגקייט, נאָר אויך פון א טיפען אריינטראַכטען זיך

(שלוס אויף זייטע 4.)

אינהאַלט־פאַרצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 39.

זייט 2. די וואָך — נ. בוכוואַלד.
זייט 3. א וואָרט צו די ריפּער מאַכער וועגען בילדונג און אַנדערע זאַכען — דזש. העל־לער.
זייט 4. פראַגען און פּאָסירונגען אין דער קלאָוק אָפּערייטאָרס יוניאָן, לאָקאַל 1 — פ. קאַטלער. ערשטע צוויי זיצונגען פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באָארד — שלוס פון זייט 1.
זייט 5. וויכטיגע פּאָסירונגען אין דער רייג־קאָוט מאַכער יוניאָן, לאָקאַל 20 — ס. פריעדמאַן. קלאָוק שאַפּ קאָלעקשאַנס פאַר'ן 100 טויזענט דאָלאַר פאָנד — פי־ליפּ קאַפּלאָוויטש.
זייט 6. א סטרייק פון קאָרסעטען ארבייטער אין ניו יאָרק; דער זיעג פון די לוידיס טיילאָרס ווערט אלץ גרעסער. אויפ'ן מי־טינג פון לאָקאַל 25 — י. שענהאָלץ.
זייט 7. דער קעניג קומט! דר. ק. לעאָ. בריוולאַך פון פילאַדעלפיא — א. קרא־פּעווע.
זייט 8. א געזאַנג נאָך לעבען (ראָמאַן) — פּאַלינא וואָלמי.
זייט 9. ראָמאַן. בריוולאַך צום רעדאַקטאָר.
זייט 10. פון רעדאַקטאָרס נאָטיץ ביכעל.
זייט 11. דער רענט יקרות און די לאַנד ספּע־קולאַציע — א. זעלדין.
זייט 12. אין דער טעאַטער וועלט — דער קריטיקער. איך — דער אלטמאָדישער (פעליעטאָן) — א. וואַהלינער.
זייט 13. א באַזוך אויפ'ן שלאַכטפעלד פון די שמאָהל סטרייקער — ה. לאַנג.
זייט 14. אַן אומגליקליכע פריינדשאַפט (סקי־צע) — לעאָן קוסמאַן. ליעדער — מ. סילווערמאַן.
זייט 15. דער זעקס שטונדען ארבייטס טאָג — דזשוליעט סטוארט פּוינטץ.
זייט 16. די פרויען־וועלט — ראָזע בעדריק־בלינדער. קורצע שמועסען.
זייטען 17, 18 און 19 — אדווערטייזמענטס.
זייט 20. עבינים פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אין דער פּרעסע — א סטעף רעפּאָרטער.

פאַרבערייטונגס ארבייט פון דער אינטער־נעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע

לעצטען מאָנטאָג אָוונט איז אָפּגע־האַלטען געוואָרען דער קאָנפערענץ פון פאַרטרעטער פון די באַזונדערע עדיוקיי־שאַנאַל קאָמיטעס פון אונזערע ניו יאָרקער לאָקאַל יוניאָנס. דער קאָנפערענץ איז איינ־גערופען געוואָרען פון דער אינטערנעשאַ־נאַל עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע און איז אָפּ־געהאַלטען געוואָרען אין דער גרויסער קאָונסיל רום פון אונזער אינטערנעשאַנאַל אָפיס, 31 יוניאָן סקווער.

דער קאָנפערענץ איז געעפענט געוואָ־רען פון אונזער וויצע פּרעזידענטין, שוועס־טער פאַניא מ. קאָהן. זי האָט אין א קור־צער רעדע ערקלערט דעם צוועק פון דער צוזאַמענקונפט, נעמליך, זיך צוזאַמענצו־רעדען און זיך צו פאַרשטענדיגען מיט די אלע לאָקאַל עדיוקיישאַנאַל קאָמיטעס, אום די אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל אר־בייט פאַר דעם קומענדען סיזאָן זאָל זיין וואָס ערפאָלגרייכער.

שוועסטער קאָהן האָט דאַן פאָרגע־שטעלט פאַר'ן עולם דר. פרידלאַנד, דער אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל דירעק־טאָר.

דר. פרידלאַנד האָט באַגריסט די אַנ־וועזענדע און דערביי געהאַלטען א גאַנץ אינטערעסאַנטע באַלערענדע רעדע וועגען ערציהונג בכלל און וועגען זיינע פּלענער פאַר דער עדיוקיישאַנאַל ארבייט אין אונ־זער אינטערנעשאַנאַל בפרט. ער האָט דאַן אויפגעפאָדערט די אַנוועזענדע דעלעגאַ־טען, אויסצודריקען מיינונגען און מאַכען פאָרשלעגע אין באַצוג דער ארבייט.

אייניגע פאַרטרעטער פון די קאָמיטעס האָבען אויסגעדריקט זייער באַדויערען, וואָס פון אַזוי פיעל טויזענדע מיטגליעדער וואָס מיר האָבען אין ניו יאָרק קומט פאַר־העלטניסמעסיג א גאַנץ קליינער פּראָצענט צו די לעקטשורס און אין די קלאַסען וואָס ווערען אַראַנזשירט. אלע האָבען איינגע־שטימט אז דאָס איז זעהר פאַרדריסליך און די אַנוועזענדע האָבען זיך פאַרפליכ־טעט צו ווירקען צווישען די מיטגלידער פון זייערע לאָקאַלס, אז וואָס מעהר מענ־שען זאָלען זיך רעדזשיסטרירען אין די קלאַסען און לעקטשור קורסען פון דעם קומענדען סיזאָן.

עס זיינען נאָך דיסקוטירט געוואָרען אייניגע אַנדערע פראַגען.

אין דעם זין פון פּראַקטישער ארבייט האָט דער קאָנפערענץ אויפגעטאָן דאָס, וואָס עס איז באַשלאָסען, אז דער קאָנפע־רענץ אָרגאַניזירט זיך אין באַשטענדיגער אָרגאַניזאַציע, צו אַרבייטען האַרמאָניש און געמיינשאַפטליך מיט דער אינטערנע־שאַנאַל עדיוקיישאַנאַל קאָמיטע. דער פאַר־באַנד וועט באַשטעהן פון דריי פאָרטרע־טער פון יעדער לאָקאַל עדיוקיישאַנאַל קאָ־מיטע און ער וועט אָפּהאַלטען מיטינגען אַזוי אָפט ווי דאָס וועט נויטיג זיין. א חוץ דעם זאָל דער קאָנפערענץ אויסוועהלען אַן עקזעקוטיוו קאָמיטע און דיזע קאָמיטע זאָל זיין אין שטענדיגער באַריהרונג מיט דעם אינטערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל דע־פּאַרטמענט און באַריכטען צו די מיטינגען פון'ם דזשאָינט קאָנפערענץ וועגען אלע פּלענער און טעטיגקייטען.

דאָס מיינט אלזאָ, אז פון איצט אָן וועלען א גרעסערע צאָהל מענשען זיין די־רעקט פאַראינטערעסירט מיט דער אינ־טערנעשאַנאַל עדיוקיישאַנאַל ארבייט און דער רעזולטאַט דערפון וועט האָפענטליך זיין, אז א גרעסערער צאָהל מיטגלידער וועלען זיך דעם נעקסטען סיזאָן באַטייליגען אין די קלאַסען און לעקטשור־קורסען.

מיר מאַכען אויפמערקזאַם די מיטגלי־דער פון אלע ניו יאָרקער לאָקאַלס, דאָס מען קאָן שוין זיך רעדזשיסטרירען פאַר די קלאַסען און לעקטשור־קורסען, אין די לאָקאַל אָפיסעס פון די יוניאָנס. די קלאַ־סען וועלען זיך עפענען גלייך נאָך יום טוב און אום מען זאָל קאָנען בעסער איינשטע־לען די קלאַסען איז ווינשענסווערט די מיטגלידער זאָלען זיך וואָס פריהער רע־דזשיסטרירען.

שוועסטער און ברידער! באַנוצט זיך מיט דער געלעגענהייט וואָס די אינטער־נעשאַנאַל גיט אייך צו לערנען, זיך צו ענטוויקלען. דאָס וועט אייך זעהר צוניץ קומען פאַר'ן גאַנצען לעבען.

גענאָסע אב. קאַהאַן צוריק פון אייראָפּא

דעם דאָנערשטאָג אין דער פריה, איז דער רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", גענ. אב. קאַהאַן, צוריקגעקומען פון זיין רייזע איבער דער פאַרוויסטער אייראָפּא, מיט דער שיף „לאַ פראַנס". אויפ'ן פּיער וואו די שיף איז אָנגעקומען האָבען געוואַרט פאַר איהם פיעלע דעלעגאַציעס פון יו־ניאָנס, פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציעס, פון אר־בייטער רינג און א סך פּערזענליכע פריינד. אלע האָבען געוואַרט מיט בלומען־בוקעטען און גענאָסע קאַהאַן האָט באַקו־מען א זעהר וואַרימע אויפנאַהמע.

דער אָפיציעלער קבלת פנים, וואָס אונזער אידישע ארבייטער באַוועגונג גיט דעם רעדאַקטאָר פון „פאָרווערטס", וועט פאָרקומען דעם שבת ביינאַכט, דעם 11טען אָקטאָבער, אין קאַרנעגיע האָל. אין דעם קבלת פנים באַטייליגען זיך אלע אידישע יוניאָנס, און ראַדיקאַלע אָרגאַניזאַציאָנען פון ניו יאָרק, אונזערע אינטערנעשאַנאַל לאָקאַלס אריינגערעכענט. גענאָסע קאַהאַן וועט דאָרט איבערגעבען זיינע איינדריקע פון זיין מערקווירדיגער רייזע, איבער דער פאַרוויסטעטער אייראָפּא, אונטער אזעל־כע אויסערגעוועהנליכע אומשטענדען.

ביי דער געלעגענהייט וועט אין קאַרנעגיע האָל אויך געגעבען ווערען א פּאַסענדער קאָנצערט.

די גאַנצע איינאַהמע פון דעם אָוונד געהט פאַר'ן פּיפּעלס רעליעף, פאַר די אי־דישע מלחמה קרבנות.

אין נאָמען פון אונזער גאַנצער אינ־טערנעשאַנאַל לידיעס גאַרמענט וואָרקערס יוניאָן באַגריסען מיר הערצליך דעם גרוי־סען גאַסט. מיר ווינשען גענ. אב. קאַהאַן נאָך פיעלע, פיעלע יאָהרען פון לעבען און טעטיגקייט פאַר דער אידישער ארבייטער באַוועגונג אין אַמעריקא, און פאַר דעם אומגליקליכען אידישען פאָלק בכלל. מיר האָפען, דאָס גענ. קאַהאַן וועט איצט, מיט באַנייטע כוחות, זיך אריינוואַרפען אין דעם גרויסען ארבייטער־קאַמף, פאַר א שענער און בעסער לעבען פון די ארביי־טער־מאַסען און וועט ווייטער קעמפען צו באַפרייען די וועלט פון אויסבייטונג, אונ־טערדריקונג און פון יעדען סאָרט שקלאַ־פעריי.

ברוך הבא, גענאָסע און ברודער אב. קאַהאַן!

דער קאמף און זיעג פון די לידיס טיילארס יוניאן אין באסטאן

פון דזשייקאב ווהייט.

די לידיס טיילארס יוניאן פון באסטאן לאקאל 36, פון אונזער אינטערנעשאנאל לידיס גארמענט ווארקערס יוניאן, האט שוין הינטער זיך א שטיקעל געשיכטע.

נאך אין דעם יאהר 1913, האט די יו־ניאן אנגעפירהט א סטרייק פאר אן אכט שטונדיגען ארבייטס טאג און נאך אנדערע פאדערונגען. דער סטרייק איז יעמאלס געוואונען געווארען.

אבער א שטיקעל צייט נאכדעם ווי די ארבייטער האבען זיך צוריקגעקעהרט אר־בייטען, האט די באסעס אסאסיאיישאן אויפגעשפיעלט א טריק, זיי האבען געבראכען דעם אגרימענט מיט דער יוניאן און אויסגעשלאסען די ארבייטער. עס איז שוין געווען ביים ענדע פון סיזאן און די יוניאן האט זיך געפונען אין א שלעכטער פארלעגענהייט. דער רעזולטאט איז גע־ווען, דאס די אקטיווע מיטגלידער פון דער יוניאן זיינען אוועקגעשטעלט געווארען אויף דער „שווארצער ליסט" און זיי הא־בען איינפאך געמוזט פארלאזען דעם טרייד. די וועניגער אקטיווע מיטגלידער־ זיינען געווען געצוואונגען אנצופאנגען אר־בייטען אונטער ניט יוניאן צושטאנדען און דאס האט געפיהרט צו דעם, דאס די יוניאן איז אין גאנצען צופאלען געווארען. דיזער צושטאנד האט אנגעהאלטען כמעט ביז דעם מאנאט יאנואר פון 1919. ערשט דעמאלט האט זיך די לידיס טיילארס יו־ניאן אין באסטאן אנגעפאנגען רעארגאני־זירען.

עס האט פאסירט אויפ'ן פאלגענדען אופן.

די ניו יארקער לידיס טיילאר פירמע היקסאן האט אויך א שאפ אין באסטאן, און ברודער מאגנאוויטא, דער ביזנעס איי־דזשענט פון לאקאל 80, איז געקומען אין באסטאן אויסגעפינען צו אין יענעם שאפ ווערט ניט געמאכט ניו יארקער ארבייט. און ארויסגעוויזען האט זיך, דאס ניו יאר־קער ארבייט איז טאקע ווירקליך אין יע־נעם שאפ געמאכט געווארען. אין דעם ניו יארקער שאפ פון דער פירמע איז דע־מאלט געווען טראבעל. די ארבייטער פון דעם באסטאנער שאפ זיינען גערופען גע־ווארען צו א שאפ מיטינג און מען האט זיי באוויזען אז זיי מאכען איינפאך סקעב־ארבייט.

דאס האט געמאכט אויף די ארבייטער א שטארקען איינדרוק און זיי האבען בא־שלאסען ניט צו סקעבען געגען זייערע ברידער אין ניו יארק, וועלכע האבען גע־ארבייט פאר דער זעלבער פירמע, און דעם נעקסטען פריהמארגען זיינען זיי ניט גע־גאנגען צו דער ארבייט. דער סוף איז געווען, דאס די ארבייטער פון היקסאן'ס שאפ אין באסטאן זיינען געשטאנען אי־בער צוויי וואכען צייט אין סטרייק, ביז דער סטרייק געגען דער פירמע אין דעם ניו יארקער שאפ איז געסעטעלט געווא־רען.

דער סטרייק אין דעם באסטאנער שאפ האט אבער נאך אנגעהאלטען. ווען ברודער מאגנאוויטא איז צוריקגעפאהרען אין ניו יארק האט ער פארשפראכען, דאס לאקאל 80 וועט שיקען פינאנציעלע הילף ווייטער אנצופיהרען דעם סטרייק אין באסטאן. אבער יענע הילף איז לײדער ניט געקומען און די ארבייטער האבען דעם סטרייק גע־גען דער פירמע פארלארען. ווי עס שיינט, האט לאקאל 80 אזוי שנעל ווי עס איז גע־וואונען געווארען דער סטרייק געגען דער פירמע אין דעם ניו יארקער שאפ, זיך אין גאנצען פארגעסען אן די ארבייטער פון דעם באסטאנער שאפ, וועלכע האבען זיי געהאלפען דעם סטרייק געווינען.

דער סטרייק אין היקסאן'ס באסטא־נער שאפ, כאטש ער איז דעמאלט פארלא־רען געווארען, האט אבער געהאט א גוטע ווירקונג אויף די ארבייטער אין דעם טרייד. עס האט זיך גענומען פיהלען, אז מען דארף האבען אן ארגאניזאציאן, דאס מען דארף ווידער אויפלעבען דעם לאקאל 36, וועלכער האט נאך דעמאלט עקזי־סטירט בלויז אויפ'ן פאפיר. מאנכע פון די מעהר קלאסען־באוואוסטע ארבייטער אין דעם פאך, די אלטע מיטגלידער פון דעם איצטיגען לאקאל, זיינען ווידער אק־טיוו געווארען. די ברידער סוסעווערי־נא, האמבורג, ענטין און נאך אנדערע אזעלכע, האבען זיך ווידער אריינגעווא־רפען אין דער באוועגונג מיט לייב און לע־בען און עס האט זיך אנגעהויבען, מיט מיין הילף, א נייע יוניאן־ארגאניזאציאנס טעטיגקייט. מיר האבען גענומען רופען שאפ נאך שאפ צו מיטינגען און וועקען דעם עולם, זיי רופען צוריק אין דער יו־ניאן.

מיר האבען דאן צוריקגעקראגען דעם טשארטער פון דער אינטערנעשאנאל און אנגעפאנגען א ברייטערען קאמפיין אריינ־צוקריגען מעהר מיטגלידער אין דער יו־ניאן. היינט צו־טאג באשטעהט אונזער לאקאל פון איבער 200 מיטגלידער, וואס דאס מיינט ביי אונז אין שטאדט אז מיר קאנטראלירען דעם טרייד פולע 100 פרא־צענט.

אונטער דיזע אומשטענדען האט זיך גלייך אנגעפאנגען א פראפאגאנדע פאר בעסערע ארבייטס־באדינגונגען, און מיר האבען אונזערע פאדערונגען ארויסגע־שיקט צו די בעלי בתים.

דאס איז געווען מיט איייניגע וואכען צוריק, מען האט די בעלי בתים געגעבען א פאר וואכען צייט צו ענטפערען. זיי האבען אבער ניט געענטפערט און דעם 10טען סעפטעמבער, מיט דער צושטימונג פון סעקרעטער באראף, וועלכער איז יע־מאלט גראדע געווען אין באסטאן, האבען מיר ערקלעהרט א גענעראל סטרייק.

דער רוף פון דער יוניאן איז פאלשטענ־דיג געהערט געווארען און א ל ע ארביי־טער אין טרייד האבען אפגעשטעלט. די בעלי בתים האבען שוין גלייך פארשטאנען וואס דאס מיינט און עס האט באלד נאכ־מען שטראמען אין דער יוניאן אפליקיי־שאנס פאר סעטלמענטס.

באלד האבען אבער די בעלי בתים אונז געלאזען וויסען, אז זיי האבען זיך פארמירט אין אן אסאסיאיישאן און אויס־געפינענדיג, אז אין דער אסאסיאיישאן באלאנגען מאנכע פון די גרעסטע הייזער אין טרייד האבען מיר איינגעוויליגט צו געהן צו א קאנפערענץ. פון דעם ערשטען קאנפערענץ האט זיך אבער גאר ניט אויס־געלאזט. עס האט ארויסגעוויזען, ווי ביי־דע צדדים וואלטען זיך צוזאמענגעקומען בלויז זיך צו מעסטען די כחות... דאך אבער זיינען נאכדעם אפגעהאלטען געווא־רען א רייהע קאנפערענצען און אן אגרי־מענט איז דאך געשאפען געווארען.

די הויפט פונקטען פון דעם אגרימענט זיינען:

1. אנערקענונג פון דער יוניאן.
2. וואך־ארבייט.
3. א 44־שטונדיגע ארבייטס וואך.
4. געזעצליכע יום טובים און טיים און א העלף פאר אווערטיים ארבייט.
5. גלייכע צוטיילונג פון דער ארבייט און א קלאוזד יוניאן שאפ, און נאך אנדע־רע פונקטען.

דער אגרימענט איז פון די סטרייקער אנגענומען געווארען אויף א גענעראל מעמבער מיטינג, מיט גרויס באגייסטע־רונג. דער גרעסטער ענטוזיאזם וואס מען קאן זיך נאר פארשטעלען האט גע־הערשט אויף יענעם מיטינג און די ארביי־טער האבען דאן איינפאך געשוואוירען, מעהר ניט צו לאזען פאלען די יוניאן אונ־טער קיינע אומשטענדען. מען קאן זאגען, דאס נאך קיין מאל אין מיין לעבען האב איך אזוי גוט געפיהלט, ווי אויף יענעם מיטינג. דאס וועלכע אויך מיט אונזערע אקטיווע מעמבערס, וועלכע זיינען גלייך צוגעשטאנען מיר צו העלפען אין דער אר־בייט דעם לאקאל ווידער צו ארגאניזירען. ווארים איהר דארפט וויסען, דאס ווען מיר האבען די ארבייט אנגעפאנגען צו ארגאני־זירען זיינען געווען גענוג מענשען וואס האבען אונז שווער געמאכט דאס הארץ, וועלכע האבען גע'טענה'ט, אז מיר פטור'ען בלויז צייט און אז עס וועט דערפון „סיי־ווי גאר ניט ארויסקומען". דאס „אנדערע האבען שוין בעפאהר מיר געטריים" און עס איז גאר ניט געווארען דערפון. אונ־זער ארבייט איז אבער טראטץ דעם אלעם געקרוינט געווארען מיט ערפאלג. מיר האבען געהאט א גרויסען, באדייטענדען זיעג.

קרעדיט פאר דעם זיעג קומט אויך דעם לאיער פון אונזער יוניאן, מר. דזשאזעף ביעראק, וועלכער האט אונז גאר פיעל מיטגעהאלפען. ער האט אונז געהאלפען נים בלויז אלס לאיער, ער האט ווירקליך ארויסגעוויזען פיעל ליעבע אין דער אר־בייט, העלפענדיג די ארבייטער בויען זייער ארגאניזאציאן.

די בעאמטע פון דעם לאקאל דאנקען איצט אלעמען, וועלכע האבען געהאלפען די יוניאן אין צייט פון נויט, וועלכע הא־בען געהאלפען די יוניאן קומען צו זיך, ווידער שטעלען זיך אויף די אייגענע פיס, און זיי האפען אין דער צוקונפט אלעמען אפצודינען, פאר דער הילף און סימפאטיע וואס די לידיס טיילארס יוניאן לאקאל 36 האט פון זיי באקומען.

דז"ש. ווהיים,
ארגאנייזער לאקאל 36.

א סטרייק פון לידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער אין פעטערסאן

די לידיס טיילארס און אלטעריישאן שניידער פון פעטערסאן, ניו דזשוירזי, זיינען לעצטען מיטוואך, דעם 30טען סעפ־טעמבער, ארויס אין סטרייק פאר בעסע־רע ארבייטס־באדינגונגען. די סטרייקער זיינען מיטגליעדער פון אונזער נייעם לא־קאל 123, וועלכער איז דארט ניט לאנג צוריק ארגאניזירט געווארען.

דער סטרייק האט זיך אנגעפאנגען אויפ'ן פאלגענדען אופן:

די ארבייטער, דורך זייער לאקאל יו־ניאן, האבען געשטעלט פאדערונגען פאר קירצערע שטונדען און העכערע שכירות, און דאס האט די בעלי בתים זייערע גאר ניט געשמעקט. אלס רעזולטאט דערפון האבען צוויי פירמען אויסגעשלאסען זייע־רע ארבייטער און די יוניאן האט געענט־פערט מיט א גענעראל סטרייק פון אלע ארבייטער פון דעם פאך אין פעטערסאן. קיין סך ארבייטער זיינען דארט אין דעם פאך נישא, אבער וויפיעל עס זיינען דא, זיינען אלע ארונטער אויף דעם רוף פון זייער יוניאן.

דער סטרייק וועט געפיהרט ווערען פון אונזער אינטערנעשאנאל ארגאנייזער, ברודער א. סניידער, וועלכער געפינט זיך איצט אין פעטערסאן.

דער סטרייק האט דעם פולען איינ־דארסמענט פון דעם טריידס און לייבאר קאונסיל פון דער אמעריקאן פעדעריישאן און לייבאר אין פעטערסאן. די בעאמטע פון די פעדעריישאן יוניאנס זיינען פאר־אינטערעסירט אין דעם סטרייק און וועלען איהם העלפען, מיט וואס עס וועט נאר נויטיג זיין.

עס איז איבעריג צו זאגען, דאס דער סטרייק האט אויך די סימפאטי פון דער גאנצער ארבייטער באפעלקערונג אין פע־טערסאן.

וויכטיג פאר סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אונזערע לאקאלס!

מיר ווילען דא באקאנט מאכען צו די סעקרעטערע און מענעדזשערס פון אלע אינטערנעשאנאל לאקאלס פון ניו יארק, אזוי גוט ווי פון די קאנטריס, דאס די בא־ריכטען וועגען דער טעטיגקייט אין זייערע לאקאלס, וואס זיי ווילען האבען געדרוקט אין דעם לויפענדען נומער, מוזען מיר הא־בען אין רעדאקציע ניט שפעטער ווי דינ־סטאג. דאס זעלבע באציהט זיך אויך אויף קארעספאנדענטען און בריעף־שרייבער.

דער פערטעל יעהרליכער מיטינג

פון דער

דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד

אינטערנעשיאנעל לידיעס גארמענט ווארקערס יוניאן.

וועט אפגעהאלטען ווערען

נעקסטע וואך אין באפאלא, ניו יארק, האטעל סטאטלער

דער מיטינג וועט ערעפענט ווערען מאנטאג, דעם 6טען אקטאבער, און וועט אנגעהאלטען ביז ענדע וואך.

לאקאלס וואס האבען פארלאנגען צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באאר, זאלען זיך ווענדען שריפטליך אדער דורך קאמיטעס אין האטעל סטאטלער, באפאלא.

קאמיטעס וועלען אויפגענומען ווערען דינסטאג און מיטוואך, דעם 7טען און 8טען אקטאבער.

אב. באראף, דזשענעראל סעק.־טרעזש.